STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01042

# KULTUR-GESHIKHTE FUN DER HASKHOLE IN LITE

Jacob Shatzky

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joan Wendroff*
*in memory of*
*Mary & Lester Berkley*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יעקב שאַצקי

# קולטור-געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע

דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט
לכבוד דעם 25־יאָריקן יובל
פון
יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט
— ייוואָ ·

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

70

באַנד

רעדאַקטאָר:

מארק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ד״ר יעקב שאַצקי

# קולטור־געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע

(פון די עלטסטע צייטן ביז חיבת ציון)

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, 1950
בוענאָס־איירעס, 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Dr. J. Shatzky, Nueva York

Dr. J. SHATZKY

# KULTUR-GESHICHTE FUN DER HASCOLE IN LITE

(HISTORIA DE LA CULTURA DEL ILUMINISMO EN LITUANIA)

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1950
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN

# אינהאַלט:


הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — 9

1. די פאָרלויפער פון דער השכלה־באַוועגונג — — — — — — — 11

2. די ערשטע קעמפּנדיקע משכילים פון ליטע — — — — — — 24

3. השכלה אין ליטע אין דער תקופה פון 1794 ביז 1803 — — 35

4. ערשטע יידישע דרוקערייען אין ליטע — — — — — — — 43

5. פירשט אדאַם טשאַרטאָריסקי דער „משכיליזאַטאָר פון ליט־
ווישן יידנטום (1803—1824) — — — — — — — — — 47

6. דער ווילנער אוניווערזיטעט און יידן (1803—1824) — — 58

7. יידישע קולטור־טעטיקייט אין ליטע (1803—1824) — — 63

8. נייע יידישע דרוקעריי און דער מסחר מיט ספרים
(1804—1824) — — — — — — — — — — — — 74

9. אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע זוכענישן — — — — — — — — 79

10. השכלה אין ליטע אין די יאָרן 1824—1841 — — — — — 83

11. אין צייכן פון אָפיציעלער השכלה (1841—1873) — — — 110

12. די ראַבינער־שול אין ווילנע און די אַלגעמיינע בילדונג־
רוסיפיקאַציע — — — — — — — — — — — — — — 119

13. קולטור־טעטיקייט פון די ליטווישע משכילים ביז דער תקופה
פון חיבת ציון — — — — — — — — — — — — 133

14. דער סך־הכל פון דער ליטווישער השכלה — — — — — — 153

הוספות — — — — — — — — — — — — — — — 155

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — 204

נעמען־רעגיסטער — — — — — — — — — — — — — 211

ביכער־רשימה — — — — — — — — — — — — — — 216

פּרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — — 219

# וואָס עס שטאַרבט אין לעבן לעבט אין דער געשיכטע.

די שאָטנס פון דעם בויער
פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע
אין מזרח-אייראָפּע

## שמעון דובנאָוו

(1943 - 1860)

געהייליקט מיט טיפן יראת הכבוד

# הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך איז לכתחילה געשריבן געוואָרן פאַרן יזכור־בוך „ליטע", וואָס דער פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין ניו־יאָרק גיט אַרויס. צוליב דוחק אין פּלאַץ האָט אַ גרויסער חלק פון דער אַרבעט געמוזט אינגאַנצן אַרויסגענומען ווערן. חוץ דעם זענען די הוספות, ביבליאָגראַפיע און די בילדער אינגאַנצן ניט געוועזן געפּלאַנט פאַר יענער אויסגאַבע. אַזוי אַרום ווערט דאָס דאָזיקע בוך צום ערשטן מאָל איצט פאַרעפנטלעכט פולשטענדיק.

אין דעם בוך ווערט אויך צום ערשטן מאָל אין אונדזער היסטאָריאָגראַפיע אַנאַליזירט די השכלה־ליטעראַטור נישט ווי ליטעראַטור, נאָר ווי אַ קולטור דינאַמיק, וואָס האָט געהאַט טיפע סאָציאַלע וואָרצלען אין דעם ליטווישן יידנטום. די קאָנסומציע פון געדרוקטן וואָרט איז אין דעם פּרט געוועזן פאַרן מחבר וויכטיקער, ווי אַן אַנאַליז פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע. די יידישע שול־באַוועגונגען, פריער די לומדיש־משכילישע, שפּעטער די פּויליש־פּריצישע און צום סוף די אָפיציעל־רוסישע זענען דאָ באַלויכטן אין ליכט פון נישט־געדרוקטע אַרכיוו־קוועלן. די ריזיקע ליטעראַטור פון מעמוארן, די מיטצייטלערישע פּרעסע און אַנדערע מאַטעריאַלן זענען אויסגענוצט געוואָרן אַזוי פולשטענדיק, ווי עס איז געוועזן מעגלעך, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די אַמעריקאַנער ביבליאָטעקן זענען נישט איבעריק רייך אין ביכער, געשריבן אין די סלאַווישע לשונות.

אויב דער לייענער וועט אין דעם בוך נישט געפינען אַ נאָמען פון אַ גוט באַקאַנטן העברעאישן שרייבער פון יענער תקופה, ווי למשל מיכאל לעבענזאָן, דעם זון פון אד"ם הכהן, זאָל ער דאָס צושרייבן דעם פאַקט, אַז די נישט דערמאָנטע זענען געוועזן נאָר שרייבער, אָפטמאָל אפילו מיט

מער טאַלאַנט, ווי די סאַמע פּאָפּולערע משכּילים, אָבער אין דער השכּלה ווי אַ קולטור־היסטאָרישע באַוועגונג האָבן זיי געשפּילט אַ באַשיידענע ראָלע. דערפאַר ווערן זיי נישט דערמאָנט. זייערע נעמען און ווערק קען דער לייענער געפינען אין צינבערגס מאָנומענטאַלע „געשיכטע פון ליטע־ראַטור ביי יידן״.

איך בין געווען אויסן פון אַ פּערספּעקטיוו פון אַ טראַגיש־פאַרשלאָ־סענער תּקופה אין אונדזער גאָרער געשיכטע, אָפּשאַצן סאָציאָלאָגיש די ראָלע און אַנטוויקלונג פון דער השכּלה, נישט אין די ראַמען פון ליטע־ראַטור, נאָר אין די ראַמען פון סאָציאַלע השפּעות, פריער ווי פאַרלויפער־פּיאָנערן, שפּעטער ווי אַ דינאַמישע באַוועגונג פון גרופּעס.

דערפאַר האָבן מיך האָנאָראַר־באַדינגונגען, טיראַזשן, פּאָפּולאַריטעט, פּראָדוקציע, שול־פּאָליטיק מער אינטערעסירט, ווי דער ליטעראַרישער ווערט פון די חיבורים.

אין דעם ליכט דאַרף דאָס דאָזיקע בוך געלייענט ווערן.

עס איז געווען מיין אַלטער חלום אָנצושרייבן אַזאַ בוך. דער פאַר־באַנד פון ליטווישע יידן האָט ממש גורם געווען, אַז דער חלום זאָל ווערן — רעאַליטעט. דער יזכור־קלימאַט האָט אָבער נישט געשטערט מיר צו זיין אַזוי אָביעקטיוו, ווי אַ היסטאָריקער דאַרף זיין און נישט מגזם זיין דעם עבר, ווייל ער איז אַזוי בלוטיק פאַרלוירן געוואָרן.

איך דאַנק מיינע פריינט מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג פאַר אַריינגעמען מיין בוך אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״.

מיט דעם דאָזיקן בוך האָבן זיי משיג־גבול געווען די „טעריטאָריע״ פון זייער טעמאַטיק. אָבער דאָס ליטווישע יידנטום איז געווען אַ קיבוץ, וואָס האָט געלעבט אין די מלוכהשע גרענעצן פון אַמאָליקן פּוילן, ממילא איז דאָס נישט קיין „אימפּעריאַליזם״, נאָר היסטאָרישער רעאַליזם.

ד״ר יעקב שאַצקי

ניו־יאָרק, דעם 16טן יולי 1950

## קאַפּיטל 1

# די פאַרלויפער פון דער השכלה־באַוועגונג

די וועלט אין וועלכער יידן אין ליטע האָבן געלעבט דורות־לאַנג איז ווייט נישט געווען אַזוי הערמעטיש פאַרמאַכט, ווי מען איז נוהג צו דענקען. הגם עס איז צווישן דער יידישער און נישט יידישער וועלט נישט געווען אַזאַ פּערמאַנענטער סאָציאַל־קולטורעלער קאָנטאַקט, ווי אַן „אויפגעקלערטער" ייד וואָלט זיך געוווּנטשן, דאָך קען מען נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט אַז אַזאַ קאָנטאַקט איז דאָך געווען. געגאַנגען איז דער דאָזיקער קאָנטאַקט דורך פאַרשידענע וועגן און אומוועגן און האָט נישט איין מאָל אָנגעשפּאַרט אין אַזעלכע פאַרוואָרפענע ווינקלען פון ליטע, וווּ עס זענען אפילו קיין גרויסע יידישע ישובים נישט געווען. אין מערב־אייראָפּע וואָלט מען אַזעלכע קאָנטאַקטן אויסגעטייטשט ווי בולטע סימנים פון אַ „דערנענטערונג" צווישן דער יידישער און נישט יידישער וועלט.

אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער קולטור אין ליטע זענען פאַראַן מאָמענטן פון פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, נישט אין אַן ערך אָפטערע און פּערמאַנענטע ווי אין פּוילן. קודם כל איז דאָס געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער דינאַמישער סעקטאַנטישער באַוועגונג, וואָס איז אַהין אַריינגעדרונגען אין שייכות מיט דער גייסטיקער עקספּאַנסיע פון דער דייטשישער רעפאָרמאַציע . די קאַטוילישע קירך האָט געקוקט מיט חשד אויף דער „כפירה" פון די ליטווישע מאַגנאַטן און האָט די נייע רעליגיעזע געדאַנקען אַ נאָמען געגעבן „אפּיקורסישע חידושים (נאַווינקי). זי האָט געהאַלטן די

בויער פון דער רעפאָרמאַציע פאַר „פּאַריידישטע״ קריסטן און האָט באַ־שולדיקט די יידן אין ליטע אין העלפן פאַרשפּרייטן די רעפאָרמאַציע, ווייל דאָס ביסל לשון הקודש וואָס די ליטווישע קאַלווינער, לוטעראַנער און אַנ־דערע סעקטאַנטן האָבן געמיינט אַז זיי קענען, האָט געזאָלט קומען צו זיי דורך יידן. ממילא איז די קאַטוילישע רעאַקציע קעגן דער רעפאָרמאַציע אין ליטע געווען דורכגעזאַפּט מיט שטאַרקע אַנטיסעמיטישע טענער.

עס איז אמת, אַז די פּוילישע פּראָטעסטאַנטן אין ליטע האָבן זיך גענו־מען לערנען העברעאיש. אין דער גימנאַזיע אין סלוצק, וואָס דער ליטווי־שער מאַגנאַט, דער קאַלווינער ק ר י ש ט אָ ף ר אַ ד ז י וו י ל האָט געגרינדעט אין יאָר 1617 און וואָס האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1775 האָט מען געלערנט העברעאיש דריי שעה אַ וואָך. אויך אין אַנדערע ביל־דונג אַנשטאַלטן וואָס די ליטווישע קריסטלעכע „כופרים״ האָבן געגרינדעט האָט מען זיך אויך אַ סך אָפּגעגעבן מיטן לימוד פון העברעאיש. יידן האָבן אפשר צוגעשטעלט די נויטיקע ספרים ווייל זיי האָבן מיט זיי גע־האַנדלט. צווישן די לערער פון העברעאיש געפינט מען אָבער נישט קיין יידן, אפילו נישט קיין משומדים, ווי דאָס איז געווען, למשל, אין דער קאַ־טוילישער קראָקע אָדער אין די פּראָטעסטאַנטישע אוניווערסיטעטן פון דייטשלאַנד.

די קאַטוילישע ליטעראַטור אין ליטע האָט נישט אויפגעהערט צו באַ־שולדיקן יידן אין העלפן פאַרשפּרייטן די „דייטשע אמונה״ ד. ה. דעם פּראָטעסטאַנטיזם. היות ווי צווישן אַ סך דייטשן וואָס האָבן איינגעוואַנ־דערט קיין ליטע האָט זיך דער פּראָטעסטאַנטיזם שטאַרק פאַרשפּרייט, האָבן די פּאַרטיידיקער פון דער קאַטוילישער קירך געטענהט, אַז יידן, ווי די „לומדי הדת״, דאָס הייסט ווי די קענער פון תנ״ך, וואָס איז אויך געווען דער יסוד פון דעם נייעם טעאָלאָגישן אני מאמין, האָבן דאָ געשפּילט די ראָלע פון פאַרמיטלער. מיט די דאָזיקע דייטשן האָבן זיי זיך געקענט צונויפרעדן — זאָגן זיי און דערפאַר איז אַ לוטעראַנער גרינגער געווען זיך צונויפרעדן מיט אַ ייד, ווי מיט אַ פּאָליאַק־קאַטויל.

אין אַ זעלטענעם געגראַמטן פּאַמפלעט, געדרוקט אויף פּויליש אין ווילנע אין יאָר 1646 ווערן יידן געשילדערט ווי די „משיח אָנזאָגער״ פון די „פּאַריידישטע קריסטן״ ד. ה. פון די פּראָטעסטאַנטן. אין דעם דאָזיקן

פאמפלעט געשריבן אין א פארם פון א דיאלאג ווערט דערציילט ווי אזוי ווילנער יידן זיינען מקבל פנים די „לוטערמאכערס" ד. ה. די פראטעס־טאנטן. עס טרעט ארויס א רב וואס זאגט דעם „לוטערמאכער", אז אויב ער וועט לערנען א בלאט גמרא וועט ער ראוי זיין ווערן א גאנצער ייד.

אויב דער לוטערישער פראטעסטאניזם איז אריין אין „דייטשער שום־טער גאס" פון ווילנע, גראדנע, סלוצק און אנדערע שטעט אין ליטע, איז קאלוויניזם, צווינגליאניזם און אנדערע ענלעכע סעקטעס מער קאמפלי־צירטע און אידעאיש שטארקער אנגעלאדענע מיט א סאציאל־רעליגיעזן אינהאלט, האבן גראד זיך פארשפרייט צווישן די גרויסע מאגנאטישע משפחות אין ליטע. די משפחה ראדזיווילס זענען געווען ראדיקאלע דע־איסטן און אנהענגער פון די אריאנער, א ראדיקאלער סעקטע ארויסגע־וואקסן פון דער ברויזנדיקער אומצופרידנקייט מיטן פראטעסטאנטישן פארמאליזם און מיט דער קירך־ביוראקראטיע. פון די דאזיקע קרייזן איז אין ליטע ארויס די ערשטע פלעיאדע פון תנ"ך־מפורשים, וואס האבן פארווארפן די לאטייניש איבערזעצונג פון תנ"ך, זיך גענומען לערנען העברעאיש, כדי קומען צום יידישן מקור. צווישן זיי איז געווען אן ארי־גינעלער ביבל־פארשער ש מ ע ו ן ב ו ד נ י (געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יארהונדערט), וואס האט געקענט גוט העברעאיש.

א דאנק דער דאזיקער באוועגונג פון „גאטזוכערס", האט אין ליטע, אין געוויסע קרייזן, געהערשט א טאלעראנץ לגבי אנדערשגלייביקע, בפרט צו יידן. די קאטוילישע קירך האט דאס נישט געקענט ליידן. עס האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן משונהדיקע קלאנגען וועגן דער יידי־שער פראפאגאנדע צו מאכן פון קריסטן — יידן. אין יאר 1539 איז מען ארויס מיט א בלבול, אז יידן האבן אנגערעדט א סך קאטאליקן זיך מגייר זיין און אז די דאזיקע גרים ווערן טראנספארטירט קיין ליטע, ווייל דארט איז מען מילדער צו די „אפיקורסים פון דער קאטוילישער קירך". די ליטווישע יידן האט מען דערפאר אנגעהויבן שטארק רודפן. די ליט־ווישע שררות האבן באשיצט די יידן און אין א בריוו צום קעניג זיגמונט האבן זיי געבעטן אפשטעלן די רדיפות קעגן זיי. דאס וואס צו יענער צייט ווערן אין ליטע פארנאטירט א סך פאלן פון גרים, דאס האט מען געוואלט צושרייבן דער יידישער השפעה. אז יידן האבן געהאט א קאנ־

טאַקט מיט כּלערליי רעליגיעזע זוכער, אין דעם איז קיין שום ספק נישטאָ. אַזוי אַרום איז די רעפאָרמאַציע אין ליטע געווען אַ בריק צו שאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן ליטווישע יידן און דער נישט־יידישער וועלט. דאָס מיינט, אַז צווישן ליטווישע יידן זענען געווען יחידים, וואָס האָבן געקענט פּויליש אָדער לאַטיין און אויף אַזאַ אופן געקענט זיך צונויפרעדן מיט די סעקטאַנטן פון דער קריסטלעכער קירך.

אין דעם ערשטן פערטל פון 17טן י״ה האָט ליטע באַזוכט אַן אומרואיקער יידישער געלערנטער. דאָס איז געווען ר׳ יוסף שלמה דעלמעדיגא, מער באַקאַנט אונטער די ראשי־תיבות יש״ר (יוסף שלמה רופא) מקאַנדיא (1591־1655), אַ תּלמיד פון גאַלילעאָ. ער איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם און אויך רופא. ווי אַ קענער פון קבלה, האָט יש״ר אומעטום אויף זיינע רייזעס קודם־כּל געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט וועלטלעך־געבילדעטע יידן און האָט מיט זיי דיסקוטירט די ענינים, וואָס האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט. אין דעם באַריכט פון זיין באַזוך אין ליטע, דערציילט ער, אַז גראָד צווישן די קאַראַאימער האָט ער געפונען מער מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט וועלטלעך וויסן, ווי צווישן די יידן. ביי יידן — שרייבט ער — הערשט פינצטערניש, אפילו דער לימוד פון תּלמוד איז נישט זייער אַנטוויקלט.

„פון חכמת חיצוניות האָבן זיי קיין שום באַגריף נישט, יעדער מין וויסן איז זיי פאַרהאַסט״.

ווענן די יידן אין ליטע זאָגט יש״ר, אַז זיי דאַרפן נישט קיין דיקדוק, קיין מליצה, קיין מאַטעמאַטיק מיט אַסטראָנאָמיע, קיין חכמת ההגיון און קיין פילאָסאָפיע אוודאי נישט — די אַלע וועלטלעכע חכמות האָבן עס די אומות העולם אויסגעטראַכט. ער פאַרזיכערט, אַז אַזוי האָבן געטראַכט די ליטווישע יידן.

אַז דאָס איז אַ גוזמא — איז קלאָר. קודם כּל איז נישטאָ קיין ראיות, אַז ר׳ יוסף שלמה דעלמעדיגאָ האָט זיך בכלל געטראָפן מיט די „תּלמודישע״ יידן. צווייטנס, איז ער זיך אַליין סותר אַביסל ווייטער, ווו ער דערציילט ווענן די יידן אין ליטע. אַזוי, למשל, באַקלאָגט ער זיך, אַז יידישע עלטערן שיקן זייערע קינדער שטודירן פילאָזאָפיע אין פּאַדוא. ער האַלט, אַז דאָס איז געפערלעך, כּל־זמן זיי זענען נישט באַפעסטיקט אין

ר׳ יוסף שלמה פון מעדיגאָ

זייער יידישקייט. משמעות, אַז זיי זענען געווען „באַפּעסטיקט אין יידיש־קייט״, אויב זיי האָבן אין דער וויטער איטאַליענישער שטאָט שטודירט דווקא דאָס, וואָס ר׳ יוסף שלמה מקאַנדיאַ האָט געהאַלטן פאַרן יסוד פון אַלע חכמות, ד״ה, פילאָזאָפיע. אויך האָט ער נישט געוווסט, אַז דווקא די דאָזיקע לומדישע קאַראַאימער, וואָס ער האָט באַגעגנט אין ליטע, האָבן אַ סך גענאַשט פון זייערע „תלמודישע ברידער״ און אָפטמאָל געהאַלטן פאַר נייטיק וועגן דעם צו פאַרשווייגן.

אַז רמב״ם, די קרוין פון דער יידישער פילאָזאָפיע, איז געווען באַ־קאַנט אין ליטע, האָט דער דאָזיקער וואַנדערנדיקער רופא־תלמיד חכם, משמעות אויך נישט געוווסט.

כמעט אין דער זעלבער צייט ווען יש״ר איז געווען אין ליטע, האָט אַ יונגער פילאָזאָף געמוזט דאָס דאָזיקע לאַנד פאַרלאָזן. ער האָט געהייסן יוסף ב׳ר י צ ח ק ה ל ו י ס ג ל און זיך געחתמעט „איש ליטאָ״. זיין ביאָגראַפיע איז לײדער אומבאַקאַנט. צוויי גרויסע לומדים פון זיין דור האָבן אים אָבער גוט געקענט. איינער איז געווען ר׳ י ו ם ־ ט ו ב ל י פּ מ אַ ן ה ע ל ע ר (דער תוספות יום טוב) און דער צווייטער איז געווען ר׳ ש ל מ ה ר ו פ א ב ן א ה ר ן מ ל ע נ ט ש י ץ (גע־שטאָרבן אין יאָר 1619), אַ באַרימטער למדן און דרשן. דער ערשטער האָט אָנגעשריבן הגהות צו זיינעם אַ ספר און דער צווייטער — אַ הקדמה. דער ספר הייסט „גבעת המורה״ און איז דערשינען אין פּראַג ראש חודש כסליו שע״א (1612). ס׳איז אַ קליין ביכל פון 30 בלעטלעך, אָבער זייער אַ וויכטיקס. עס איז דער ערשטער פּרווו פון אַ קריטישן צוגאַנג צו רמב״מס פילאָזאָפישער שיטה, וואָס איז אויפגעקומען אין אַמאָליקן פּוילן. דער מחבר, וואָס איז געשטאָרבן משמעות יונג, ווייל עס ווערט וועגן אים געזאָגט, אַז ער איז „צאַרט אין יאָרן און שטאַרק אין חכמה״ (רך בשנים ואב בחכמה), קריטיקירט זייער שאַרף די גאַנצע סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע פון מיטלאַלטער. ער ווייזט אָן אַ רייע סתירות אין רמב״מס שיטה. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען ניי און דרייסט. דער זעלבער יוסף בר יצחק הלוי האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ חיבור א. נ. כתונת פּסים (מסתמא געדרוקט אין לובלין, אין 1614). אַזעלכע טיפע ידיעות פון אַ ליטווישן ייד אין דער פילאָזאָפיע פון מיטלאַלטער בכלל און פון דער יידישער בפרט, איז

פאַר יענער צייט געווען אָן ספק אַ זעלטנקייט. אויב זיין קול איז אין זיין צייט נישט דערהערט געוואָרן, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ לאַנד וווּ רמב״ם איז געווען ווייניק באַקאַנט. ער האָט ליטע געמוזט פאַרלאָזן און זיך באַזעצט אין פּראָג, וווּ ער האָט זיך טאַקע באַקענט מיט דעם תוספות יום־טוב.

„אין דער צייט ווען די שליטה פונעם פּילפּול איז געווען אומבאַ־גרענעצט — שרייבט ישראל צינבערג (געשיכטע פון ליטע־ראַטור ביי יידן, באַנד 5, 120) און אַלע מוחות זענען געווען פאַרטון אין לימוד התלמוד, האָט דער יונ־גער ליטוואַק זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט געשאָנקען בלויז פילאָזאָ־פישע פּראָבלעמען״.

ער איז געווען אַן אָנהענגער פון רמב״ם, וואָס פאַלט אָבער נישט אַריין אין קיין התפעלות און דעקט אויף לאָגישע סתירות אין זיין שיטה.

דער תוספות־יום־טוב איז זיך מודה, אַז דער דאָזיקער יונגער „ליטוואַק״ האָט אים ערשט באַקאַנט געמאַכט מיט פילאָזאָפישע פראַגעס.



ישראל צינבערג

אַזאַ איינעם האָט, פאַרשטייט זיך, ר׳ יוסף דעלמעדיגאָ אין ליטע נישט באַגעגנט און דערפאַר איז ער אַזוי אַנטוישט געוואָרן אין דעם קולטור־מצב פון די ליטווישע יידן.

מסתמא זענען געווען אַזעלכע „רמב״מיסטישע ליטוואַקעס״ ערגעץ אין ווילנע אָדער גראָדנע, אָדער דער טוריסטישער תלמיד חכם פון קאַנדיע האָט עפּעס ליב געקריגן צו פאַרברענגען נאָר מיט קאַראַאימער, ממילא האָט ער אַזעלכע לומדים לויט זיין גוסט נישט געקענט אויפזוכן.

וואָס איז געשען מיט יענע ליטווישע יידן וואָס זענען אוועק קיין פּאַדואַ שטודירן פילאָזאָפיע ווערט אויך נישט דערציילט. אַ סברה, אַז אויך דאָס איז געווען אַ גוזמא. אויב ליטווישע יידן זענען אַהין געפאָרן, איז דאָס געווען כדי שטודירן די חכמה הרפאות, הגם פון קיין פילאָזאָפיע האָבן זיי אויך נישט געוויכט. אַזעלכע פּאַדואַנער רופאים פון ליטע האָט די געשיכטע פאַרצייכנט אין ווייט נישט קיין קלײנער צאָל. געווען זענען פאַר אַזעלכע נסיעות וויכטיקע סיבות. איינע פון זיי איז געווען דער איינגאָרטיקער פּראָטעקציאָניזם פון די גרויסע שררות אין ליטע, וואָס האָבן גערן געשטיצט פעאיקע יידישע בחורים, וואָס האָבן געוואָלט שטודירן מעדיצין. אַזאַ יידישער רופא האָט שפּעטער באַדאַרפט „אָפּדינען" אַ געוויסע צאָל יאָרן און ווערן דער „הויף־רופא" פון שררה, וואָס איז געווען זיין מעצענאַט. ער האָט אָבער געקענט גלייכצייטיק היילן אויך זיינע „אמונה ברידער". צווישן אַזעלכע מעצענאַטן פון יידישע דאָקטוירים אין ליטע געפינען מיר די ראַדזיווילס, די פּלאַטערס, די טשאַפּסקיס, די כרעפּטאָוויטשעס און אַ סך אַנדערע. כמעט אַלע, אגב, נישט קיין קאַטאָליקן. עס זענען געווען גאַנצע משפחות, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו לערנען די מעדיצינישע פּראָפעסיע. אַזוי, למשל, האָט די ווילנער משפּחה גאָרדאָן געהאַט אין פאַרשידענע צייטן פיר מיטגלידער דאָקטוירים.

דער עלטסטער אהרן גאָרדאָן האָט אין די יאָרן 1692—1695 שטודירט מעדיצין אין פּאַדואַ. געקומען איז ער אַהיים קיין ווילנע נאָך אַ מערקווירדיקער נסיעה, וואָס האָט אים פאַרשלעפּט אַזש צו די מאַראַנען אין שפּאַניע. אַזוי גייט די מסורה אין דער גאָרדאָן משפּחה. אין יאָר 1713 באַקומט ער פון פּוילישן קיניג אַווגוסט דער צווייטער אַן אימוניטעט דיפּלאָם, וואָס פּריווילעגירט אים ווי אַ רופא צו וווינען אין ווילנע מחוץ דער יידישער גאַס און פּראַקטיצירן מעדיצין אומגעשטערטערהייט. אין דער צווייטער העלפט פון 17 י״ה האָט זיך אין פּאַדואַ געלערנט יעקב גאָרדאָן אין די יאָרן 1732—1739 דער חשובסטער מיטגליד פון דער דאָזיקער משפּחה יקותיאל בן יהודה לייב גאָרדאָן. זיין חשיבות באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך באַקאַנט מיטן גרויסן מקובל און דיכטער משה חיים לוצאַטאָ (1707—

1747) אין וועמענס ישיבה אין פאדוא האט ער צוזאמען מיט אנדערע געלערנט קבלה. ער איז געווארן איינער פון די „חברים הקדושים", וואס האבן אין דעם ספר הזוהר געזוכט דעם סוד שליסל צום יידישן קיום. אין 1729 שטודירט ער מעדיצין און התמעט זיך אויף א בריוו: „העומד על התורה ועל העבודה לקבל התר הרופאים אי"ה."

א פערטער רופא פון דער משפחה, יוסף גארדאן האט אין יאר 1743 שטודירט מעדיצין אין פראנקפורט אן דער אדער, ווו דער קורפירשט האט ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס דווקא פאר יידישע אדעפטן פון מעדיצין און אייניקע פון זיי אפילו געגעבן סטיפענדיעס.

אין יענער צייט געפינט מען אין פאדוא און אין פראנקפורט אן דער אדער עטלעכע ליטווישע יידן פון ווילנע, גראדנע, בריסק און אנדערע שטעט, וואס לערנען זיך אויף דאקטוירים. שפעטער פארן שוין נישט ליטווישע יידן אין אויסלאנד, ווייל אין ווילנע גופא איז געווען א הויך־שול מיט א מעדיצינישן פאקולטעט, ווו מען האט יידן צוגעלאזט שטודירן מעדיצין. דאס איז געווען סוף 18טן יארהונדערט בעת אנדערע אוניווערזי־טעטן אין פוילן זענען נאך געווען פאר יידן פארמאכט. אזוי, למשל, האט א געוועזענער רופא פון דער פוילישער ארמיי, ב ע ר נ א ר ד (בער) ע ר ל י ך אויסגעהאלטן אין יאר 1798 אן עקזאמען אויף א דאקטער און זיך באזעצט שפעטער אין ווילקאמיר און דארטן פראקטיצירט מעדיצין.

א בערלינער ייד י ש ע י ה י ע ק ב פ ר א נ ק האט שטודירט מעדיצין אין דער דאזיקער „ליטווישער הויפט־שול" (אוניווערזיטעט). אין יאר 1793 האט ער באקומען א דאקטאר־טיטל. זיין לאטיינישע דיסער־טאציע איז, אגב, געווען די ערשטע מעדיצינישע דיסערטאציע, וואס איז בכלל געווען געדרוקט אין ווילנע. ווי חשוב איז ער געווען, באווייזט דער פאקט אז אין יאר 1807 האט מען אים אויסגעקליבן פאר א מיטגליד פון דער ווילנער דאקטוירים געזעלשאפט, וואס א יידישער דאקטאר ליבאשיץ האט געהאלפן גרינדן. משמעות אז ער האט געהאט א סטיפענדיע פון גראף פלאטער, ווייל יארן לאנג איז ער געווען „הויף־דאקטער" פון דער דאזיקער מאגנאטישער משפחה.

אין יאר 1798 האט נאך א ייד איינער נ ת ן ש מ ו א ל פארענ־דיקט די ליטווישע מעדיצינישע שול.

חוץ דעם זענען אין ליטע געווען יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך געלערנט אין קעניגסבערג, אַמסטערדאַם און אפילו געטינגען. שפּעטער האָבן זיי זיך באַזעצט אין ווילנע, ווו זיי האָבן אויך געשפּילט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָלע. וועגן די דאָזיקע רופאים־כּלל־טוער וועט אויס־קומען ריידן אַ ביסל שפּעטער.

מיט קליינע אויסנאַמען זענען די דאָזיקע יידישע דאָקטוירים געווען ריינע פּראַקטיקער. ווי אַזעלכע ווערן זיי אָפט געלויבט. אַזוי, למשל, ווערט ב נ י מ י ן  וואָלף  ג י נ ז ב ו ר ג, אַ גראַדואירטער פון געטינגען, אָפט דערמאָנט פון זיינע פּוילישע קאָלעגן. דאָס זעלבע איז וועגן דעם בעמישן יידן ד״ר יעקב ליבאָשיץ, וועגן וועלכן עס וועט נאָך אויסקומען שפּעטער צו ריידן.

אַ דייטשישער געלערנטער יאָהאַן געאָרג אַדאַם פאָרס־טער (1754—1794) וואָס איז אין די יאָרן 1784—1787 געווען פּראָ־פעסאָר אין ווילנע, דערציילט זייער אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די יידישע דאָקטוירים אין ווילנע. ער איז געווען איבעראַשט צו געפינען אין ווילנע אַזאַ פּראָפעסיאָנעלע סאָלידאַרישקייט און רעליגיעזע טאָלעראַנץ. מען האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ מיטאָג צו אַ יידישן רופא אין ווילנע און דאָרטן האָט ער געטראָפן כּמעט די וויכטיקסטע קריסטלעכע דאָקטוירים פון דער שטאָט.

„גאָט זאָל זיין דער דאַנק פאַר די גרויסע טאָלעראַנץ וואָס עס הערשט דאָ (ד. ה. אין ווילנע) — שרייבט ער — מיר זענען געווען אין דער געזעלשאַפט פון פיר אַנדערע פּראָפעסאָרן ביים יידישן דאָקטער אויף מיטאָג. זיי זענען געקומען אָן שום פּחד אָדער מורא פאַר וועלכן עס איז סקאַנדאַל (צוליב דעם)״. דערביי דערציילט ער אַז צוויי פון די יידן־דאָקטוירים האָבן געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אין קעניגסבערג. איינער פון זיי איז זיכער ד״ר יעקב ליבאָשיץ, וועגן דעם צווייטן איז שווער צו זאָגן, ווייל ד״ר פ אָ ל אַ נ ו ס  וועגן וועלכן עס וועט נאָך זיין די רייד, האָט גראָד שטודירט אין האָלאַנד.

הייסט עס, אַז אין זיין צייט האָט ווילנע געהאַט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן־דאָקטוירים מיט אַן אוניווערזיטעט בילדונג, אַגב אַ סך מער ווי וואַרשע האָט צו יענער צייט געהאַט.

חוץ ריינע פראַקטיקער, האָט ליטע געהאַט רופאים וואָס האָבן גע־זאָרגט נישט נאָר פאַר דעם יידישן גוף, נאָר אויך פאַר דער נשמה. על פּי רוב זענען דאָס געווען דאָקטוירים געבוירן אין פּוילן אָדער ליטע און נישט קיין קליינע לומדים, להיפּוך צו די אַנגעפּאַרענע פון בעמען און דייטשלאַנד, וואָס פון יידישע ענינים זענען זיי געווען שטאַרק אָפּגע־פרעמדט. די היימישע דאָקטוירים, די לומדים, האָבן שטאַרק געהאַלטן פון בילדונג. זיי האָבן אָבער געוואָלט בויען לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אַ בריק צווישן יהדות און אנושות. על פּי רב זענען דאָס געווען יידישע יידן, וואָס די וועלטלעכע בילדונג האָט זיי נישט פאַרשיכורט און וואָס זענען אפילו נישט נתפּעל געוואָרן פון דעם וואָס זיי האָבן געזען מחוץ די גרויע מויערן פון יידישן לעבן. דאָס וואָס זיי האָבן געפונען אין דער גרויסער וועלט און געהאַלטן פאַר גוט און נוצלעך, האָבן זיי געוואָלט אַריינברענגען אין יידישן לעבן. ביי אַ סך דייטשע דאָקטוירים האָט עס אויסגעזען זייער מאָדנע: אַ פרומער רופא, וואָס היט אָפּ די דינים פון כשרות, לערנט אפילו אין פרייע שעהען אַ בלאַט גמרא; דאָס האָבן זיי נישט געקענט סובל זיין. אפילו יענע דאָקטוירים וואָס זענען געווען מער גע־כאַפּט אויף דער השכלה, זענען להיפּוך צו די דייטשישע משכילים געווען מער אָפּגעהיט מיט זייער וואָרט, געווען מער קאָנסערוואַטיוו און בדרך כלל ווייניקער נעגאַטיוו איינגעשטעלט לגבי דעם יידישן ציבור לעבן, אפילו ווען זיי גופא האָבן אין אים געזען אַ סך זאַכן, וואָס זיי האָבן גע־האַלטן פאַר אַלט און פאַרגליווערט.

אזא איינער, למשל, איז געווען ד״ר י ה ו ד ה ב ן מ ר ד כ י ה ל ו י ה ו ר וו י ט ש. מעדיצין האָט ער שטודירט אין פּאַדוא, יאָרן לאַנג האָט ער פּראַקטיצירט אין ווילנע און שפּעטער אין גראָדנע, ווו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1797. ער האָט אַרומגערייזט אַ וועלט. ער איז אפילו געווען אין פּאַריז, אַ זעלטענע זאַך מיט אַ יידן פון ליטע פון יענער תקופה. ער האָט געקענט גוט עטלעכע שפּראַכן, געלייענט אפילו דעם גרויסן פראַנצויזישן פילאָזאָף ז ש אַ ן ז ש אַ ק ר ו ס אָ. דאָס איז געווען אַ דאָקטאָר מיט אַ יידישן סאָציאַלן געוויסן. אַ סך צרות אין יידישן לעבן האָט ער דיאַגנאָזירט ווי סאָציאַלע צרות און ערשט שפּעטער ווי ריין מעדיצינישע. ער האָט זייער אַ סך געשריבן, אַלץ אין העברעאיש

און געווען משמעות זייער פאָפּולער, ווייל איניקע פון זיינע ווערק זענען ארוים אין עטלעכע אויפלאַגעס.

אין אַ זאַמלונג מאָראַלישע סענטענצן „צל המעלות״ (קעניגסבערג 1764) רעדט ער וועגן די סיבות פון „שנאת הדת״ און האַלט, אַז דאָס איז אַ געפערלעכע חולאת, ווייל זי פאַרפירט די מענטשהייט. ווי אַ טריבון פון די פאָלקס־מאַסן ווייזט ער אָן אויף אַ פאַראַלעלע דערשיינונג ביי יידן. דאָס איז די שנאה פון די תקיפים און ראשי הקהילה, די „קולאַקעס״ (בעלי אגרופים) צום פאָלקס־מענטש.

זיין הויפּט־ווערק הייסט „עמודי בית יהודה״, איז דערשינען אין יאָר 1765 אין אַמסטערדאַם מיט אַ שיר פון נ פ ת ל י  ה ע ר ץ  וו י י ז ל (1725־1805), וועמען דער חיבור איז, אגב, געווידמעט. דער דאָזיקער ספר וואָס האָט באַקומען אַ הסכמה פון משה מענדעלזאָן, איז געשריבן אין געגראַמטע פּראָזע, אין אַ פאָרם פון אַ וויכוח צווישן דריי סימבאָלישע פיגורן, אגב אַ ליטעראַרישער נוסח זייער פּאָפּולער אין יענער צייט. איין פיגור: יערי היערי סימבאָליזירט די חיהשע אינסטינסטן. די צווייטע: הושי הערכי זענען די געפיל־באַגריפן און די דריטע פיגור: אתי הגיתי — דעם קריטישן געפיל.

אין דעם דאָזיקן ווערק מוסרט דער מחבר די יידישע גבירים, וואָס אימיטירן די גוישע שררות, בויען זיך שיינע הייזער און רופן אַרוים דורך דעם אַ קנאה. ער קריטיקירט זייער שאַרף די מאָדערנע קולטור און האַלט, אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען און דערפאַר פאַרשטייט ער נישט די, וואָס פאַלן כורעים פאַר דער דאָזיקער קולטור. ממש באַ־איינפלוסט פון  ז ש אַ ן  ז ש אַ ק  ר ו ס אָ, שרייבט ער אַזוי:

„ווען איך דערמאָן זיך די אַלע צרות און אומגליקן — געפין איך, אַז עס וואָלט געווען פאַר אונדז אַ סך בעסער, ווען מיר זאָלן לעבן צווישן ווילדע רויב־חיות, איידער צווישן די דאָזיקע פעלקער מיט זייער פאַלשער קולטור״.

להיפוך צו די דאָזיקע משכילים, וואָס האָבן געלעקט די פינגער פון דער אייראָפּעאישער „קולטור האַנט״, האָט הורוויטש געהאַלטן, אַז דאָס איז נאָך נישט די ריכטיקע און אמתע קולטור.

אים איז די דאָזיקע קולטור נישט געווען צום האַרצן, ווייל עס

האָט אין איר געפעלט דאָס מאָראַליש־עטישע. ווי אַ משכיל האָט ער געהאַלטן פון רמב״ם, אָבער נישט דעם פילאָזאָף, נאָר דעם גרויסן ייד, וואָס האָט אַן אייגענעם עטיש־רעליגיעזן וועלט־באַנעם. ער האַלט, אַז אמתע וויסנשאַפט דאַרף זיין באַזירט אויף די יסודות פון דער יידישער עטיק. ווייל, זי איז נישט קיין מוח־עטיק, נאָר גיכער אַ האַרץ־מאָראַל.

ה ו ר וו י ט ש האָט אָנגעשריבן נאָך אַנדערע אינטערעסאַנטע ווערק. אַזוי, למשל, האָט ער אין אַ קליין חיבור א. נ. מגלה סדרים (גע־דרוקט אין פּראַג אין יאָר 1793) געגומען אַ שטעלונג צו די מחלוקות צווישן חסידים און מתנגדים, וואָס האָט זיך צו זיין צייט צעפלאַקערט אין ליטע. דאָס דאָזיקע ספרל איז אויך געשריבן אין אַ דיאַלאָגיזירטער פאָרם. עס איז אַ וויכוח צווישן אַ מקובל און אַ תלמודיסט און ער, דער משכיל, איז דער דריטער צד, דער רודף שלום, דער פּשרה־מאַכער צווישן די צוויי קעמפנדיקע צדדים. ער האַלט, אַז אמתע השכלה דאַרף געבויט ווערן אויף די טראַדיציאָנעלע עיקרים, אויף די מסורות היהדות. דער מחבר וויל באַווייזן, אַז וועלטלעכע לימודים פירן נאָך נישט אַראָפּ פון דרך־הישר. פון אַנדערע אינטערעסאַנטע חיבורים איז כדאי צו דערמאָנען אַ ביכל וועגן השארת הנפש (1787) און אַ זאַמלונג משלים, וואָס זענען דערשינען אין גראָדנע אין יאָר 1797 א. נ. היכל נועם. ווי צ י נ ב ע ר ג גיט איבער איז אין כתב־יד געבליבן אַ זאַמלונג שירים א. נ. קול יהודה, דאַטירט 1790.

י ה ו ד ה ב ן מ ר ד כ י ה ו ר וו י ט ש שטעלט פאָר מיט זיך אַ טיפּ פון אַ ליטווישן קאָנסערוואַטיוון משכיל, וואָס פילט די היס־טאָרישע אחריות פאַר דעם יידישן קיום. ער זוכט אַ סינטעזע צווישן דעם היינט און דעם נעכטן. בעת ער טייטשט אוים דעם ענין פון ביאת המשיח, למשל, איז ער נישט אַזוי ראַציאָנאַליסטיש, ווי עס זענען געווען אַנדערע משכילים. אין דעם דאָזיקן גלויבן זעט ער קודם כל אַ מאָראַלישן פּרינציפּ. די גאולה — שרייבט ער — וועט קומען פאַר דער יידישער אומה נאָר דאַן, ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט אויסגעלייזט ווערן. אין דעם גלויבן אין אַ משיחן האָט ער געזען קודם כל אַ שטאַרקן מאָראַליש־רע־ליגיעזן יסוד פאַרן יידישן פאָלק.

## קאַפּיטל 2

# די ערשטע קעמפנדיקע משכילים פון ליטע

עס זענען געווען אין ליטע משכילים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר השכלה ערשט נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרלאָזט זייער היים און אַוועק קיין בערלין, דער מעקאַ פון השכלה. דאָרטן האָבן זיי אין קרייז פון משה מענדעלזאָן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער מיסיע, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר די וויכטיקסטע אין זייער לעבן.

אַזאַ איינער איז געווען דער נעסוויזשער גאון שלמה מיימאָן (1800—1754). גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן זיך באַקענען מיט פילאָזאָפישע ווערק, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין טאַטנס אַלקער מיט ספרים. אין יאָר 1777 קומט מיימאָן קיין קעניגסבערג, באַזוכט ד״ר מאַרקוס הערץ, אַ באַרימטן דאָקטער און אַ קאַנטיאַנער, באַקומט פון אים אַ בריוו צו משה מענדעלזאָן. מיט דער צייט ווערט ער איינער פון די וואָגיקסטע אויסטייטשערס פון קאַנטס פילאָזאָפיע. זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1793, איז געוואָרן אַ קלאַסישער מוסטער פון אַן אויטאָביאָגראַפיע פון אַ מזרח־אייראָפּעאישן ייד, וואָס רייסט זיך צו דער גרויסער וועלט פון „באַפרייענדיקער חכמה" און אַן אידעאַלער פּראָטאָטיפּ פון יעדן מיליטאַנטישן משכיל. אמת, שלמה מיימאָן האָט אַרויסגעוויזן אַ סך וואַרעמקייט און אפילו ליבע פאַר דער אָרגאַנישער גאַנצקייט פון די פּויליש־ליטווישע יידן. ער זעט נישט אין דעם יידישן שטייגער לעבן יענע „באַרבאַרישקייט", וואָס אנדערע משכי־

לים, וואָס האָבן געשטאַמט פון פרייסיש פוילן אָדער פון פרייסן גופא, האָבן געוואָלט זען.

מיימאָן איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן טיילווייז רעאַליזירט דעם חלום צו זיין א טייל פון דער „גרויסער וועלט". קיין סך נחת האָט ער אין זיין לעבן נישט געהאַט. זיינע ליידן זענען ראָמאַנטיזירט געוואָרן פון די שפּעטערדיקע משכילים, ווי אַ מוסטער פון מסירת נפש פאַר וויסן און „גייסטיקער עמאַנציפּאַציע".

שלמה מיימאָן

אַנדערע האָבן אויך פּרובירט זיך אַרויסרייסן פון דעם „געטאָ־לעבן". זעלטן זענען זיי אָבער דערגאַנגען אַזוי ווייט ווי דער נעסוויזשער עלוי.

ליטווישע יידן האָבן אָנגעהויבן פאָרן אויף די לייפּציקער ירידים אַ סך שפּעטער, ווי יידן אין פוילן. דאָך איז צו זיי אַ דייטשיש בוך דערגאַנגען גאָר פרי. דורך דער פאַרמיטלונג פון דייטש האָבן יחידים אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן. דער הומאַניסטישער פּאַטאָס פון דער דעמאָלטדיקער דייטשישער ליטעראַטור האָט געמוזט האָבן א גינציקע ווירקונג אויף די יידן אין ליטע. זיי האָבן דאָרטן דערהערט טענער, וואָס זענען געווען פאַר זיי נײַ און דערמוטיקנדיק. דאָס לשון פון זייער קולטור איז אָבער נאָך אַלץ געווען העברעאיש. די אויפגאַבע פון די משכילים איז דעריבער באַשטאַנען אין אַריינברענגען די דאָזיקע וועלט־געדאַנקען אין גבול פון זייער שפּראַכלעכער ספערע. זיי האָבן געזוכט אַ מיטל־וועג, אַ בריק צווישן דער וועלט פון אמונה און דער וועלט פון וויסנשאַפט. די ערשטע ליטווישע פּיאָנערן פון וועלטלעכן וויסן זענען געווען פרומע יידן. וויסנשאַפט האָבן זיי געשעצט אויף אַזוי ווייט אויף

וויפל עס האָט האַרמאָניזירט מיט דער אמונה און איז נישט געגאַנגען להיפוך צו איר.

„כידוע —האָט געשריבן נ פ ת ל י ה ע ר ץ ו ו י י ז ל — איז צווישן יידן, וואָס שטאַמען פון פּוילן, זענען פאַראַן מענטשן, וואָס נישט געקוקט אויף זייער גרויסער לומדות, האָבן זיי דורך אַליין־לערנען דער־גרייכט אייניקע מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן״.

צו אַזעלכע לומדים האָט געהערט, למשל, דער ריזשאַנאָיער רב (גראָדנער געגנט) ר׳ יונתן בן יוסף. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מאַ־טעמאַטיק. ווען אין יאָר 1710 איז אין זיין שטעטל אויסגעבראָכן אַ מגפה, האָט ער געגעבן אַ נדר, אַז אויב ער וועט ניצל ווערן פון דער מגפה, וועט ער זיך אָפּגעבן מיט פאַרשפּרייטן די חכמה פון אַסטראָנאָמיע צווישן יידן. אין יענער צייט האָט מען געגלויבט, אַז עס איז פאַראַן אַן אינערלעכער שייכות צווישן עפּידעמיעס און אַסטראָנאָמישע איבערעכענונגען. אין יאָר 1725 פאָרט ער אַוועק קיין דייטשלאַנד און הגם ער איז געווען בלינד, האָט ער זיך ווייטער אָפּגעגעבן מיט אַסטראָנאָמיע. דאָרטן האָט ער זיך באַקאַנט מיטן באַרימטן דייטשישן פילאָזאָף וואָלף. אין יאָר 1720 איז אַרויס זיין אַסטראָנאָמישער חיבור א. נ. „ישועה בישראל״, שפּעטער האָט ער איבערגעזעצט אַ לאַטייניש ווערק וועגן זעלבן ענין. זייענדיק אַן אויי־טאָדידאַקט איז ער געווען שטאַרק פאַרשפּעטיקט מיט זיינע ידיעות. זיין גייסטיקער באַגאַזש האָט נאָך געשטעקט אין דער אומקריטישער וויסנ־שאַפט פון מיטלעלטער. די גרויסע דערגרייכונגען פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט זענען צו אים נישט דערגאַנגען, פּונקט ווי זיי זענען נאָך אַלץ געווען אַ פאַרחתמעטער סוד פאַר דער נישט־יידישער סביבה אין פּוילן און ליטע.

דאָך מוז מען אים באַטראַכטן ווי אַ משכיל, הגם ער האָט וועגן דעם זיכער נישט געוווסט, בפרט, אַז דער דאָזיקער באַגריף איז דעמאָלט נאָך נישט געווען פאָרמולירט.

דער דור נאָך אים האָט שוין אָבער געוווסט מער און איז שוין געווען אין באַרירונג מיט דער וויסנשאַפטלעכער מיטצייטלערישער ליטעראַטור. דער קלעצקער רב, למשל, האָט שוין געהאַט אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק, פון וועלכער עס האָט, אַגב, גענאַשט שלמה מיימאָן. ר׳

שמשון פון סלאָנים, האָט אפילו געלעבט אַ געוויסע צייט אין דייטש־לאַנד און האָט גוט געקענט די דייטשישע שפּראַך.

ווען די דייטשע השכלה האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טויערן פון די ליטוויש־יידישע ישובים, האָט זי שוין דאָרטן געפונען וואכיקע פּיאָ־נערן. אמת, זיי זענען געווען פאַראיינצלט און ווייט פון יענעם מיליטאַנ־טישן גייסט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די דייטשישע משכילים אָדער אפילו אַ פּויליש־ליטווישן משכיל, וואָס האָט זיך געפונען אין דייטשלאַנד. ליטע און פּוילן זענען געוואָרן די טעריטאָריעס פאַר דער משכילישער „קולטור"־אינוואַזיע. דאָרטן זענען געווען אַ סך לומדים און העברעאיש־קענער, וואָס אָן דעם האָט מען נישט געקענט פאַרשפּרייטן קיין וויסן.

דער קרייז וואָס אַרום דעם ווילנער גאון (1720—1797) האָט גע־האַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר תנ"ך און פאַר דיקדוק. אויף דעם זאָגן עדות די חיבורים, וואָס זענען צו יענער צייט דערשינען אין ליטע. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אַ ספר פון אַ בעל־הדיק־דוק און אַ משכילישן ספר. דאָס האָט מען אין דעם קרייז פון ווילנער גאון גוט פאַרשטאַנען. דער ווילנער גאון האָט זיך אויך פאַרנומען מיט „ידיעות חיצוניות" און האָט אפילו געגעבן אַן עצה, אַז אַ סך פון די דאָזיקע ווערק זאָל מען איבערזעצן אויף העברעאיש. וואָס איז שייך דיק־דוק, האָט ער געהאַלטן, אַז אַ פרומער ייד דאַרף בכלל זיך מיט דעם נישט פאַרנעמען. פון פילאָזאָפיע האָט ער נישט געוואָלט וויסן. ער האָט געהאַלטן, אַז יידישע לומדות מיינט גמרא מיט אַלע מפרשים און פוסקים. תנ"ך דאַרף מען לערנען אָבער נאָר חומש מיט רש"י. מיט דעם דאַרף מען אָנהייבן דעם חינוך פון אַ יידיש קינד. דער ווילנער גאון, וואָס איז לויט דער טרעפיקער אָפּשאַצונג פון פּראָפעסאָר ל ו י ג י נ צ ב ו ר ג געווען „דער פאָטער פון תלמודישער קריטיק", האָט זייער גוט פאַרשטאַ־נען די מעטאָדע פון קריטישן אַנאַליז פון טעקסטן, וואָס איז אין 18טן י"ה געוואָרן דער יסוד פון וויסנשאַפטלעכער פילאָלאָגיש־היסטאָרישער שיטה.

„דער ווילנער גאון — דערציילט דער משכיל ברוך שיק פון שקלאָוו — האָט מיר געראַטן, איך זאָל איבערזעצן אויף אונדזער הייליקער שפּראַך וואָס מער וויסנשאַפטלעכע ווערק, בכדי צו פאַרשפּרייטן וויסן צווישן

אונדזער פאָלק ישראל, און זאָלן די אומות העולם מער נישט האָבן קיין פתחון פה צו מאַכן חוזק פון אונדז פאַר אונדזער אומוויסן און מער נישט פרעגן אונדז מיט גאווה: ווו איז חכמה?״

ברוך שקלאָווער האָט עס טאַקע געטון. ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעאיש אוקלידעס געאָמעטריע און דער סלאָנימער רב, ר׳ שמשון, האָט אין זיין הסכמה צו דער דאָזיקער איבערזעצונג געשריבן, אַז דאָס איז אַ וויכטיקע אַרבעט, ווייל עס וועט ווייזן, אַז יידן זענען „מיט לייטן גלייך״.



דער ווילנער גאון

דער סלאָנימער רב איז נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט אַזוי געגלויבט. אויך אַנדערע ליטווישע רבנים האָבן געגעבן הסכמות צו ביכער וועגן מאַטעמאַטיק און פיזיק און געהאַלטן, אַז אַזעלכע חיבורים זענען וויכטיק אויך כדי צו באַווייזן, אַז העברעאיש איז מסוגל פריי צו באַהאַנדלען די סאַמע קאָמפּליצירטסטע וויסנשאַפטלעכע ענינים. דאָס איז אויך אַ פּרט, וואָס מאַכט די השכלה אין ליטע מער נאַציאָנאַל. די משכילים איז נישט געגאַנגען אויסצונוצן העברעאיש, נאָר כדי אַריינגיין אין דער „גרויסער וועלט״, נאָר פאַרקערט, כדי די „גרויסע וועלט״ אַריינצונעמען אין גבול פון דער העברעאישער שפּראַך. וואָס מער עס האָט זיך אָבער פאַרשטאַרקט די השפעה פון דער דייטשישער השכלה אין ליטע, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די קעגנערשאַפט צו איר.

מענדעלזאָנס „ביאור״, למשל, האָט אין ווילנע געהאַט 14 אַבאָנענטן, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז ער איז נוצלעך, אָבער פאַר דעם זשורנאַל

„מאסיף", וואָס די משכילים אין קעניגסבערג האָבן אַרויסגעגעבן, איז שוין דער אינטערעס געווען זייער אַ קליינער. סך־הכל האָט מען אין ווילנע אָנגעצײלט דריי אַבאָנענטן, צווישן זיי דעם ד"ר י ע ק ב ל יי־ב אָ ש י ץ, וואָס איז געווען אַ „פרעמדער", ווייל ער האָט געשטאַמט פון בעמען.

ווען נ פ ת ל י ה י ר ץ וו יי ז ל האָט אַרויסגעגעבן זיין באַרימטן „דברי שלום ואמת" (1782) האָט זיין קריטיק פון דעם קול־טורעלן מצב פון פוילישע יידן אומעטום אַרויסגערופן שטאַרקע פּראָ־טעסטן. דער דאָזיקער ערשטער מאַניפעסט פון דער השכלה־באַוועגונג, האָט קודם כל אָנגעגריפן דעם אַלטן יידישן סדר החינוך און האָט גערופן אויפגעבן דאָס יידישע לשון. באַזונדערס האָט אויפגעבראַכט ווייזלס באַ־מערקונג, אַז אַ תלמיד־חכם,וואָס האָט נישט קיין וועלטלעכע בילדונג איז ערגער פון אַ נבלה. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז ווען קיין ווילנע זענען אָנגעקומען די ערשטע עקזעמפּלאַרן פון „דברי שלום ואמת", האָט דער ווילנער גאון געהייסן זיי פאַרברענען. אין אַ בריוו צו דער קהילה אין טריעסט, שרייבט ווייזל, אַז דריי רבנים אין פוילן זענען אַרויס קעגן אים און צווישן זיי איז געווען „איש יושב ווילנא הנקרא... ר' אליה חסיד". דער ליסער רב, ר' דוד טעוועלע, וואָס האָט געשטאַמט, אַגב, פון בראָד, דערציילט אין זיינער אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן שבת, פּסח 1782, אַז ער האָט געהערט פון באַגלויבטע מענטשן, אַז אין ווילנע האָט מען עפנטלעך געברענט ווייזלס מאַניפעסט פון דער השכלה. אַז דאָס האָט געקענט פּאַסירן, איז מער ווי וואַרשיינלעך. גראָד ליטווישע לומדים, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר וועלטלעכע לימודים, האָבן זיך געקענט דערפילן טיף באַליידיקט, ווען אַ משכיל פון דייטשלאַנד, וואָס איז אַליין געווען אַן אייניקל פון אַן אוקראַאינער ייד, האָט געהאַט די העזה זיי אַזוי שטאַרק צו באַליידיקן.

די רעאַקציע קעגן דער דייטשישער השכלה איז געקומען קיין ליטע אין צוויי פאַרשידענע פאָרמען. קודם כל האָט די השכלה פון יידישן שטאַנדפּונקט נישט געקענט אימפּאָנירן אַ תלמיד־חכם אין פוילן אָדער ליטע. די סאַמע חשובסטע מיטגלידער פון מענדעלזאָנס קרייז, וואָס האָבן געהאָלפן אַרום דעם ביאור, זענען דווקא געווען יידן פון פוילן, ליטע און

גאַליציע. זיי האָט נישט געצויגן צו דער פאָרמאַליסטישער דיקדוק־וויסנ־שאַפט, וואָס איז אין זייערע אויגן געווען מער אַ קאַמף פאַר פאָרם איי־דער פאַר אינהאַלט. דער ערשטער ריס צווישן די צוויי וועלטן איז געקו־מען, ווען שלמה דובנאַ, איינער פון די נאָענטסטע פון דעם קרייז פון דעם „דעסויער חכם״, איז זיך מיט אים צעגאַנגען און איז אין יאָר 1783 געקומען קיין ווילנע. ג ר ע ץ האָט מיט זיין גוט באַקאַנטן ביטול צו די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, אָנגערופן דובנאָס צוריקקומען „דאָס צוריק אַנטלויפן אין מדבר״. פאַר אים איז דאָס קולטור־לעבן אין פוילן און ליטע געווען נישט מער ווי מדבר.

שלמה דובנאָ איז נישט געווען צופרידן מיט מענדעלזאָנס ביאור צום חומש. האָט ער באַשלאָסן אַרויסגעבן אַן אייגענעם ביאור, וואָס זאָל קע־נען בעסער צופרידנשטעלן די פרומע קרייזן. אין ווילנע האָט ער אָנגע־הויבן קלייבן אַבאָנענטן און אויך זוכן הסכמות ביי די גרויסע תלמידי חכמים. ר׳ חיים וואָלאָזשינער, זיין ברודער ר׳ זעלמעלע און אַ סך אַנ־דערע פון די לומדישע קרייזן האָבן זיך תיכף אַבאָנירט אויף זיין ספר. הסכמות האָט ער אויך באַקומען אָן שום שוועריקייטן. דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון אַ ריכטונג, וואָס האָט דווקא אַנערקענט די פּאָזיטיווע עלעמענטן פון דער דייטשישער השכלה, אָבער געהאַלטן, אַז זי דאַרף זיין געבויט מער אויף די יסודות פון לומדות און מסורה. צווישן די בעלי־ההסכמות און אפילו אַבאָנענטן זענען געווען אייניקע, וואָס האָבן אַליין פריער געגעבן הסכמות אויף השכלה־ספרים און זיך אפילו אַבאָ־נירט אויף מענדעלזאָנס ביאור.

„הגם מיר האָבן זיך שוין פאַרשאַפט דעם חומש, וואָס איז געדרוקט פון דעם באַרימטן און קלוגן פילאָזאָף ר׳ משה אין הסכם מיט אונדזער רצון אין דער הייליקער שטאָט בערלין — שרייבט דעם גאונס אַ מקורב, ר׳ יוסף עליאַס — דאָך אַבאָנירן מיר זיך מיט חשק אויף דער איצטיקער אויסגאַבע (פון ר׳ שלמה דובנאָ), ווייל די דייטשע איבערזעצונג איז דער היגער באַפעלקערונג נישט צוטריטלעך״.

די דאָזיקע דערקלערונג האָט פאַרדעקט דעם אמתן תירוץ. מען האָט נישט געקענט איינרייסן מיט די דייטשע משכילים, דערפאַר האָט מען עס דערקלערט, אַז יידן אין ליטע פאַרשטייען נישט קיין דייטש, ממילא

נויטיקן זיי זיך אין א ביאור אויף יידיש. עס איז אָבער נישט געווען קיין „שפּראַכן־קאַמף". דאָ איז געגאַנגען אין עפּעס אַ סך וויכטיקערס. עס איז געגאַנגען אין דעם היימיש־וואַרעמען, פון דורות געצערטלטן אינטימען נוסח פון לערנען, וואָס איז אין דער טרוקענער, פילאָלאָגישער אַרבעט פון משה מענדעלזאָן אינגאַנצן אויסגעוועבט געוואָרן.

די רעאַקציע קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צום תנ"ך איז געווען מער אַ היסטאָריש־אידעאישע, איידער אַ שפּראַכלעכע. דער טראַדיציאָנעלער יידישער חינוך איז געווען אין אַ סכנה. אַ צווייטער פאַקטאָר פון דער רעאַקציע צו דער השכלה איז געווען די פראַגע פון פּאָליטישע רעכט. די האָפענונג אויף אַ תיכפדיקער באַלויזונג פאַר אריינטרעטן אין דעם היכל פון דער וועלט־חכמה — האָט אין מזרח־אייראָפּע נישט געקענט האָבן אַ ממשותדיקן ווערט און ממילא נישט געקענט אָנווארעמען די הערצער פון די אָנהענגער פון דער השכלה, ווי דאָס איז געווען אין פּרייסן און אין עסטרייך. דאָ האָט געפעלט דער עלעמענט פון מלוכהשער סאַנקציע, וואָס האָט געמיינט מעגלעכע רעכט, כדי צו ווערן מיט „מענטשן גלייך". די פּאָליטישע שטימונג איז אין ליטע געווען אַ געדריקטע. די גזירות האָבן פאַרשאַרפט פרומקייט. פּאַראַלעל מיט דער חסידישער התלהבות וואַקסט מתנגדישע פרומקייט. דאָס ליטווישע יידנטום האָט זיך נאָך מער פאַרמאַכט אין די ד' אמות פון דער הלכה און געהאַט טויבע אויערן פאַר די טענער פון דער דרויסנדיקער השכלה. דערפאַר זענען די פּירות פון דער דייטשישער השכלה אין תוך גענומען געווען גאָר מאָגערע, הגם די צייט האָט באַוויזן, אַז די אַרבעט איז נישט געגאַנגען לאיבוד.

פאַר דעם דעמאָלטדיקן דור איז פּ נ ח ס א ל י ה ו ב ן מ א י ר ה ו ר ו י ט ש, אַ ווילנער, געווען דער טיפּישער רעפּרעזענטאַנט פון דער השכלה. וועגן זיין לעבן ווייסן מיר זייער ווייניק. ער איז אַ סך אַרומגעפאָרן. געווען אין גאַליציע, דייטשלאַנד, האָלאַנד, אפילו אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען אַן „אויפקלערער" מיט אַ מיסטישער נשמה. פון אַלע חכמות און וויסנשאַפטן האָט ער אַם שטאַרקסטן געהאַלטן פון דער קבלה. ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער נייער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער איינשטעלונג און, למשל, נישט געהאַלטן פון קאָפּערניקס שיטה,

ווייל עס שטימט נישט מיט די „הייליקע ספרים״. אין זיין גרויסן חיבור „ספר הברית״ (ברין 1797) האָט הורוויטש געפּרוווט קאָמבינירן דאָס אַלטע, צו וועלכן ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געקלאַמערט מיט דעם נייעם, וואָס מען האָט שוין נישט געקענט אַזוי לייכט איגנאָרירן. ער האָט גע־האַט אַ סך בילדונג, געקענט עטלעכע שפּראַכן. זיינע נאָטיצן האָט ער אָבער געפירט אויף יידיש. וואָס אים איז געווען דערווידער ביי די דייַ־טשישע משכילים, איז דאָס קלאַמערן זיך צו דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע.

פּנחס אליהו בן מאיר ווילנא (אַזוי חתמעט ער זיך אונטער דער הקדמה צום „ספר הברית״) האָט נישט געקענט מאַכן שלום מיטן געדאַנק פון „שלטון השכל״. יידיש לעבן איז נישט באַזירט אויפן יסוד פון ראַציאָנאַליסטישן אויפפאַסן — האָט ער געשריבן. עס איז אַ סך טיפער, ממילא קענען דאָס די בעלי־השכל נישט משיג זיין.

אין דער הקדמה צו דעם בוך דערקלערט דער מחבר, אַז ער האָט אים נישט געשריבן פאַר גדולים און חכמים, נאָר פאַרן פשוטן פאָלק. דאָס איז ריכטיק. זיין העברעאיש איז זייער אַ לייכטער, הגם אָפטמאָל פעלן אים די נויטיקע ווערטער פאַר אויסדריקן די נייע געדאַנקען.

„איר דאַרפט וויסן — שרייבט ער — אַז דאָס גאַנצע ווערק איז לויַ־טער איבערזעצונג, ווייל אַלץ וואָס ס׳איז דאָרטן געשריבן האָב איך עס לכתחילה פאַרטראַכט און פאַרצייכנט אין מיין מוטער־שפּראַך, דאָס הייסט אין דער שפּראַך, וואָס יידן אין פּוילן רעדן און (שפּעטער) איז מיין ווערק פאַרפאַסט געוואָרן אויף העברעאיש. אַזוי אַרום איז דאָס אַן איבערזעצונג פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער, פון דער שפּראַך, וואָס איך האָב געטראַכט אין מיין האַרץ, אויף דער שפּראַך, אויף וועל־כער דאָס בוך איז געשריבן. הלוואי וואָלט מיין ווערק געווען געשריבן אויף דער שפּראַך פון מיין פאָלק (ד״ה יידיש), אַזוי ווי איך האָב עס אין מיין האַרץ פאַרטראַכט, וואָלט דאַן אוודאי דער סטיל געווען אומעטום גלאַט און שיין״.

דאָ האָבן מיר, אגב, אַ דעקלאַראַציע פון אַ ליטווישן משכיל, וואָס האָט ווייזלען זיכער נישט געשמעקט, ווייל יענער האָט קודם כל געפּאָ־דערט פון יידן וואָס שנעלער אוועקוואַרפן דעם „יידיש־דייטשן דיאַלעקט״.

הורוויטש ציטירט קאַנטן און שלמה מיימאָנען און וויל באַווייזן, אַז דער ענין בילדונג איז פאַר יידן אַ סך אַ וויכטיקער ענין, ווי מען איז נוהג צו טראַכטן. דער דאָזיקער כמעט מיסטיקער וואַרפט אָבער אײַנגאַנצן נישט אָפּ דעם פּראָגראַם פון משכּילים. ער נעמט פון אים דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר פּראַקטיש און שכלדיק אין די דעמאָלטדיקע תנאים פון יידישן לעבן אין ליטע און פּוילן. סתם בילדונג האָט ער געהאַלטן פאַר אַ לוקסוס. בילדונג דאַרף קודם כל העלפן האָבן חיונה.

ה ו ר וו י ט ש וואַרפט אָפּ די מאַראַליזירנדיקע מאָטיוון, וואָס מען פלעגט דעמאָלט אָנגעבן פאַר וואָס יידן דאַרפן איבערבויען זייער עקאָנאָמיש לעבן אויף מער קאָנסטרוקטיווע יסודות. מלאכה מאַכט אַ מענטשן נישט בעסער, פּונקט ווי אַ סוחר מוז נישט תמיד זיין אַ נישט קיין ערלעכער מענטש. מלאכה און ערדאַרבעט זענען נויטיק כדי צו קענען לעבן רואיק און אין הסכם מיט די עיקרים פון דער תורה.

„איך בין געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג — שרייבט דער דאָזיקער מערקווירדיקער מיסטיקער — פּראַקטיקער — אַז יענער גאָטס־פאַרכטיקער מענטש, וואָס וויל גיין בדרך הישר און דערפילן גאָטס געבאָטן, דאַרף האָבן אין די הענט אַ מלאכה”. ער טאַדלט די, וואָס האַלטן, אַז עס איז אַ חרפּה צו זיין אַ בעל־מלאכה, מסחר פּירט אָפּט צו גנבה — שרייבט ער — און דעריבער טוען סוחרים אָפּטמאָל אָפּ שענדלעכע מעשים, די וועלט מיינט — זאָגט ער, אַז דער תלמוד איז שולדיק אין דעם, וואָס יידן זיצן יומם ולילה און טוען גאָרנישט, נאָר זיי לערנען.

די וועלט מיינט, אַז דער תלמוד לערנט די יידן זיין אַזוינע „חריפותדיקע שווינדלער”. וואָלטן אָבער יידן געלערנט מלאכות בכדי זיך מפרנס צו זיין, וואָלטן זיי דאָך אַזוינע „פאַלשע מעשים נישט אָפּגעטון”, שרייבט ער.

ה ו ר וו י ט ש טיילט צוזאַמען מיט דער דייטשישער השכלה דעם גלויבן אין דער מענטשהייט. ער טייטשט דעם פּסוק „ואהבת לרעך כמוך”, אַז מען דאַרף ליב האָבן די מענטשן בכלל, ווייל אָן מענטשנליבע איז די וועלט קיין וועלט נישט.

דער „ספר הברית” איז דערשינען אַנאָנים און איז גאָר שנעל געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמיינט, אַז

ד״ר יעקב שאַצקי

דער ווילנער גאון האָט אים אָנגעשריבן. טייל לייענער האָבן פאַרזיכערט, אַז משה מענדעלזאָן האָט אָנגעשריבן דעם „ספר הברית״.

פנחס אליהו בן מאיר הורוויטש איז געווען דער פאַרביקסטער רעפּרעזענטאַנט פון דעם ערשטן דור ליטווישע משכּי־לים. דאָס איז געווען אַ פרומער דור, אַ דור וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס פּאָזיטיווע פון דער אידעאָלאָגיע פון דער מערב־אייראָפּעאישער השכלה און געוואָלט שאַפן אַ סינטעז צווישן השכלה און די עיקרים פון יידישן, טראַדיציאָנעלן לעבן.

## קאַפּיטל 3

# השכלה אין ליטע אין דער תקופה פון 1794 ביז 1803

דער געראַנגל פאַר און קעגן די אידעען פון דער השכלה קומט פאַר אין ליטע אין אַ געאָגראַפישן חלל. בעת מען לייענט די ווערק פון די ליטווישע משכילים קען מען זיך קוים אָנשטויסן אויף וועלכן עס איז געאָגראַפישן קאָלאָריט. אַזוי ווי דאָס אַלץ קומט פאָר ערגעץ־ווו מחוץ דעם לעבן וואָס אַרום; אַזוי ווייניק באַריר־פּונקטן איז פאַראַן אין דער דאָזיקער ליטעראַטור מיטן אַרומיקן לעבן. די פּוילישע קרייזן אין ליטע האָבן דווקא יאָ געהאַט אַן אינטערעס פאַר דער „אויפקלערונג" פון יידן. דער אַלטער טשאַרטאָריסקי האָט געשיקט אַ באַשטייערונג דעם באַרימטן פּעדאַגאָג יאָהאַן בערנאַרד באַזעדאָוו, דעם טעאָרעטיקער פון דער דייטשער אויפקלערונג־פּעדאַגאָגיק. טאַדעאוש טשאַצקי (1765—1813) פון פּאָריצק איז געווען גוט באַהאַוונט מיט די שריפטן פון די דייטשישע משכילים. ער איז געווען דער ערשטער היסטאָריקער פון יידן אין פּוילן און ליטע און קאָרעספּאָנדירט מיט אַ סך משכילים. מיראַבאָס שריפט וועגן משה מענדעלזאָן איז אַ סך געלייענט געוואָרן און אפילו קאָמענטירט געוואָרן פון די ליטווישע פּוילישע אינטעליגענטן פון דער שליאַכטע, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון „רעפאָרמירן" דאָס יידישע לעבן. די דייטשישע דאָקטוירים — יידן וואָס האָבן „געדינט" ביי די ליטווישע שררות, זענען געווען דער מוס־טער לויט וועלכן זיי האָבן געחלומט צו איבעראַנדערשן דעם ליטווישן ייד. דער לעצטער פּוילישער קיניג סטאַניסלאַוו אַווגוסט

פּ אַ נ י אַ ט אָ װ ס ק י (1795—1768) איז געװען באַקאַנט װי אַ פּראַקטעקטאָר פֿון משכּילים. ש ל מ ה מ י י מ אָ ן האָט אים געװידמעט זײַן באַרימטע אױטאָביאָגראַפיע. די פּױלישע פּובליציסטיק לױבט די ערשטע ליטװיש־פּױלישע ייִדן, װאָס האָבן זיך „אױסגעמענטשלט" אין אױסלאַנד, זי רופט זײ קומען צוריק אַהײם און העלפן „ציװיליזירן" די ייִדישע מאַסע.

אײניקע שררות אין ליטע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „פּראַקטישער השכּלה". דער ליטװישער פינאַנץ־מיניסטער אַ נ ט אָ נ י ט י ז ע נ ה ױ י ז האָט אין יאָר 1772 אַראָפּגעבראַכט קײן גראָדנע אַ דײַטש פֿון נירנבערג, כּדי ער זאָל אױסלערנען אַ גרופּע ייִדן די חכמה פֿון בוכהאַלטעריע. די דאָזיקע חכמה — האָט ער געשריבן — װעט אױסלערנען ייִדישע סוחרים אַרײַנפֿירן אַ „דײַטשישן סדר" אין זײערע מסחרים. אין דער ליטװישער הױך־שול (אוניװערזיטעט), װאָס איז פֿריער געװען אין גראָדנע און איז שפּעטער איבערגעפֿירט געװאָרן קײן װילנע, האָבן זיך אױפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט געלערנט אַן ערך פּ ע ר צ ן ייִדן. דאָס איז, אַגבֿ, געװען דער אײנציקער אוניװערזיטעט אין פּױלן, װוּ מען האָט ייִדן צוגעלאָזט שטודירן. װעגן אײניקע פֿון די דאָזיקע תּלמידים איז שױן געװען די רייד.

על פּי רובֿ זענען די דאָזיקע סטודענטן געװען געשטיצט פֿינאַנציעל פֿון די מאַגנאַטן און באַדאַרפֿט „אָפּדינען" מיט פּראַקטיק פֿאַר דער הילף, װאָס זײ האָבן באַקומען. אין יאָר 1796 געפֿינט מען אײנעם ה ע ר ץ ה י י מ אַ ן צװישן די דאָזיקע סטודענטן און ש ל מ ה ל י י ב אָ ש י ץ, אַ זון פֿון דעם אױבן דערמאָנטן רופֿא און כּלל־טוער י ע ק ב ל י י ־ ב אָ ש י ץ.

די קענטעניש פֿון דער פּױלישער שפּראַך איז צװישן די געבילדעטע ייִדן אין ליטע נישט געװען שטאַרק פֿאַרשפּרײט. דאָס איז געװען דערפֿאַר װאָס לאַטײַן און דײַטש זענען געװען די שפּראַכן פֿון די לימודים אױף דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט. די אימפּאָרטירטע ייִדן־דאָקטוירים האָבן על פּי רובֿ גערעדט דײַטש אָדער פֿראַנצױזיש. עס זענען אָבער אין װילנע געװען משכּילים, װאָס האָבן פּױליש גוט געקענט. אַזאַ אײנער איז געװען ר' ש מ ע ו ן ב ן ז א ב װ אָ ל ף (ר' שימעלע נעזװים) און זײַן

ברודער ר׳ אבא. דער ערשטער איז דער מחבר פון אַ פּוילישער בראָשורע וועגן דער נויטווענדיקייט צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין תפיסה אין ניעסוויזש, ווו ער איז געזעסן אין שייכות מיט דער בארימטער „פּלעבעאישער רעוואָלוציע" קעגן ווילנער קהל. וואָס האָט צו יענער צייט אויפגערודערט די יידישע וועלט אין ליטע. דער דאָזיקער שמעון וואָלפאָוויטש איז געווען באַקאַנט מיט די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אַ ווידערקול פון די דאָזיקע אידעען הערט מען זייער בולט אין זיין פּוילישער בראָשורע.

דער ערשטער משכיל אין ליטע, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּאָליאַק, איז געווען ד״ר שמערל (סאָלאָמאָן) בן יצחק פּאָלאַנוס (געבוירן 1750 — געשטאָרבן 1820). ער האָט פיגורירט אין די יידישע דעלעגאַציעס צו די סיימען אין וואַרשע און אין גראָדנע בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן שתדלנות מכוח רעכט פאַר יידן. אין יאָר 1792 האָט ער דעם פּוילישן קיניג צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט וועגן רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן. צו דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָט ער צוגעגעבן אַ פּוילישע איבערזעצונג פון די פּעטיציעס, וואָס פראַנצויזישע יידן האָבן געשיקט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין פּאַריז. דאָס באַווייזט, אַז דער ווילנער דאָקטער האָט געקענט גוט פראַנצויזיש און איז געווען באַהאַוונט אין אַלע פּראָיעקטן, וואָס זענען צו יענער צייט ארויסגעשוווּמען אין שייכות מיט דער יידן־פראַגע.

די ערשטע פּאָליטישע מאַניפעסטאַציע פון ליטווישע יידן לטובת פּוילן איז פאָרגעקומען אין שייכות מיט דער פייערונג פון דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מאַי (1792). אין ווילנע און אין גראָדנע האָט מען געזאָגט ספּעציעלע תפילות און די רבנים האָבן געהאַלטן פּאַסיקע דרשות. וועגן דעם אַז די דאָזיקע פייערונגען זענען נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אַ פּאָליטישן באַוווּסטזיין, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ דרוק פון אויבן — איז קלאָר. יידן האָבן נאָך נישט אָנטייל גענומען אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אין דעם פּרווו אריינצוציען זיי מיט צוואַנג, איז געלעגן דער געדאַנק, וואָס אַ מיטצייטלערישער פּוילישער מעמואַריסט רופט אָן: אויסלערנען יידן צו זיין גוטע בירגער פון לאַנד.

אין דער נאַכט פון 22סטן אויפן 23סטן אַפּריל 1794, וואָס איז דע־מאָלט אויסגעפאַלן פסח־צייט, האָט זיך אין ווילנע אָנגעהויבן דער פּוילי־שער אויפשטאַנד קעגן די רוסן. בראש פון דעם אויפשטאַנד איז גע־שטאַנען גענעראַל י אַ ק ו ב י אַ ש י נ ס ק י, אַ פּוילישער „יאַקאָ־בינער". ער איז שפּעטער אומגעקומען ביים פּאַרטיידיקן פּראַגע (4טן נאָוועמבער 1794). דער דאָזיקער אויפשטאַנד איז געווען אינספּירירט פון דעם דעמאָקראַטישן גייסט פון טאַדעאוש קאָשטשושקאָ און פון זיינע מאַניפעסטן. די פּראָגראַמאַטישע לאָזונגען פון דעם אויפשטאַנד האָבן אין תוך גענומען געהאַט אַ דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. תיכף ומיד איז אַרויסגעשוואומען די פראַגע מכח נעמען יידן אין מיליטער. די קהילה האָט בייגעשטייערט אַ גרויסע סומע געלט לטובת דער פּוילישער אַרמיי. דאָס זעלבע האָבן געטון יידן־יחידים. דעם 29סטן אַפּריל האָט די ווילנער קהילה געשוואָרן געטריישאַפט פּוילן און זיך דעקלאַרירט צוצושטעלן גע־ווער.

אין דער דעקלאַראַציע, וואָס די ווילנער קהילה האָט אַרויסגעגעבן דעם 2טן מאַי 1794, ווערט געזאָגט, אַז די ביישטייערונג פון 25.000 גילדן לטובת „דעם ליטווישן פאָלק" איז דער בעסטער סימן פון דער יידישער געטריישאַפט צום לאַנד, און דריקט אויס „די ריינע און אמתע כוונות צום ליטווישן פאָלק".

די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָבן אין נאָמען פון דער קהילה אונטער־געשריבן די צוויי דאָקטוירים־משכילים: ש ל מ ה פּ אָ ל אָ נ ו ס און י ע ק ב ל יי ב אַ ש י ץ (1741—1827). דער לעצטער איז געווען אַ בעמישער ייד, וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין האַלע און שפּעטער זיך באַזעצט אין ווילנע. פּויליש האָט ער געקענט זייער שלעכט. אַזוי אַז מען דאַרף זיך משער זיין, אַז די פּאַטריאָטישע פראַזעאָלאָגיע פון דער פּוילישער דעקלאַראַציע שטאַמט פון ד"ר פּאָלאָנוס. שבת דעם 15טן מאַי 1794 האָט פּאָלאָנוס געהאַלטן אַ דרשה אין דער גרויסער שול, אין וועלכער ער איז מעורר די יידן צו העלפן די פּאָליאַקן אין זייער קאַמף. אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך האָט ער גערעדט צו די יידן אין ווילנע, איז נישט קלאָר. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן אויף יידיש. פּויליש האָט מען נאָך אין די ברייטע יידישע קרייזן נישט גוט פאַרשטאַנען. אָפּגעדרוקט האָט

ער אָבער זיין רעדע נאָר אויף פּויליש, ווייל דאָס איז געווען א גוטער פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל. פּאָלאָנוס האָט געהאַלטן, אַז דער אויפשטאַנד אָדער די „רעוואָלוציע", ווי ער דריקט זיך אויס, וועט זיכער ברענגען יידן בירגער־רעכט.

„איר זענט ביז איצט — האָט ער געזאָגט די ווילנער יידן — נישט געווען פאררעכנט נישט ווי שטאָטלייט און נישט ווי דאָרפסלייט... איר זענט געווען אַ פאָלק אָן אַ באַטייט און האָט זיך נישט געקאָנט ראַטעווען פון דער אומגליקלעכער לאַגע...

...איצט, אַדאַנק דער גליקלעכער רעוואָלוציע, ווען דאָס פּוילישע פאָלק איז אַרויס ווי באַנייט פון כאַאָס, בעט איך אייך מיט גרויס הכנעה, אַז אויך איר, וואָס לעבט דאָ אין לאַנד, זאָלט זיך באַנייען, און אין כאַאָס, וואָס איר זענט אין אים פאַרזונקען, זאָלט איר אָנהייבן וואַקסן ווי אַ פרישער נייער שטאַם. לאָזט זיך רעפאָרמירן דורך קלוגע מנהיגים און דערציאונג און (לאָזט) איינשטעלן ביי זיך אַ גוטן סדר. באַווייזט דעם פּוילישן פאָלק, אַז נאָר די אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, וואָס איר האָט ביז איצט געליטן, זענען געווען די סיבה פון דעם, וואָס איר זענט געווען ווייניקער נוציק אין לאַנד".

דאָס איז געווען די ערשטע משכילישע דרשה פון אַ פּאָליטישן כאַ־ראַקטער, וואָס יידן אין ווילנע האָבן געהערט. זי איז זיכער אינספּירירט געוואָרן פון קאָשטשושקאָן און איז געווען אַ מין יידישע עקספּאָזע מכח די פּלענער, וואָס די „דעפּוטאַציע איינצואָרדענען די יידישע באַפעלקע־רונג", אַן אינסטיטוציע געשאַפן פון דער אויפשטאַנד־רעגירונג אין ליטע, האָט זיך געשטעלט.

פּאָלאָנוס איז געווען באַקאַנט מיט ט א ד ע א ו ש ט ש א צ ק י, דעם „ליבעראַלן" פּראָיעקטמאַכער מכוח רעפאָרמירן יידן אין פּוילן. ער איז געווען דער פאַרטרויען־מאַן פון דער דאָזיקער גרופּע און דערפאַר איז ער געווען אַן אידעאַלער פאַרטרעטער פון יענער אידעאָלאָגיע פון פּאָליטישער און קולטורעלער אַסימילאַציע, וואָס די פראַנצויזישע רע־וואָלוציע האָט פאָרמולירט און די השכלה האָט אידעאַליזירט.

דעם 30סטן יולי 1794 האָט די רוסישע אַרמיי פאַרנומען ווילנע. עס איז געקומען אַ סוף צו דער פּוילישער ממשלה אין ליטע. דאָס לאַנד

איז פּאַרטיילט געוואָרן אין צוויי גובערניעס: סלאָנימער און ווילנער... אין יאָר 1801 האָט מען ביידע גובערניעס פאַראייניקט אין איינע און אָנגערופן: ליטווישע. שפּעטער האָט מען נאָך אַמאָל פאַרטיילט ליטע אין צוויי גובערניעס: אין אַ ווילנער און גראָדנער.

אנטווישט פון אויסגאַנג פון דעם אויפשטאַנד, האָט די פּוילישע שליאַכטע אויסגעלאָזט איר כעס צו די יידן, ווען ד״ר שמערל פּאָלאָנ־ האָט אקאָרשט וואָס פאַרזיכערט אַ „באַנייאונג״ אין אַ פרייען פּוילן. מען האָט באַשולדיקט די יידן, אַז זיי זענען פּאָליטיש נייטראַל. וואָס דאָס איז דערקלערט געוואָרן ממש ווי פאַרראַט. אַ פּאָגראָם אויף יידן איז פאָרגע־ קומען אין ווילנע אויף זאַרעטשע, דעם 7טן און 8טן יולי. עס זענען אומ־ געקומען דרייסיק יידן. חוץ זיי איז אַ דריי צענדליק יידן דערמאָרדעט געוואָרן הינטער דער שטאָט. אין גראָדנע איז נישט געווען בעסער. אויך דאָ האָט די קהילה בעתן אויפשטאַנד זיך באמיט אנטקעגן קומען די פאָ־ דערונגען פון די אויפשטענדלער. אַ סומע געלט איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער פּוילישער אַרמיי. די מלוכהשע „אָרדענונג־קאָמיסיע״ האָט אפילו געוואָלט, אַז די קהילה זאָל צושטעלן יידן־רעקרוטן. נאָך איידער די קהילה האָט געקענט האָבן וועגן דעם אַ ישוב־הדעת, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אויך דאָ האָבן די באַזיגטע פּאָליאַקן געוואָלט זיך נוקם זיין אין יידן מיט אַ פּאָגראָם.

די פּאָליטיש מער אַקטיווע ליטווישע משכילים זענען אין תוך גע־ נומען געווען פּראַקטישע „אויפקלערערס״. מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער השכלה האָבן זיי קיין שייכות נישט געהאַט. זייער טעטיקייט האָט אידעאָלאָגיש זיך אויסגעשטימט מיט דער פילאָזאָפיע פון דער השכלה, אַז מען דאַרף זיין אַ „פּאַטריאָט״ פון דעם לאַנד וווּ מען לעבט או״וו. אין ליטע איז פּאַטראָניזירט געווען אַ מאָנאָפּאָל פון דער שליאַכטע. אַן „אויפגעקלערטער״ ייד איז פאַר דער שליאַכטע געווען ווי אַ פּראָפּאַ־ גאַנדיסטישע פאָן, כדי צו געווינען די מאַסע פאַר דער פּוילישער זאַך. די קולטור השכלה, מיט וועלכער אַ פּאָלאָנוס אָדער אַ ליבאָשיץ האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט, האָט קיין פּאָליטישע פּראָגראַמען נישט אַרויסגעשטעלט און האָט קיין שום האָפענונגען אויף אַ שכר פאַר

אזא פּאַטריאָטיזם נישט געקענט דערוואַרטן, ווי, למשל, די פּרייסישע אָדער עסטרייכישע משכּילים האָבן געהאָפּט.

אזא משכּיל, למשל, ווי נפתלי הערץ שולמאַן, וואָס האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין ווילנע, איז געווען אַ קולטור־פּראַקטיקער. אין ווילנע האָט ער געלערנט דעם „מורה נבוכים" מיט יונגעלייט, געשריבן ספרים וועגן חינוך (דרכי הלמוד), קאָמפּילירט ווער־טערביכער און וועלכע ער האָט זיך שוין באַנוצט מיט רוסיש, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייד פון אַזאַ שטאָט ווי שקלאָוו, וואָס האָט שוין אַרויסגע־שיקט אירע ערשטע משכּילים קיין פּעטערבורג. זיין משכּיליזם דריקט זיך אויס אין דער נעגאַציע פון יידיש און אין דעם פּראַקטישן צוגאַנג צו שאַפן ווערק, וואָס זענען נוצלעך פאַר יידן פון דער גרויסער רוסלענ־דישער אימפּעריע. קיין באַזונדערע פּראָבלעמען אין ליטע בכלל און פון אַ פּוילישן כאַראַקטער בפרט, האָט ער נישט געזען. שוין זיין געדאַנק, אַגב דער ערשטער, אַרויסגעבן אַ וואָכנשריפט אויף העברעאיש איז כאַ־ראַקטעריסטיש ביז גאָר. לויט אים קומט אויס, אַז אַלע יידן אין רוסלאַנד, בפרט סוחרים און לומדים זענען פאַראינטערעסירט נאָר אין וויסן לשם וויסן.

„עס זענען איצט פאַראַן — שרייבט ער אין פּראָספּעקט פון דעם פּראָיעקטירטן זשורנאַל — אין יעדער שטאָט און אפילו אין די קליינע שטעטלעך נישט ווייניק מענטשן, וואָס דורשטן נאָך וויסן. די גרויסע מניעה באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס עס פעלן די פּאַסנדיקע ביכער און עס איז נישטאָ ביי וועמען צו באַקומען די נייטיקע ידיעות, ווי אַזוי זיך צו פאַרפּולקאָמען אויפן געביט פון וויסן. האָב איך דערפאַר באַשלאָסן פאַרעפנטלעכן יעדע וואָך ידיעות וועגן אַלע נייעסן, וואָס געשען אויף דער גאָרער וועלט. די ידיעות וועלן גענומען ווערן פון די צייטונגען, וואָס דערשיינען אין האַמבורג, פּעטערבורג און בערלין, און אויך פון נייע געדרוקטע וויסנשאַפטלעכע ביכער. אויף אַזאַ אופן וועט יעדער געפינען אין דער וואָכנצייטונג דאָס, וואָס אים אינטערעסירט אַממייסטן: דער סוחר וועט לייענען וועגן מסחר און פּאָליטישע געשעענישן און דער ליבהאָבער פון חכמה — וועגן וויסנשאַפטלעכע נייעסן".

שולמאַן האָט שוין ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע. עס איז אין ליטע

געווען אַ באַדייטנדיקער קלאַס פון יידישע סוחרים, וואָס האָבן דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ העברעאיש בלאַט געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט דער וועלט פון זייערע עמפּירישע אינטערעסן. ער האָט אָבער איבערגעשאַצט זייער צאָל. ארויסגעבן פאַר דער גרופּע אַ משכיליש־סוחריש בלאַט איז געווען פּריצייטיק. וואָס איז שייך דער גרופּע „ליבהאבער פון חכמה״, איז זי געווען גאָר פון אַן אַנדער וועלט. דאָס זענען געווען ווילקענער, על פי רוב זיידענע איידעמס אויף קעסט, וואָס זיי האָט קיין נייעס פון דער וועלט פון מסחר נישט אינטערעסירט, אָדער פרומע לומדים, וואָס האָבן גע־האַלטן פון אַ וויסנשאַפטלעכן ספר אויף העברעאיש אָבער נישט אין שכנות מיט „פּראָזאאישע״ און בפרט משכילישע ידיעות.

די אידעע גופא איז אָבער געווען אַ געזונטע און טיילווייז ארויסגע־רופן פון די קולטור־נויטן פון ליטווישן יידנטום. ערשט מיט יאָרן שפּע־טער (1813), ווען די מלחמה פון 1812 האָט געעפנט אין ליטע אַ „פענצטער אין אייראָפּע״, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּראָבע אַזאַ צייטונג ארויסצוגעבן, און ווי מיר וועלן שפּעטער זען, דאָס מאָל אויף יידיש און נישט אויף העברעאיש.

קאַפּיטל 4

## ערשטע יידישע דרוקערייען אין ליטע

די קולטור־באַוועגונג אין ליטע האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט פירן צום אויפקום פון יידישע דרוקערייען.

דער „פאָטער" פון יידישן דרוק־וועזן אין ליטע איז געווען אַ גראָדנער שריפטגיסער, ר' נחום. ער האָט געשטאַמט פון אַ גאַליציש שטעטל, סאָקאָל. דער ליטווישער פינאַנץ־מיניסטער טיזענהויז האָט אין יאָר 1785 אים אַראָפּגעבראַכט קיין גראָדנע. דער ערשטער ספר וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער דאָזיקער דרוקעריי איז געווען דער „זרע יעקב", אַ פּירוש אויף תהילים פון דעם ווילטעשנעצער רב, ר' יעקב בר חיים הכהן (1788).

נחומס זון, זימל, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ שותף צו ראָמס דרוקעריי אין ווילנע, דערציילט אין אַ בריוו צום פירשט טשאַרטאָריסקי די געשיכטע פון זיין טאַטנס קומען קיין גראָדנע.

„נישט פון אייגענער איניציאַטיוו — שרייבט ער — און נישט כדי צו זוכן רווחים איז מיין משפּחה געקומען אַהער אין דעם לאַנד, נאָר ערשט נאָכדעם ווי מען האָט זי שטאַרק געבעטן. לאַנג האָט מיין פאָטער, זכרונו לברכה, געוווינט אין גאַליציע און איז געווען גוט באַקאַנט צווישן די דאָרטיקע בירגער מיט זיין אויסגעצייכנטער און גלאַטער גיסעריי־אַרבעט, דאָס הייסט, מיט זיין קונסט צו גיסן אותיות צום דרוקן. דער דאָזיקער טאַלאַנט האָט אים כסדר פאַרשאַפט וואָס מער פּאָפּולאַריטעט און פאַרמעגן".

נחומס זון דערציילט, אַז אין יענער צייט איז געניטקייט אין גיסער־אַרבעט געווען אַ גרויסע זעלטנקייט און ווען דער פינאַנץ־מיניס־טער טיזענהויז האָט איינגעלאַדן זיין פאָטער, האָט יענער פאַרקויפט זיין גאַנץ פאַרמעגן און איז דעם 22סטן פעברואַר 1785 געקומען מיט דער גאַנצער משפחה קיין גראָדנע. די שריפטגיסעריי וואָס נחום האָט איינ־געאָרדנט איז געווען ביי דער קעניגלעכער דרוקעריי אין גראָדנע. אין אָנהייב האָט ער געגאָסן נישט־יידישע אותיות. די פאַרוואַלטונג פון דער דרוקעריי האָט זיך אָבער אַרומגעזען, אַז דרוקן יידישע ביכער אין ליטע איז אַ גוטער געשעפט. אַזוי אַרום איז אין יאָר 1788 אַרויס פון דער גראָדנער קעניגלעכער דרוקעריי דער ערשטער יידישער ספר געדרוקט אין ליטע, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן. אויפן שער־בלאַט פון דעם דאָזיקן ערשטן ספר (זרע יעקב) ווערט געזאָגט, אַז עס איז:

„נדפס בדפוס חדש פה עיר הועד ק"ק הוראדאנא הבירה, בדפוס של אדונינו המלך האדיר החסיד, חכם המלכים ס ט א נ י ס ל א ו ס א ו ג ו ס ט ו ס מלך פולין, דוכס גדול דליטא עצטרא עצטרא ירום הודו אמן".

די יידישע אותיות האָבן געגאָסן נחומס צווייטער זון יחזקאל און זיין אייניקל אריה לייב. פון די צוויי יידישע זעצערס איז איינער געווען אַ סאָקאָלער, נחומס לאַנדסמאַן. די צוויי קאָרעקטאָרס זענען געווען גראָדנער יידן. איינער פון זיי איז געווען דער בעל קורא פון דער גראָדנער גרויסער שול (יהושע בן מנחם מאַניש).

סוף 1793 האָט אַ גראָדנער שליאַכטשיץ, יאַן יאַשיענסקי, באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישע דרוקעריי. ער האָט זיך גענומען פּאָר שותפים צוויי יידישע מוכרי־ספרים. איינער פון זיי איז געווען ר' ברוך בן יוסף מ"ס, דער שטאַמפאָטער פון דער באַרימטער משפחה ראָם (געשטאָרבן 1803). דער צווייטער איז געווען אַ באַוווסטער מוכר־ספרים אין נאָווידוואָר (אַ שטעטל ביי וואַרשע), ר' ברוך בן הירש.

די דאָזיקע דרוקעריי איז דער אָנהייב פון דער שפּעטער אַזוי באַ־רימטער ראָם דרוק פירמע. אין משך פון דריי יאָר צייט האָט די דאָזיקע דרוקעריי אַרויסגעלאָזט 112 ביכער. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען זייער אַ גרויסער אויפטו.

אין יאָר 1799 זענען די ביידע גראָדנער דרוקערייען אַריבער קיין ווילנע. דאָ, אין ירושלים דליטא, האָבן די יידישע דרוקערייען פאַרגרעסערט זייער טעטיקייט. עס האָבן זיך שוין געפונען ווילנער באַלעבאַטים, וואָס האָבן אין דעם דערזען אַ געשעפט און געוואָרן שותפים צו דער געוועזענער מלוכה־דרוקעריי, וואָס איז אינצווישן אַריבער אין רשות פון דעם ווילנער בישאָף קאָסאַקאָווסקי. געדרוקט האָט מען נאָר אויף אַ באַשטעלונג, להיפוך צו דער דרוקעריי פון ברוך בן יוסף און זיין פוילישן שותף, וואָס איז טיילווייז געווען אויך אַ פאַרלאַג. עס איז אַ ביסל מאָדנע צו זען אויף יידישע ספרים אַן אויפשריפט, אַז עס איז געדרוקט „בדפוס יעגר"ק (יעגאָמאָשטש קשיאָנדז) יאָזיפאַט מירשקי קנאניק ואסעסר קאָנסעסטרים ווילענשקי פרבשץ קובליצקי". מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אין אַ דרוקעריי וואָס געהערט צו קאַטוילישע גלחים דרוקט מען מסתמא מיסיאָנערישע ביכער. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי: דרוקן יידישע ביכער איז געווען אַ גוט געשעפט. די יידישע שותפים האָבן מיט זייערע נעמען אויף די שער־בלעטער געגעבן אַ פולע גאַראַנטיע, אַז דאָס זענען כשרע ספרים. שפּעטער ווערן אָבער שוין די דאָזיקע שותפים מער נישט דערמאָנט, הגם די דרוקעריי האָט ווייטער אַרויסגעגעבן יידישע ספרים.

די שותפותדיקע דרוקעריי פון דעם פּריץ יאַשענסקי און זיינע יידישע שותפים האָט אָבער געפלאַצט נאָך אין גראָדנע. יאַשענסקי האָט אין ווילנע געפונען צוויי נייע יידישע שותפים. איינער פון זיי איז געווען ר' טוביה בן אברהם טובלי און זיין זון אריה ליב ר' טוביהס. וועגן אים האָט מען אין ווילנע געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַז מיט זיין טויט איז „בטל געוואָרן די ליבשאַפט צו תורה".

אויך דער ראש הקהל פון ווילנע, ר' זלמן ר' אורי'ס, איז געווען אַ שטילער שותף צו יאַשיענסקיס דרוקעריי. סוף 1799 האָט דער דאָזיקער יאַשיענסקי אָנגעזעצט. אין יאָר 1804 האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט אָפּגעקויפט די שריפט פאַר זיין דרוקעריי. אַזוי אַרום איז אין יענער תקופה געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער קולטור אינסטיטוציע אין ליטע. די אַנטוויקלונג פון יידישע דרוקערייען האָט גורם געווען, אַז אַ לומדישער אָדער אַ משכילישער מחבר פון ליטע האָט נישט

באַדאַרפט מער זוכן אַ דרוקעריי מחוץ זיין לאַנד. עס האָבן זיך שוין אפילו באַוויזן יידישע מעצענאַטן, וואָס האָבן געשטיצט מחברים און געהאָלפן אַרויסגעבן זייערע ווערק.

די ספרים וואָס מען האָט אין די יאָרן 1788־1803 געדרוקט אין גראָדנע און ווילנע זענען געווען לומדישע אַזוי גוט ווי משכילישע. אַ טייל קלאַסישע ווערק פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס זענען געווען צו טייער פאַרן ליטווישן קאָנסומענט און אפילו זעלטן און געווען געדרוקט אין דייטשישע און איטאַליענישע דרוקערייען, האָט מען איבערגעדרוקט אויפסניי. די ליטווישע דרוקן האָבן דעמאָקראַטיזירט דעם ספר. אמת, מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן זיי, וואָס שייך דער דרוק־טעכניק און פּאַפּיר, זיך נישט געקענט פאַרמעסטן מיט די אויסלענדישע דרוקערייען. אָבער אין די תנאים פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אין ליטע, האָט דער עסטעטישער מאָמענט נישט געקענט שפּילן קיין צו־גרויסע ראָלע. דער עיקר איז געווען דער ספר און נישט די קוואַליטעט פון דרוקן. משמעות, אַז מען האָט אים גערן געקויפט, ווייל מען האָט געדרוקט אָן אויפהער. אויך סתם באַלעבאַטים האָבן אין דעם געזען אַ גוט געשעפט און זיך באַטייליקט ווי שותפים אין דעם דרוק־ און פאַרלאַג־וועזן. ליידער זענען נישטאָ קיין גענויע ידיעות וועגן דעם טיראַזש פון דער יידישער בוך־פּראָדוקציע. אַ רשימה פון אַבאָנענטן, צום סוף פון אַ ספר, איז נאָך דעמאָלט נישט איינגעפירט געוואָרן. ערשט די משכילים האָבן דאָס איינגעפירט. אויך אַ לומדישן ספר פלעגט מען אָנגעבן דעם נאָמען פון אַ נדבן, אַ מעצענאַט, אָבער אויך דאָס איז געטון געוואָרן נישט צו אָפט.

יענע פּיאָנערישע עפּאָכע מיט גויאישע שותפים, מלוכהשע פּראָ־טעקטאָרן, גלחישע פּאַרוואַלטער און שטילע יידישע שותפים איז געווען זייער אַ פּרוכטבאַרע. זי האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דעם יידישן דרוק־וועזן אין ליטע, וואָס האָט איר גאָלדענעם בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור.

## קאַפּיטל 5

# פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, דער „משכיליזאַטאָר״ פון ליטווישן יידנטום

(1824—1803)

פירשט אַדאַם יעזשי טשאַרטאָריסקי (1770־1861) איז געווען אַ געוויסע צייט דער ליבלינג פון רוסישן הויף. אַלעק־סאַנדער דער ערשטער האָט אין אים געזען אַ פאַרטרעטער פון אַן אַלטער, שטאַרק פאַרצווייגטער מאַגנאַטישער משפּחה, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר פּוילן און וואָס האָט צוליב פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טעמים זיך געלאָזט איינשפּאַנען אין דעם רוסישן פּאָליטישן וואָגן. מען האָט אין פּעטערבורג געגלויבט, אַז נאָר ער קען ביי די ליטווישע מאַגנאַטן אָפּ־שוואַכן דעם באַגער צו זען אַ באַנייט אַלט פּוילן פאַראייניקט מיט ליטע. טשאַרטאָריסקי, אַליין אַ שטימונג־מענטש, האָט געגלויבט אין אַלעק־סאַנדערס פּאַנסלאַוויסטישער קאָנצעפּציע אין וועלכער פּוילן האָט געזאָלט שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָלע. ווען טשאַרטאָריסקי איז געוואָרן רוסישער אויסערן מיניסטער, האָט ער געגלויבט, אַז אים וועט געלינגען דורכפירן דעם חלום פון אַן אוניע צווישן אַ זעלבסטשטענדיקן פּוילן און רוסלאַנד. אין יאָר 1802 איז ער געווען צוזאַמען מיט אַ צווייטן פּוילישן מאַגנאַט, גראַף סעווערין פּאָטאָצקי, אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר איינאָרדנען יידן אין רוסלאַנד. די תקנות פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1804 און תיכף איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש און אָפּגעדרוקט אין ווילנע טראָגן בולטע סימנים פון זיין אַרבעט. אין דער

דאָזיקער אַרבעט האָט אים געהאָלפן דער באַרימטער משכיל מ ע נ ד ל ס א ט א נ אָ וו ע ר, וועלכער איז אין 1803 געווען אין פּעטערבורג ווי זיינער אַ יועץ אין יידישע ענינים. אין הסכם מיט דער אידעאָלאָגיע פון „רעפאָרמירן״ יידן פון אויבן, וואָס האָט אין פּוילן געהאַט אַ טראַדיציע זינט דעם פיריאָריקן סיים (1788-1792), ווערן אין די דאָזיקע תקנות שטאַרק אונטערגעשטראָכן די בילדונגס־מאָמענטן. די דאָזיקע תקנות זאָגן צו גלייכע רעכט די יידן, וואָס וועלן ענדיקן אַ העכערן לער־אַנשטאַלט. רוסיש, פּויליש און דייטש ווערן אָנערקענט פאַר די שפּראַכן אין וועלכע מען קען זיך בילדן. יידן מעגן עפענען שולן פאַר זיך און לערנען אין איינער פון די דאָזיקע דריי שפּראַכן. בעת די אַלגעמיינע אויסזיכטן אויף פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצב און די פּאָליטישע לאַגע זענען אין ליכט פון די דאָזיקע תקנות שוואַכע, ווערן אָבער דאָ צום ערשטן מאָל געעפנט פאַר יידן די טויערן פון די לער־אַנשטאַלטן אין רוסלאַנד, דאָס וואָס אין די דאָזיקע תקנות ווערט שטאַרק אונטער־געשטראָכן די נוצלעכקייט פון קענען פּויליש, באַווייזט וואָס איז אייגנט־לעך געווען די כוונה פון די פּוילישע מיטגלידער פון דער רוסישער קאָמיסיע. זיי האָבן באַטראַכט דעם גאַנצן שטח פון תחום המושב ווי פּוילן און געוואָלט דאָס מאַניפעסטירן דורך דער שפּראַך. מען האָט יידן פאַרזיכערט, אַז עס איז נישט די כוונה פון דער רעגירונג „דערווייטערן די יידישע קינדער פון זייער אמונה״ און אַז זי האָט נישט בדעה צו צווינגען זיי זיך לערנען, אויב זיי ווילן דאָס נישט. פאַר די וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אין אוניווערזיטעט, זאָגן די תקנות צו גלייכע רעכט מיט אַנדערע רוסישע אונטערטאַנען.

דער גאַנצער געדאַנק צו געבן יידן אַ מעגלעכקייט זיך צו בילדן אומ־געשטערט, אָנהייבנדיק פון אַן עלעמענטאַר־שול און העכער, דערצו נאָך אין די אַלגעמיינע שולן פון לאַנד, וואָס זייער צאָל איז געווען זייער אַ קליינע און עפענען פאַר זיי אפילו די טירן פון די אוניווערזיטעטן, איז אין די דעמאָלדיקע רעכטלעך־עקאָנאָמישע תנאים פון יידישן לעבן געווען ווייט פריצייטיק. אין איר תוך איז געלעגן אַ מעכאַנישער געדאַנק „רעפאָרמירן״ יידן דורך אַלגעמיינער בילדונג, ווי אַ סאָציאַל־פּעדאַגאָגישע מעטאָדע.

דער רוב מנין ורוב בנין פון דער יידישער פאָלקסמאַסע אין רוס־לאַנד האָט געלעבט אויף די טעריטאָריעס פון אַלט פּוילן. עס איז געווען אַ פראַגע פון אַ קולטור־פּאָליטיק לגבי די יידן, געפירט פון דעם איינציקן קולטורעלן קלאַס, וואָס יענע טעריטאָריעס האָבן געהאַט, ד"ה, פון דער פּוילישער שליאַכטע. פון אַ רוסיפיקאַציע מיט דער הילף פון דער דאָרטיקער פּריצישער אינטעליגענץ (און קיין אַנדערע איז דאָך נישט געווען) האָט מען נאָך נישט געטראַכט. בכלל האָט נאָך רוסלאַנד דעמאָלט נישט אַרויסגעוויזן קיין שפּראַכן נאַציאָנאַליזם. אירע אייגענע אַדללייט האָבן דאָך אויך קיין רוסיש נישט גערעדט, נאָר פראַנצויזיש. דער רוסישער קולטור נאַציאָנאַליזם איז געקומען שפּעטער, ווי אַ רעזולטאַט פון דער „פּאַטערלענדישער" מלחמה פון יאָר 1812.

טשאַרטאָריסקי, מיד פון די דיפּלאָמאַטישע דורכפאַלן, האָט דערזען אין אַ בילדונגס־פּאָליטיק אין ליטע אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. זיין חלום איז געווען פאַרוואַנדלען ליטע אין אַ „פּוילישע יבנה". אַ דאַנק זיין שתדלנות ווערט אין יאָר 1803 רעאָרגאַניזירט דער ווילנער אוניווערזיטעט און ער ווערט באַשטימט פאַרן קוראַטאָר פון דעם גאַנצן ליטווישן שול־קרייז.

דער ווילנער אוניווערזיטעט איז געווען נישט נאָר דער צענטער פון העכער בילדונג, נאָר אויך דער העכסטער קאָנטראָל־אָרגאַן איבער אַלע עלעמענטאַרע און מיטלשולן אין ווילנער, גראָדנער, מאָהילאָווער, וויטעבסקער, וואָלינער, פּאָדאָלער און קיעווער גובערניעס. דער אוניווערזיטעט האָט געהאַט ספּעציעלע שול־וויזיטאַטאָרן. אין יאָר 1808 איז טאַדעאוש טשאַצקי, דער ערשטער היסטאָריקער פון יידן אין פּוילן און ליטע, געווען אַזאַ וויזיטאַטאָר. חוץ דעם איז אונטער דער קאָנטראָל פון אוניווערזיטעט געווען די צענזור פון ביכער און בכלל יעדע קולטור טעטיקייט אין לאַנד.

ליטע האָט געזאָלט ווערן די עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריע פון אַ „פּראָגרעסיווער" בילדונג־פּאָליטיק, וואָס איר ציל איז געווען „ציוויליזירן" די יידישע באַפעלקערונג אין הסכם מיט דער „משכילישער" אידעאָלאָגיע פון איר שול קוראַטאָר פירשט טשאַרטאָריסקי. אין וואָס איז אָבער באַשטאַנען טשאַרטאָריסקיס דערציאונג־אני־מאמין? ס'איז געווען אַ

טיפּיש אַריסטאָקראַטישע פילאָזאָפיע, אַז בילדונג איז נויטיק, אָבער יעדער איינער דאַרף זי קריגן אין די ראַמען פון זיין קלאַסן־אָנגעהעריקייט. זיין „דעמאָקראַטישקייט" איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער האָט געהאַלטן אַז נישט נאָר זין פון דער שליאַכטע, נאָר אויך קינדער פון פּויערים, שטאָטלייט און יידן דאַרפן געניסן לכל הפּחות פון עלעמענטאַרער בילדונג. בנוגע דער עלעמענטאַרער בילדונג איז ער געווען דער „דעמאָקראַט". די האָפענונגען — האָט ער געשריבן, — אַז בילדונג מאַכט אַלעמען גלייך איז נישט מער „ווי אַ פּאָליטישע כימערע". די אויפגאַבע פון בילדונג פאַרן פאָלק איז „דערהויבן זיין מענטשלעך חשיבות" — קלערט אויף דער ליטווישער בילדונג־קוראַטאָר. נישט אַלע זענען געווען מסכים מיט טשאַר־טאָריסקיס קוק אויף דער ראָלע פון בילדונג. י אַ ן ש נ י אַ ד ע צ ק י, אַ זייער ליבעראַלער געלערנטער, דער רעקטאָר פון ווילנער אוניווערזיטעט, אַ גרויסער אָנהענגער פון די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט געהאַלטן, אַז דער גאַנצער בילדונג־פּראָגראַם לויט סאָציאַלע שיכטן איז אָן אומזין, ווייל ער איז נישט דעמאָקראַטיש. טשאַרטאָריסקי האָט מיט אים נישט איינגעשטימט. דער ליטווישער בילדונג־קוראַטאָר איז געווען קודם כל פאַראינטערעסירט, אַז יידן זאָלן שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן. אין אַזאַ שול, האָט ער געטענהט, איז גרינגער „אויס־צוהאָדעווען אַ ייד אַ פּאָליאַק", ווי אין אַ סעפּאַראַטער שול פאַר יידישע קינדער, אפילו ווען די שפּראַך פון די לימודים וועט דאָרטן זיין פּויליש.

אמת, אַזעלכע קינדער האָט מען שוין צו יענער צייט געקענט באַגע־גענען אין די אַלגעמיינע שולן. זייער צאָל איז אָבער געווען אַ קליינע. די דאָזיקע קינדער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן און דווקא מצד די שולן גופא. צו־טיף איז נאָך געווען דער געזעלשאַפטלעכער תהום צווישן ייד און פּאָליאַק, אַז מען זאָל קענען מיטן גוטן ווילן אַליין דאָס פאַרגלעטן. אין דעם פּרט איז זייער אינטערעסאַנט דער פאַל אין קאָוונע.

אין 1803 האָט אַ געוויסער ד"ר וואָלף געוואָלט אָפּגעבן זיין זון אין דער קאָוונער שול. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס וואָלף איז געווען אַ דאָקטאָר, האָט גענומען צוויי יאָר צייט ביז די שול־פאַרוואַלטונג האָט צו דעם איינגעשטימט. ערשט ווען טשאַרטאָריסקי האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין, האָט מען דעם דאָקטאָרס זון אַריינגענומען אין שול.

לויט די באַריכטן פון די שול־וויזיטאַטאָרס איז אין 1803 געווען א געוויסע צאָל יידישע קינדער אין אייניקע פּוילישע עלעמענטאַר שולן. מען האָט זיי באַגעגנט אפילו אין די קריסטלעך־רעליגיעזע (פּאַראַפּיאַלע) שולן אין גרעסערע און קלענערע שטעט און שטעטלעך פון ווילנער שול־ראַיאָן. זייער צאָל איז אָבער נישט געווען קיין צו גרויסע. עפּענען אייגענע שולן אין הסכם מיט די תקנות פון יאָר 1804, וואָס האָט צו דעם דער־מוטיקט, האָבן יידן קיין גרוים חשק נישט אַרויסגעוויזן.

דער אַלטער חדר און די תלמוד תורה האָט זיי אינגאַנצן באַפרי־דיקט. דער סימן פון היינטוועלטלעכקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס וור־נישט־ווו האָט מען אין די דאָזיקע לער־אַנשטאַלטן געלערנט שוין אביסל פּויליש, רוסיש און רעכענען. דער תהום צווישן יידישע און נישט־יידישע קינדער איז נאָך געווען צו טיף, אַז מען זאָל קענען אפילו טראַכטן וועגן א סך יידישע תלמידים אין די אַלגעמיינע פּוילישע שולן. יחידים האָט מען טאָלערירט און אָפּטמאָל אַזוי ווייט, אַז לשם פּראָפּאַגאַנדע האָט מען דערלויבט א יידיש קינד זיצן אין דער נישט־יידישער שול אין זיינע יידישע מלבושים. מען האָט געטון אַלץ, אַז מען זאָל פון אַזאַ קינד קיין שפּאָס נישט מאַכן.

„פאַר מיינע צייטן — שרייבט א ווילנער פּוילישער תלמיד אין זיינע זכרונות — זענען אין די עפנטלעכע שולן געווען אויך יידן. נישט איין יידעלע האָט איבערגעשטיגן די פּאַניטשעס וואָס שייך לערנען".

אויך יידישע מיידלעך אין ווילנע, גראָדנע און קאָוונע לערנען זיך אין די אַלגעמיינע שולן און חברן זיך מיט דער פּוילישער יוגנט. די „בנות ישראל" — שרייבט איינער — האָבן זייער נושא־חן געווען ביי די „פּאַ־ניטשעס". עס פּיקעווען זיך שוין אויס די ערשטע ענטוזיאַסטישע לייענער־קעס פון מיצקעוויטשעס פּאָעטישע ביכורים.

אין די אַלגעמיינע שולן איז דער לימוד פון רעליגיע געווען א צוואַנג־זאַך. פאַר די יידישע תלמידים האָט די קהילה געמוזט באַשטימען ספּע־ציעלע קאָמיסיעס און צושטעלן אין די שולן באַריכטן, וואָס לויט זיי האָט מען באַשטימט, אויב דער תלמיד איז ראוי צו קריגן זיין דיפּלאָם.

די אינסטיטוציע פון די „יידישע דעפּוטאַטן", וואָס האָט עקזיסטירט צו יענער צייט, און וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צוצושטעלן פּראָיעקטן

װעגן רעפאָרמען און שינויים אין יידישן לעבן, האָט אויך געמוזט נעמען א שטעלונג צום ענין פון יידישן חינוך אין ליטע. אין יאָר 1807 איז אין װילנע פאָרגעקומען אן אסיפה פון די דאָזיקע „דעפּוטאַטן״. זיי האָבן באַדאַרפט צושטעלן א באַריכט װעגן דעם, װאָס טראַכטן זיי װעגן די תקנות פון יאָר 1804 און װי אַזוי קען מען זיי דורכפירן אין לעבן אין הסכם מיט די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. די „דעפּוטאַטן״ האָבן קודם כל געבעטן, אַז װאָס איז שייך לערנען, דאַרף מען זען, אַז יידישע קינדער, װאָס באַזוכן אַלגעמיינע שולן זאָלן האָבן ספּעציעלע יידישע משגיחים. דאָס איז דערפאַר — האָבן זיי געשריבן — אַז יידישע קינדער זאָלן נישט טון גאָרנישט, װאָס שטימט נישט מיט דער יידישער אמונה״.

דאָס איז געװען א קאָנצעסיע דער װירקלעכקייט, מיט װעלכער זיי גופא האָבן קיין שלום נישט געקענט מאַכן. װאָס די „דעפּוטאַטן״ האָבן געװאָלט, איז טאַקע װעלטלעכע שולן, אָבער נאָר פאַר יידן. זיי האָבן בכלל נישט געקענט פאַרשטיין, װאָס איז דער תכלית צו שיקן א קינד אין א שול, װוּ עס גייען פריצישע קינדער. קודם כל איז דער סדר הלימוד נישט געװען צוגעפּאַסט פאַר די פּראַקטישע מעגלעכקייטן פון א יידיש קינד. מען לערנט דאָרטן פּויליש און לאַטיין — האָבן זיי געטענהט, צװיי שפּראַכן װאָס יידן, װי פאַרשריבענע צום „מיעשטשאַנישן קלאַס״ דאַרפן בכלל נישט אַזוי נויטיק קענען, װי, למשל, רוסיש און אוקראַיניש.

די „יידישע דעפּוטאַטן״ האָבן רעפּרעזענטירט דעם סוחרישן עלעמענט. װאָס האָט געזען אין די תקנות פון 1804 א יורידישע באַזע פאַר א פּאָטענציעלער לעגאַליזאַציע פון יידישע רעכט און ממילא א מעגלעכקייט פאַר אן עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע אויף די גרױסע שטחים פון דער רוסלענדישער אימפּעריע. די קענטעניש פון פּויליש איז געװען באַגרענעצט נאָר צו די גובערניעס פון ליטע, װייל דאָרטן איז די פּױלישע שליאַכטע געװען דער שטאַרקסטער עקאָנאָמישער קלאַס.

די דאָזיקע שליאַכטע האָט אָבער זיך שוין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, כדי עלימינירן די יידן פון עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. די נייע טעריטאָריעס פאַר א מעגלעכער װירטשאַפטלעכער טעטיקייט פאַר יידן האָבן זיך אַזוי אַרום געפונען מחוץ דער פּױלישער שפּראַך־פּעריפעריע.

טשאַרטאָריסקי האָט באַקעמפט די רוסלענדישע אָריענטאַציע פון „יידי־שע דעפּוטאַטן". ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל קוקן אויף ליטע ווי אויף אַ פּויליש לאַנד, נישט ווייניקער פּויליש, ווי פּוילן גופא איז געווען. די זעלבסטשטענדיקייט פון לאַנד האָט ער קודם כל געזען אין דער העגע־מאָניע פון קולטור. פאַר דעם צוועק האָט ער געוואָלט איינשפּאַנען דאָס ליטווישע יידנטום אין פּוילישן קולטור־וואָגן. פון די יידן אין ליטע האָט ער נישט דערוואַרט קיין פּוילישן שפּראַך־נאַציאָנאַליזם. ער האָט זיי גע־וואָלט איבערצייגן, אַז די קענטעניש פון פּויליש איז פאַר זיי פון גרויסער פּראַקטישער וויכטיקייט. ער האָט געוואָלט זען אין יעדער שטאָט און שטעטל אַ פּ ו י ל י ש ע ש ו ל פאַר י י ד י ש ע קינדער, וואָס וועט אין דעם אַלגעמיינעם קולטור־בילאַנס פון לאַנד זיין פאַררעכנט אויף דער קאָנטע פון די דערגרייכונגען פון דער פּ ו י ל י ש ע ר ק ו ל ט ו ר. ער האָט טיף געגלויבט אין דער קולטור־מיסיע פון פּוילישן פאָלק און האָט פון זיין גלויבן קיין סוד נישט געמאַכט.

דער ערשטער עקספּערימענט פון אַזאַ פּאָלאָניזאַטאָרישן כאַראַקטער איז געמאַכט געוואָרן אין ווילנע גופא. אין יאָר 1808 האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט געעפנט אַ שול פאַר יידישע קינדער. לכתחילה האָט מען געפּלאַנט אַ יידישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט מיטן צוועק אויסצובילדן קודם כל לערערס פאַר די געפּלאַנטע עלעמענטאַרע שולן פאַר יידישע קינדער. משמעות, אַז קיין סך בעלנים פאַר דער מיסיע פון פּוילישער קולטור־טרע־גערײ צווישן יידן איז נישט געווען. איז פון דעם לערער־אינסטיטוט געוואָרן אַן עלעמענטאַרע שול, ווו מען האָט צוגענומען תלמידים פון פאַרשידענעם עלטער. אפילו 40־יאָריקע „קינדער" האָבן זיך דאָרטן געלערנט דעם פּוי־לישן אלף־בית. צווישן די תלמידים פון דער דאָזיקער שול איז געווען ל יי ב ב ן א ב ר ה ם ל י אָ נ ד ע ר, שפּעטער באַקאַנט ווי דער מחבר פון דעם ערשטן פּויליש־יידישן ווערטערבוך, וואָס איז דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1827.

וועגן דער דאָזיקער שול איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער בריוו פון 6טן אויגוסט 1808, געשריבן פון י ו ז ע ף ז אַ וו אַ ד ז ק י, דעם אוניווערזיטעט־דרוקער, צום פירשט טשאַרטאָריסקי:

„יידן שטופּן זיך ממש אין שול אַריין. אין איצטיקן מאָמענט איז אין

דער עלעמענטאַר־שול שוין דאַ איבער הונדערט תלמידים. יידן בכלל ווייזן אַרויס אַ גרויסע התמדה צום לערנען און אויך פעאיקייטן. היות ווי כמעט יעדער ייד לערנט זיך לייענען און שרייבן העברעאיש, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אויב דאָס זעלבע וועט פּאַסירן מיט פּויליש, וועלן פון די יידן מיט דער צייט אַרויס שרייבער און גוטע מחברים. חוץ דעם וועלן יידן פאַרגרעסערן די צאָל פּויליש־לייענערס. ביכער געשריבן אויף פּויליש וועלן אַזוי אַרום געפינען אַ גרעסערן אָפּזאַץ, ממילא וועט דאָס ברענגען אַ גרעסערן נוצן די מחברים. דאָס וועט צוגעבן מער חשק צו שרייבן און אויף אַזאַ אופן וועט פאַרגרעסערט ווערן די צאָל פון די וואָס זענען נאַציאָנאַל אויפגעקלערט, מען דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז דער דאָזיקער קלאַס פון דעם פאָלק, וואָס איז ביז איצט געווען פויל און ווייניק נוצלעך, וועט אַ דאַנק דער אויפקלערונג דורך וויסן ברענגען דעם פאָלק מער נוצן״.

אונטערן וואָרט „פאָלק״ פאַרשטייט זאַוואַדזקי דאָס פּוילישע פאָלק. אין דעם פּרט האָט טשאַרטאָריסקי איינגעשטימט מיטן פאַרלעגער. דאָס פּוילישע בוך האָט געקענט האָבן אַ גואל נאָר אין יידן. די שליאַכטע איז געווען „פויל און ווייניק נוצלעך״, הגם זי האָט געהאַט די מיטלען, האָט זי אָבער קיין פּויליש בוך נישט געקויפט. דער פּויער און דער ווייסרוסיש־פּוילישער מעשטשאַנין האָט קוים געקענט לייענען. אין יאָר 1802 האָט דער באַרימטער פּוילישער אָריענטאַליסט יוזעף סענקאָווסקי (שפּעטער באַרימט אין דער רוסישער ליטעראַטור א. נ. באַראָן בראַמבעאוס) געשריבן, אַז דער קולטור־מעמד פון דער פּוילישער שליאַכטע אין ליטע איז זייער אַ נידעריקער. זי האָט פיינט ביכער און לייענט אפילו נישט קיין צייטונגען. די בוכהענדלער באַקלאָגן זיך — שרייבט ער — אַז פון פּוילישן בוך קען מען קיין פּרנסה נישט האָבן.

די פּוילישע קולטור טרעגער אין ליטע האָבן אויך געשעצט דעם יידישן אינטעלעקטואַליזם; דעם געדאַנק פון פּאָלאָניזירן לכל הפּחות קולטורעל די ליטווישע יידן האָט מען געהאַלטן פאַר פּראַקטיש פון שטאַנדפּונקט פון פאַרגרעסערן די צאָל קויפער פון פּוילישע ביכער. מיר ווייסן, אַז פּוילישע שליאַכטשיצעס האָבן זיך מתעסק געווען מיט דרוקן העברעאישע ספרים, זיכער נישט צוליב העברעאישער „קולטור־טרעגעריי״. זאַוואַדזקי האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. זיין חלום אויסצוהאָדעווען יידישע לייענער

פון פוילישע ביכער איז געווען א בארעכטיקטער. די דאָזיקע „געטאָ־קינ־דער״ האָבן געזאָלט ראַטעווען אין ליטע די פוילישע קולטור און ווערן די אמתע „קולטור־טרעגער״, ווייל די „פּאַנעס״ קויפן נישט און לייענען נישט קיין ביכער בכלל. דער ענטוזיאַסטישער באריכט פון זאַוואַדזקין צו טשאַרטאַריסקין — האָט אָבער באַוויזן, אז די שול אפילו מיט הונדערט קינדער, קען בכלל נישט עקזיסטירן. די מלוכה האָט געקאַרגט געלט אויף אויסצוהאַלטן זי. משמעות, אז מען האָט דערוואַרט אז די ווילנער קהילה וועט העלפן פינאַנצירן די שול. אָבער צו דעם איז נישט געקומען. דעם זעלבן יאָר האָט זיך די דאָזיקע ערשטע פּוילישע וועלטלעכע שול פאַר יידישע קינדער אין ליטע געמוזט פאַרמאַכן.

טשאַרטאָריסקי האָט אָבער זיינע קולטור־פּלענער לגבי ליטווישע יידן נישט געוואָלט אויפגעבן. איידער די שול האָט זיך פאַר־מאַכט, האָט ער באַפוילן דער אוניווערזיטעט־פאַרוואַלטונג צונויפרופן א ספּעציעלע אסיפה וועגן דעם יידישן שול־וועזן. מען האָט אויך איינגעלאַדן די קהילה און געבעטן צושיקן צוויי דעלעגאַטן. די איינלאַדונג איז אַרויס פון דעם רעקטאָר פון אוניווערזיטעט גופא, יאַן שניאַדעצקי, וואָס האָט צווישן יידן געהאַט א פאַרדינטע רעפּוטאַציע פון אן אוהב ישראל. עס איז געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט אָרגאַניזירן נאָרמאַלע עלעמענטאַר־שולן פאַר יידישע קינ־דער. די קהילה האָט אָבער קיין דעלעגאַטן נישט געוואָלט שיקן. אין דער פאַרוואַלטונג איז געווען א קליינער מיעוט, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט דער אידעע פון וועלטלעכע שולן פאַר יידישע קינדער. קעגן דער איבער־וועגנדיקער מערהייט פון דעת הקהל האָט די מינדערהייט זיך אָבער נישט געוואָלט שטעלן.

טשאַרטאָריסקי, פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים, האָט דערווייל אָפּ־געלאָזט דעם גאַנצן ענין. ערשט אין יאָר 1818, בעת אין קאָנגרעס־פּוילן האָט מען גענומען גרינדן עלעמענטאַר־שולן פאַר יידישע קינדער, איז ער צוריקגעקומען צו זיין אַלטן געדאַנק. פון א באַריכט, וואָס דער שול־דירעק־טאָר פון ווילנער גובערניע האָט אים צוגעשיקט, האָט טשאַרטאָריסקי זיך דערוווּסט, אז אין ווילנע וואַקסט די צאָל משכילים, וואָס וואָלטן געוואָלט אָפּגעבן זייערע קינדער אין א פּוילישער שול. עס וואָלט אָבער געווען

בעסער — האָט ער געשריבן — ווען די מלוכה־מאכט צווינגט די קהילה נעמען א פּאָזיטיווע שטעלונג צו אַזעלכע שולן.

דעם 15טן מערץ 1818 איז אַרויס א שריפט צום ווילנער גובערנאַ־טאָר, אין וועלכן עס ווערט פאָרגעשלאָגן עפענען א „פּאַראַפּיאַלע שול פאַר יידן". די הכנסה פאַר אויסהאַלטן די שול דאַרף קודם כל גענומען ווערן פון די פאָנדן פון דער ווילנער „תלמוד־תורה", וואָס האָט עקזיסטירט שוין א לאַנגע צייט און מען האָט געמיינט, אַז זי האָט גרויסע קאַפּיטאַלן. זינט 1808 פלעגט דער ווילנער שול־וויזיטאַטאָר באַזוכן די דאָזיקע תלמוד תורה און צושטעלן טשאַרטאָריסקין אויספירלעכע באַריכטן.

כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען געפּלאַנט צו שאַפן א קוראַטאָריע פון „אויפגעקלערטע" יידן.

ווען עס איז אָבער געקומען צו קריגן געלט פון די פאָנדן פון דער „תלמוד תורה" האָט די פאַרוואַלטונג אין אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום דערקלערט אַז די מנדבים פאַר דער תלמוד־תורה גיבן געלט בפירוש נאָר פאַרן רעליגיעזן חינוך, ממילא טאָר מען נישט נעמען פון דעם פאָנד קיין געלט פאַר וועלטלעכע לימודים.

דער ווילנער וויצע־גובערנאַטאָר האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל די „תלמוד תורה" פאַרוואַנדלען אין צוויי שולן: א רעליגיעזע און א וועלטלעכע. די אוניווערזיטעט פאַרוואַלטונג האָט אויף דעם נישט געוואָלט איינגיין. מען איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז אַזאַ שול דאַרף זיך עפענען און אַז די קהילה מוז זי אויסהאַלטן. דער אוניווערזיטעט האָט דעלעגירט אין א קאָמיסיע איר פּראָפעסאָר פאַר העברעאיש, דעם גלח ש י מ אָ ן ז ש ו ק אָ ו ס ק י. פון דער קהילה זענען געקומען ד״ר י ו ס ף ר אָ ז ע נ ס אָ ן, וואָס האָט געענדיקט דעם ווילנער אוני־ווערזיטעט (אין יאָר 1812) און דער קהילה־שרייבער מ י כ א ל א ב־ר ה ם ג אָ ר ד אָ ן.

לויטן סדר הלימוד וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן, האָט מען אין דער דאָזיקער שול געפּלאַנט לערנען לייענען און שרייבן פּויליש און רוסיש, עטיק, רעכענען, געשיכטע און לאָקאַלע געאָגראַפיע.

די באַראַטונגען אַרום דעם פּראָיעקט האָבן געדויערט א לאַנגע צייט. דעם 5טן פעברואַר 1820 איז דער פּראָיעקט ענדלעך געוואָרן פאַרטיק. די

ווילנער קהילה האָט זיך געוואָלט אויסדרייען פון דעם גאַנצן ענין און האָט תיכף געמאָלדן, אַז ראָזענסאָן און גאָרדאָן זענען נישט אירע פאַר־טרעטער, ממילא פאַרטרעטן זיי נישט די יידישע באַפעלקערונג. די צוויי משכילים האָבן אָבער אונטערגעשריבן דעם ענדגילטיקן פּראָיעקט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן באַשטייערן די יידישע אייגנטימער פון הייזער. סך הכל זענען דעמאָלט אין ווילנע געווען הונדערט יידישע הויז־באַזיצער. מען האָט זיי פאַרטיילט אין דריי קלאַסן מיט אַ שטייער פון 15, 10 און 5 רובל רעספּעקטיוו. דער בודזשעט האָט געזאָלט באַשטיין פון 500 זיל־בערנע רובל אַ יאָר, פון דעם 400 רובל פאַר צוויי לערער און 100 רובל אויף פּאַפּיר, טינט, בלייערס און אַנדערע מכשירים. די יידישע פאַרטרע־טער האָבן איינגעשטימט, אַז די ערשטע דריי יאָר זאָלן די לערערס זיין קריסטן, אָבער נאָך דעם טערמין מוזן די לערערס אומבאַדינגט זיין יידן. אין פּלאַן איז אריין, אַז מען זאָל לערנען נאָר אַ האַלבן טאָג, כדי צו געבן די קינדער אַ מעגלעכקייט נאָך מיטאָג צו גיין אין חדר אָדער לערנען זיך פּריוואַט ביי אַ מלמד.

דער גלח זשוקאָווסקי האָט געפאָדערט, אַז אַלע מלמדים זאָל מען צווינגען באַזוכן די שול, אויב נישט זאָל מען זיי פאַרווערן זיך פאַר־נעמען מיט מלמדות. אויף דעם האָבן די יידישע דעלעגאַטן פון דער קאָמיסיע נישט געוואָלט איינגיין. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פאָרשלאָג מוז אומבאַדינגט פאַרשטאַרקן די אָפּאָזיציע צו דער פּראָיעק־טירטער שול. פאַר די פאַרדינסטן ביים צוזאַמענשטעלן דעם פּראָיעקט האָט ז ש ו ק אָ וו ס ק י פאָרגעשלאָגן, אַז ד״ר ראָזענסאָן זאָל באַ־קומען אַ טיטל „אין הסכם מיט זיין אַקאַדעמישן גראַד״, און ג אָ ר ד אָ ן זאָל באַשטימט ווערן פאַר אַ ראַטגעבער אין דער צענזור פון יידישע ביכער. פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז אָבער גאָרנישט נישט געוואָרן. פאַרוואָס איז דאָס געשען — איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן. אפשר האָט די רוסישע רעגירונג נישט געוואָלט, אַז די יידן אין ליטע זאָלן ווערן אַן אָביעקט פון פּאָלאָניזאַציע. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די „דעפּוטאַטן פון יידישן פאָלק״ אין פּעטערבורג האָבן אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל דעם פּלאַן נישט דורכפירן.

## קאַפּיטל 6

# דער ווילנער אוניווערסיטעט און יידן

(1824—1803)

אויב טשאַרטאָריסקין האָט זיך נישט איינגעגעבן מיט די יידישע עלעמענטאַר־שולן, איז אים אָבער געלונגען צוציען יידישע יוגנטלעכע אין ווילנער אוניווערזיטעט. ראשית כל איז דאָס געווען גרינגער. קיין סך קאַנדידאַטן־יידן וואָס זענען געווען ראוי זיך צו לערנען אין אַן אוניווערזיטעט איז אין ליטע בכלל נישט געווען. דער ווילנער אוניווערזיטעט איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אין גאַנץ רוסלאַנד. פאַר פּראָפעסאָרן האָט טשאַרטאָריסקי איינגעלאַדן די בעסטע וויסנ־שאַפטלעכע כוחות פון אייראָפּע. באַזונדער גוט איז געווען אָרגאַניזירט דער מעדיצינישער און דער פילאָלאָגישער פאַקולטעט.

„דער אוניווערזיטעט איז איצט אין ווילנע אַ גאָר וויכטיקער ענין — שרייבט דער יונגער י אָ כ י ם ל ע ל ע װ ע ל צו זיינע עלטערן (דעם 28סטן מאי 1804) — עס איז דאָ אַ סך יונגוואַרג, גלחים שטודירן און אפילו יידן באַזוכן די לעקציעס".

לעלעוועל דערמאָנט צוויי יידן־סטודענטן וואָס זענען געווען זיינע פריינט: דאָס זענען געווען לעווי און ניימאַן. אין דער צייט ווען טשאַרטאָ־ריסקי איז געווען שול־קוראַטאָר, ד״ה פון 1803 ביז 1824, האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט געציילט איבער פערציק יידן־סטודענטן. דער

גרעסטער טייל פון זיי האָט שטודירט מעדיצין, עס זענען אָבער געווען אייניקע סטודענטן, אמת, זייער זעלטענע אויסנאַמען, וואָס האָבן שטודירט נאַטורוויסנשאַפט. די באַציאונגען צווישן יידישע און נישט־יידישע סטודענטן זענען בכלל געווען נישט קיין פריינטלעכע. אויף דעם קלאָגט זיך טאַקע לעלעוועל אין זיינע בריוו צו די עלטערן.

„די מערסטע פוילישע סטודענטן — שרייבט ער — שטאַמען פון דער שליאַכטע. זיי קענען נישט שליסן קיין שלום מיטן געדאַנק, אַז יידן זענען זייערע שול־קאָלעגן".

אָפטמאָל פלעגן פאָרקומען קריגערייען צווישן איינצלנע יידן און נישט־יידן און עס איז אפילו געקומען צו עפנטלעכע אינצידענטן, אַזוי אַז די אוניווערזיטעט פאַרוואַלטונג האָט זיך געמוזט אין דעם אַריינמישן. דער רעקטאָר י א ן ש נ י א ד י צ ק י און אַ טייל ליבעראַלע פראָפעסאָרן האָבן תמיד פאַרטיידיקט די יידן. אין יאָר 1815 האָבן די פוילישע סטודענטן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן. זיי זענען אָבער דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן און אייניקע סטודענטן זענען אפילו אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערזיטעט.

די יידן־סטודענטן וואָס האָבן שטודירט מעדיצין זענען על פּי רוב געווען סטיפּענדיאַנטן פון פוילישע מאַגנאַטן. אַזעלכע סטיפּענדיעס האָבן געהאַט י צ ח ק ז י י ב ע ר ל י נ ג, י ו ס ף ר אָ ז ע נ ז אָ ן א"א. דער סטודענט מ ע נ ד ל ב ן ש מ ו א ל ר אָ ט ע נ ב ע ר ג, וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין ווילנע אין די יאָרן 1814־1815 און איז אפילו אַ געוויסע צייט געווען דער יידישער צענזאָר, האָט געהאַט אַ סטיפּענדיע פון גראַף מאָשינסקי. דער סטודענט ש מ ו א ל ק ו ש ע ל ע ו ו ס ק י, וואָס האָט אגב געקענט זייער גוט העברעאיש, האָט געהאַט אַ סטיפּענדיע פון ווילנער גראַף טישקעוויטש. צו די סטודענטישע קלובן פון דעם אוניווערזיטעט האָט מען יידן נישט געוואָלט צולאָזן. אין ווילנע זענען דאַס געווען געהיימע נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטישע קרייזן. צו זיי האָט אויך געהערט אדאַם מיצקעוויטש. דאָס זענען געווען די קרייזן פון די פילאַרעטן און פילאָמאַטן. אויף זייערע זיצונגען האָט מען אַ סך דעבאַטירט וועגן יידן און אפילו געלייענט די השכלה־ליטעראַטור אויף דייטש און פראַנצויזיש. לגבי יידן האָבן זיי זיך באַצויגן ווי ציוויליזאַ־

טאָרם פון אַ „ווילדן שבט״. מען דאַרף יידן קודם כל „ציוויליזירן״, נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל „עקספּלאָאַטירן״ דעם פּויער. זייערע הומאַניטאַר־אוטאָפּיסטישע פּראָגראַמען זענען געווען אַ געמיש פון דייטשישן „טוגנד־בונד״ און מאַסאָנישער אידעאָלאָגיע. אפילו ווען זיי האָבן געפירט וויכוחים וועגן דער נויטווענדיקייט צו „רעפאָרמירן״ די ליטווישע יידן, האָבן זיי נישט געוואָלט צולאָזן אַ יידישן קאָלעגע פון אוניווערזיטעט ער זאָל זיך קענען באַטייליקן אין די דיסקוסיעס וועגן אַן ענין וואָס איז נוגע יידן. אין יאָר 1811 איז באַשטימט געוואָרן, אַז אַלע סטודענטן פון ווילנער אוניווערזיטעט ווערן באַפרייט פון צאָלן שטייערן. אין יאָר 1819 האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט זיך משתדל געווען, אַז אויך די יידישע סטודענטן זאָלן קענען געניסן פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע. אָבער דער רוסישער בילדונג־מיניסטער איז אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געענטפערט, אַז נאָר אַזאַ יידישער סטודענט וואָס איז גרייט זיך צו שמדן קען האָבן די דאָזיקע פּריווילעגיע.

די יידישע סטודענטן אין ליטע האָבן זיך על פּי רוב רעקרוטירט פון לומדישע און משכילישע קרייזן. אַ סך פון זיי האָבן געקענט גוט העבּ־רעאיש און זיך אינטערעסירט מיט יידישע ענינים. איינער פון זיי, למשל, ב ע ר ז ײ ד ע נ ב ע ר ג, האָט אין יאָר 1819 אָנגעשריבן זייער אַן אינטערעסאַנטן פּראָיעקט וועגן רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן אין ליטע און אים דערלאַנגט דעם ווילנער אוניווערזיטעט. אין דער פּוילי־שער פּרעסע, ווי „דזיענניק ווילענסקי״, טרעפט מען שוין אַן אין 1820 מיטאַרבעטער יידן, על פּי רוב סטודענטן פון אוניווערזיטעט. זיי נעמען תמיד אַ וואָרט אין ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיטן יידישן לעבן. דאָס איז די ערשטע יידישע אינטעליגענץ אין ליטע.

טשאַרטאָריסקין האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט געהאַט צו פאַר־דאַנקען אַ פאַקולטעט פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכן און קולטור, העברע־איש בתוכם. דער פּראָפעסאָר פון העברעאיש איז געווען דער גלח ש י מ אָ ן פ ע ל י ק ס ז ש ו ק אָ ו ס ק י (1782־1834), אגב אַן אינטימער פריינט פון אַ סך ווילנער משכילים. ער פלעגט זיך אָפּט אָבאָנירן אויף השכלה־ספרים. זיין נאָמען פיגורירט, למשל, אין דער רשימה פון פּרענומעראַנטן אויף מרדכי אהרן גינזבורגס „גלות ארץ החדשה״

(דערשינען אין 1823). אין יאָר 1809 האָט זשוקאָווסקי אָפּגעדרוקט אַ פּויליש ביכל פאַר עלעמענטאַר העברעאיש און אין יאָר 1811 אַ לייען־בוך פאַר אַ העכערן קורס מיט אַ העברעאיש־לאַטייניש־פּוילישן ווערטער־בוך.

טשאַרטאָריסקי האָט זיך שטאַרק מתעסק געווען מיט דער אָפּטייטלונג פון „העבראיקאַ". די דאָזיקע קאָלעקציע איז געווען זייער אַ סאָלידע. בפרט איז גרויס געווען די זאַמלונג פון לערנביכער און העברעאישע ווערטערביכער און ביבלישע קאָנקאָרדאַנדן. אַזאַ גרויסער ביבליאָגראַף, ווי יאָאַכים לעלעוועל שטעלט פעסט, אַז בעת עס איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף די הערות צו אַן אויסגאַבע פון די מסעות פון בנימין פון טודעלאַ, האָט ער אין דער ווילנער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק געפונען זעלטענע ספרים און מאַנוסקריפּטן. די זאַמלונג איז געוואַקסן אַ דאַנק די צענזור־עקזעמפּלאַרן, וואָס מחברים האָבן געמוזט צושטעלן, ווייל די השגחה איבער דער צענזור פון העברעאישע און יידישע ביכער איז געווען אין רשות פון דעם אוניווערזיטעט.

אויב עס איז לייכט געווען אָנצוזאַמלען אַ גרויסע קאָלעקציע, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן די רייכסטע אין פּוילן, איז אַ סך שווערער געווען מיט געפינען אַ פּאַסיקן צענזאָר. צווישן די נישט־יידן איז געווען זייער ווייניק וואָס האָבן געקענט העברעאיש און יידיש. אָפיציעל האָט דער פּראָפעסאָר פאַר העברעאיש באַדאַרפט זיין דער צענזאָר. עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ מין רוטין, אָפיציעל קיינמאָל נישט לעגאַליזירט, אַז דער צענזאָר פלעגט בעטן אַ ייד אַ למדן, אָדער אַ משכיל, העלפן אים צענזורירן אַ ספר. אַ געוויסע צייט האָט די דאָזיקע פונקציע אויסגעפירט דער אויבן דערמאָנטער גאָרדאָן. אָבער קעגן אַזעלכע צופעליקע און גע־היימע געהילף־צענזאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו. די מחברים גופא האָבן פּראָטעסטירט. אויך די יידישע מוכרי־ספרים האָבן אריינגעשיקט אַ פּראָטעסט. זיי האָבן געטענהט, אַז ראשית כל נעמט עס זייער לאַנג, ווייל די אַרבעט איז נישט קיין באַצאָלטע, והשנית, דער „עקספּערט" איז אָפטמאָל זייער פערזענלעך און איז זיך נוקם אין אַ מחבר, מיט וועלכן ער האָט געהאַט סכסוכים. די לומדישע מחברים האָבן אָנגעוויזן, אַז דער „עקספּערט" איז אַ גרויסער עם־הארץ און דעריבער טאָר מען

אזעלכע לייט נישט אָנפּאַרטרויען דאָס צענזורירן פון העברעאישע ביכער. וועגן דעם האָט דער אוניווערזיטעט געהאַט אַ סך באַראַטונגען. צו די טענות האָט מען זיך צוגעהערט מיט גרויס דרך ארץ. עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אָנצושטעלן אַ ספּעציעלן צענזאָר פאַר העברעאישע און יידישע ביכער, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערן פון די פּריוואַטע עקספּערטן. היות ווי דאָס איז געווען אַ מלוכהשער אַמט, האָט מען אַ ייד, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט אָנשטעלן. טשאַרטאָריסקי איז אָבער באַשטאַנען דערויף, אַז אַזאַ צענזאָר זאָל דווקא זיין אַ ייד. ער האָט זיך דעריבער געווענדט צו אַ ב ר ה ם י ע ק ב ש ט ע ר ן (1762—1842), דעם באַרימטן וואַרשעווער למדן און מאַטעמאַטיקער און געבעטן אים צו רעקאָמענדירן אַ פּאַסיקן קאַנדידאַט. אין ווילנע איז צו יענער צייט געווען אַ פּוילישער בוכהענדלער און פאַרלעגער אַ ייד גליקסבערג, פון דער באַקאַנטער וואַרשעווער משפּחה, וואָס האָט זיך שטאַרק מתעסק געווען מיטן פּוילישן פאַרלאַג־וועזן. איינער פון דער דאָזיקער משפּחה, יאַן גליקסבערג, איז רעקאָמענדירט געוואָרן פון זיין ווילנער ברודער אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן. טשאַרטאָריסקי האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום פרומען שטערן און אים געבעטן עקזאַמינירן גליקסבערגן. שטערן האָט אויסגע־פירט די בקשה פון דעם פירשט און צוגעשיקט זייער אַ גינציקן ראַפּאָרט. ער האָט געשריבן, אַז גליקסבערג קען לערנען און איז אויך באַהאַוונט אין דער השכלה־ליטעראַטור. דאָס לעצטע איז פאַר טשאַרטאָריסקין גע־ווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע. גליקסבערג איז געקומען צו פאָרן קיין ווילנע אויף דער איינלאַדונג פון טשאַרטאָריסקין. דער וואַרשעווער קאַנ־דידאַט איז דעם פירשט זייער געפעלן געוואָרן. דערווייל האָט אָבער די וואַרשעווער קהילה באַשטימט גליקסבערגן פאַר איר סעקרעטאַר (מערץ, 1822) און פון דעם שידוך מיטן ווילנער צענזור־אַמט איז גאָרנישט נישט געוואָרן.

קאַפּיטל 7

# יידישע קולטור־טעטיקייט אין ליטע

(1824 — 1803)

דער שמועס וואָס פּירשט טשאַרטאָריסקי האָט אין ווילנע געהאַט מיט גליקסבערגן איז זייער אינטערעסאַנט. עס לאָזט זיך אויס, אַז דער פּירשט האָט געוואָלט נישט סתם אַ צענזאָר, נאָר אַ „יידישן עצה־געבער", וואָס זאָל אָנווייזן וואָס פאַראַ שולן דאַרף מען עפענען פאַר יידן, וואָס דאַרף זיין דער סדר הלימוד און וועלכע ביכער, העברעאישע אָדער יידישע, זאָל מען דערלויבן דרוקן און וועלכע נישט. צווישן די הויפּט־פּלענער פון טשאַרטאָריסקין איז אויך געווען אַרויסצוגעבן אַ סידור אויף פּויליש, כדי יידן זאָלן זיך צוגעוויינען צו „דער לאַנדשפּראַך, פּונקט ווי דאָס ווערט געטון פון די יידן אין מערב־אייראָפּע", — האָט ער געשריבן צו גליקסבערגן.

גליקסבערג האָט זיך תיכף אונטערגענומען איבערזעצן דעם סידור אויף פּויליש. דער אוניווערסיטעט האָט עס געוואָלט אַרויסגעבן. אין אַ מעמאָראַנדום צום פּירשט טשאַרטאָריסקי (1822) שרייבט גליקסבערג, אַז אַזאַ סידור וועט נישט נאָר פּאָלאָניזירן די יידן, נאָר וועט אויך „הור־מאָניזירן די פּאָליאַקן, וואָס וועלן איצט זיך קענען איבערצייגן וועגן דעם אמתן גייסט פון דער יידישער אומה". אַ צווייטער קאַנדידאַט פאַר דעם דאָזיקן אַמט איז געווען י ח ז ק א ל ־ א ר י ה ה אָ ג ע (1860—1791), אַ געוועזענער חסיד, שפּעטער אַ הייסער משכיל און זינט 1823 אַ משומד און מיסיאָנער. אין יאָר 1822 האָט ער אַרויסגע־

געבן אין וואַרשע אַ פּוילישע איבערזעצונג פון אַ געקירצטן סידור און אַ מין קאַטעכיזם פאַרן לימוד פון דער יידישער רעליגיע. זיין מעמאָראַנדום צום פירשט טשאַרטאָריסקי, צוגעשיקט אין יאָר 1820, איז זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט. ער גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער העברעאישער השכלה ליטעראַטור און זאָגט אַרויס מיינונגען וועלכע יידישע מחברים זענען „נוצלעך״ און וועלכע זענען „שעדלעך״.

ווי מען זעט, האָט דער פירשט טשאַרטאָריסקי גענומען זייער ערנסט זיין אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן די יידן אין ליטע.

אויך וועגן דער יידישער פרוי האָט ער נישט פאַרגעסן. דער אוניווערסיטעט איז געווען בכלל נישט צוטריטלעך פאַר פרויען. די פּאַסיקסטע באַשעפטיקונג פאַר אַן אינטעליגענטער יידישער מיידל איז אין זיינע אויגן געווען אַקושעריע. דער היגיענישער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען ווייט נישט קיין געהויבענער. קיין סך רופאים זענען בכלל נישט געווען. די בעסטע יידישע דאָקטוירים האָבן געהאַט ביי די פּוילישע שררות אַזאַ גרויסע פּראַקטיק, אַז אַ יידישער חולה האָט צו זיי אַפילו נישט געקענט צוקומען. ביים ווילנער אוניווערזיטעט איז געווען אַ שול פאַר אַקושערקעס. די דאָזיקע שול האָט געגרינדעט אין גראָדנע אַנטאָני טיזענהויז און איז פון דאָרטן צוזאַמען מיט דער גאַנצער מעדיצינישער שול איבערטראָגן געוואָרן קיין ווילנע. אין די יאָרן 1811—1837 האָט אויך אין ביאַליסטאָק עקזיסטירט אַ שול פאַר אַקושערקעס. אין די דאָזיקע צוויי שולן זענען געווען אַ סך יידישע תלמידות. ביים פאַרענדיקן האָבן זיי געמוזט באַקומען פון דער קהילה אַן איינגעשווירענע דעקלאַראַציע, אַז זיי וועלן ערלעך אויספירן זייער מלאכה. די דאָזיקע „אמניות דאָקטאָריע הנקראת אקאשערקעס״, ווי מען האָט זיי באַטיטלט אין פּנקס פון דער ווילנער קהילה, זענען געווען די ערשטע יידישע פרויען אין ליטע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַ פּאַלקסמיסיע. על פּי רוב זענען דאָס געווען אינטעליגענטע פרויען און אַפילו פון גאָר פיינע היימען. אַזוי, למשל, האָט אין יאָר 1819 געענדיקט אויף אַן אַקושערקע די טאָכטער פון דעם פּראָמינענטן דאָקטאָר יעקב לייבאָשיץ. צוויי פון די דאָזיקע אַקושערקעס האָבן אַפילו פאַרפאַסט אויף יידיש פּאָפּולערע ביכלעך אין שייכות מיט זייער פּראָפעסיע. איינע פון

זיי איז געווען א ס ת ר ק י נ ק ו ל ק י ן. איר מאַן האָט גע־שטאַמט פון אַ באַקאַנטער ווילנער משפחה מוכרי ספרים און מחברים. שאול קינקולקין, איר זון (געשטאָרבן 12טן פעברואר 1908) איז געווען אַ באַרימטער ווילנער בוכהענדלער פון פוילישע ביכער. ער איז געווען אַן אינטימער פריינד פון דעם פוילישן פאָעט ס י ר אָ ק אָ מ ל אַ, וועלכער האָט אים פאַראייביקט אין אַ פּאָעמע א״נ „דער ביכער־טרע־גער". אין 1861 איז ער געווען אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף אַ יאָר תפיסה דערפאַר וואָס ער האָט פאַרקויפט און פאַרשפּרייט די פוילישע פּאַטריאָטישע ליטעראַטור.

די צווייטע אקושערקע וואָס האָט אָנגעשריבן אויף יידיש אַ ביכל איז געווען מ ל כ ה ב ע ר ל אַ נ ט. אין יאָר 1836, איז אין ווילנע דערשינען איר חיבור א״נ דיא גליקליכע מוטטער אָדער איינע געניטע לעהערערין פיר מוטטער וועלכע איהרע געזונדהייט צו פערהיטען פאַרלאַנגען... אין דער צייט פון טראָגן (שוואַנגערשאַפט) און וועה־רענד דאָס זייגען דעם קינדעס... הערוים געגעבין פאָן דער אַפּראָבירטע אַ ק ו ש ע ר ק ע דער ווילנישען אַקאַדעמיע מ ל כ ה ב ע ר־ל אַ נ ט געבאָהרענע ל ע וו ע נ ש ט ע ר ן (72 זייטלעך).

די דאָזיקע קולטור און שול־באַוועגונג וואָס איז געשטאַנען אָפן פאַר יידן און וואָס איז געווען מאָראַליש געשטיצט פון דער גרופּע, וואָס אַרום טשאַרטאָריסקין, האָט נישט געקוקט אויף אַלע פּסיכאָלאָגישע מני־עות און דער שטאַרקער אָפּאָזיציע מצד די פרומע יידן — דאָך פאַר־גרעסערט די צאָל פון יידן מיט וועלטלעכן וויסן. אין דער פוילישער ליטעראַטור אין ליטע האָבן זיך דערהערט ליבעראַלע טענער. אַ סך חשובע פוילישע שרייבער, בפרט נאָך דער מלחמה פון 1812, זענען אַרוים מיט קאָנסטרוקטיווע פּלענער מכח רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן. עס האָט זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט אַ יידישע געזעלשאַפטלעכע מיי־נונג, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין אַ עפנטלעכע טריבונע. אין דעם פרט איז די מלחמה פון 1812, און די פראַנצויזישע אָקופּאַציע פון ליטע בכלל, און פון ווילנע בפרט, געווען פון אַ גוואַלדיקן קולטור־היסטאָרישן באַטייט, וואָס יידישע היסטאָריקער האָבן נאָך נישט אָפּגעשאַצט. דאָס קומען פנים אל פנים מיט יידן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָט

געעפנט די ליטווישע יידן די אויגן. זיי האָבן פאַר זיך דערזען פרומע יידן, אייניקע אפילו לומדים, וואָס האָבן גערעדט פריי די שפּראַך פון דעם לאנד, פון וועלכן זיי שטאַמען. די יידן פון די אָקופּאַנטישע אַרמייען האָבן אין דער אָרימער ווילנע אנטדעקט געבילדעטע „אמונה־ברידער״. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז אין ווילנע זענען געווען יידישע פּרויען וואָס האָבן גערעדט פליסיק פראנצויזיש. אמת, זייער צאָל איז נישט געווען קיין גרויסע, אָבער אויך אזא קליינע צאָל, האָט זיי איבערראַשט און שטאַרק אימפּאָנירט. וועלט־ענינים האָבן אָנגעהויבן שטאַרק פאַראינטע־רעסירן די ליטווישע יידן. נישט יעדער האָט געקענט לייענען די פּוילישע בלעטער, וואָס זענען געווען פּראָווינציעל אין כאראקטער, צו פּויליש אין אינהאַלט און ווייניק אייראָפּעאיש.

נאָך דער מלחמה פון 1812 איז דער דראַנג זיך צו באַהעפטיקן מיט דער דרויסנדיקער וועלט געוואָרן נאָך שטאַרקער.

דאָס יידיש ביכל „ריקצוג דער פראנצויזן״, וואָס איז ארויס אין 1813, לויט אלע וואַרשיינלעכקייטן געדרוקט אין ווילנע, איז געווען אַן אָנדייט פאַר אזא הונגער צו וויסן, וואָס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. דערפון איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן ארויסצוגעבן א צייטונג אויף יידיש. א קעמערל פון א יידישער וועלטלעכער אינטעליגענץ האָט שוין ליטע פאַרמאָגט. להיפּוך צו וואַרשע איז די ווילנער אינטעליגענץ געווען נענטער צום פאָלק, אפילו ווען טעאָרעטיש האָט זי פון דעם לשון פון פאָלק נישט געהאַלטן. ווילנע איז געווען א צענטער פון דער פּוילישער ליטעראַטור. מען האָט געקענט פּאָפּולערע אַרטיקלען איבערזעצן פון פּויליש. דאָס האָט מען שוין סיי ווי סיי געטאָן און ארויסגעגעבן אין קליינע קונטרסלעך.

א דערלויבעניש פאַר אזא צייטונג איז אָבער געווען אָפּהענגיק פון דער קהילה. טשאַרטאָריסקי האָט געוואָלט, אַז די קהילה זאָל גאַראַנטירן פאַרן כאראקטער פון דעם געפּלאַנטן בלאַט. אָבער די וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין א געדרוקטער טריבונע, האָבן קיין אייגענע טריבונען אין דער קהילה נישט געהאַט. ממילא איז פון דעם פּלאַן גאָרנישט נישט געוואָרן.

אין יאָר 1817 ווערט געמאַכט אויפסניי אַזאַ פּרואוו, דער איניציאַ־

טאָר איז געווען בער בן זעליג ניימאַן, אַ דרוקער, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זאַוואַדזקין, און האָט אפילו אַ געוויסע צייט זיך געלערנט אין ווילנער אוניווערזיטעט. ער איז געווען באַפריינ־דעט מיט פּוילישע שרייבער און האָט אפילו אייניקע פון זיי אַרויס־געגעבן. אין דער בקשה ווערט געבעטן אַז די אַלגעמיינע צענזור זאָל צענזורירן די צייטונג. דאָס האָט געמיינט, דער אוניווערזיטעט. אויף דעם האָט פירשט טשאַרטאָריסקי געענטפערט, אַז דער אוניווערזיטעט האָט נישט קיין נישט־יידן וואָס קענען יידיש. וואָלט זיך אָבער געהאַנדלט מכח אַ העברעיש־בלאַט, וואָלט ער, דער „משכיל" טשאַרטאָריסקי, אפשר געקענט העלפן. אמת, שרייבט דער פירשט — אַז מען קען בעטן, אַ יידן, ווי דאָס איז מען זיך אָפּט נוהג ביים צענזורירן אַ יידיש ווערק, ער זאָל זיין דער צענזאָר. אָבער דאָס איז אַ געפערלעכער וועג, ווייל נישט תמיד קען מען זיך פאַרלאָזן אויף אַ יידנס אָביעקטיווקייט. דעריבער, מיינט דער פירשט, אַז יידן דאַרפן זיך גוט אויסלערנען דעם לשון פון דער מדינה און אים „באַנוצן אין פּראַקטישן לעבנס־אומגאַנג". אויך דאָ האָט די קהילה געקענט העלפן, אָבער דער ראש־הקהילה איז דעמאָלט געווען מיכאַל בן אברהם גאָרדאָן, אַ משכיל, וואָס האָט נישט געוואָלט וויסן פון „זשאַרגאָן".

אין יאָר 1820, האָט דער ווילנער שול־ראַיאָן פאַרנומען דעם אויבן אין גאַנץ רוסלאַנד. בעת דער מאָסקווער שול־ראַיאָן האָט געהאַט 287 שול־אַנשטאַלטן, דער פּעטערבורגער — 287, האָט דער ווילנער שול־ראַיאָן געהאַט גאַנצע 430. דער אוניווערזיטעט האָט געציילט 300 סטודענ־טן, פון דעם אַן ערך 10 פּראָצענט יידן; די גימנאַזיע ביים אוניווערזיטעט האָט אויך געהאַט 300 תלמידים. וויפל פון זיי זענען געווען יידן — איז נישט באַקאַנט. די דאָזיקע פאַרצווייגטע בילדונג טעטיקייט, וואָס האָט אויף אַ האָר נישט געמינערט אָדער פאַרקלענערט די אַלטע יידישע דער־ציאונג־אַנשטאַלטן, וואָס זענען אפילו געוואַקסן, בפרט אין ווילנע, האָט פאַרגרעסערט די קאַדרען פון אַזעלכע יידן, וואָס האָבן געקענט ביידע שפּראַכן, ד"ה די לאַנדשפּראַך (פּויליש) און די מלוכה־שפּראַך (רוסיש).

דער פאַקט, וואָס ליטווישע יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די שטאָ־טישע פאַרוואַלטונגען, באַווייזט, אַז זיי האָבן באַהערשט די דאָזיקע

שפּראַכן. אין 1817, האָבן די ווילנער יידן געפאָדערט גלייכע רעכט אין די וואַלן פאַר שטאָטישע באַאַמטע. די פּאָליאַקן זענען געווען קעגן דעם, זיי האָבן געטענהט, אַז יידן האָבן וויניקער „בעזגראַמאָטנע", ווי נישט־יידן — קענען זיי ממילא פאַרכאַפּן מער אַמטן. דער ווילנער גובערנאַטאָר רימסקי־קאָרסאַקאָוו האָט אין יאָר 1816 באַשטימט, אַז יידן מעגן זיך באַטייליקן אין די וואַלן צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען. טשאַרטאָריסקין איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן. אים האָט זיך געחלומט אַ פּויליש־יידישער בלאָק, בפרט פון אַזעלכע יידן, וואָס דער אוניווערזיטעט האָט שוין אויסגעהאָדעוועט. די רוסישע רעגירונג האָט אכטונג געגעבן, אַז די „פּריצישע העגעמאָניע" זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן אויף יידן. אין די יאָרן 1817—1820, זענען צוויי יידן געוועזן אויסגעקליבן אין דער ווילנער שטאָטישער דומע. די פּאָליאַקן האָבן פּראָטעסטירט און האָבן אויסגעפירט (אין 1821), אַז מען זאָל די וואַלן פּסלענען.

דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קאָנפליקט צווישן די פּוילישע מעשטשאַנעס אין ליטווישע שטעט און יידן האָט געשטערט טשאַרטאָריסקין אין די פּלענער געווינען די יידן פאַר די פּוילישע קולטור־אינטערעסן. ער האָט געהאַט אויף זיין זייט נאָר יחידים, בפרט פּוילישע שרייבער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געוועבט דעם זעלבן חלום וועגן אַ ליטווישן פּאָליאַק פון משה רבנום גלויבן. דער פּראַקטישער אינסטינקט האָט דיקטירט די יידן, בפרט אין די שטעט, ווו דער פּויליש־פּריצישער עלעמענט איז געווען דאָמינירנדיק, זיך צו לערנען פּויליש. פון לערנען פּויליש איז אָבער געווען נאָך ווייט צו דעם מעמד פון אַ קולטור־פּאָליאַק. רוסישע אָפּיצירן און באַאַמטע אין ליטע האָבן זיך אויך געמוזט לערנען פּויליש, ווייל דאָס איז געווען די צווייטע אָפּיציעלע שפּראַך אין לאַנד, און אויך די צווייטע (לעבן פראַנצויזיש) קולטור־שפּראַך פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

בעת אין יאָר 1818, האָט מען אין ווילנע דערלויבט דורכפירן אַ טרויער־אָוונט נאָך ט אַ ד ע ו ש ק אָ ש ט ש ו ש ק אָ, וואָס איז דעמאָלט געשטאָרבן אין דער שווייץ, האָט שוין די ווילנער השכלה געקענט מאַניפעסטירן איר ערשטן פּאָליטישן אַרויסטריט, וואָס איז פאַרגעקומען דווקא אויף העברעאיש. אין דער גרויסער שול איז געמאַכט

געוואָרן אַן הזכרה. די צייטונג „קוריער ליטעווסקי" האָט אָפּגעדרוקט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער געשעעניש אין דער הויפּטשטאָט פון ליטע, וואָס האָט געזאָלט אילוסטרירן די באַציאונג פון די משכילישע קרייזן צו דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן העלד. די זעלבע צייטונג האָט אָפּגעדרוקט אַ העברעאישע עלעגיע אויף קאָשטשושקאָס טויט, וואָס אַן אומבאַקאַנטער משכילישער משורר האָט אָנגעשריבן און צו וועלכער עס איז צוגעגעבן געוואָרן אַ ווערטלעכע פּוילישע איבערזע־צונג, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן געמאַכט פון דעם פּראָפעסאָר און גלח זשוקאָווסקי. דער מחבר פון דעם העברעאישן שיר, האָט געקענט זיין נאָר א ב ר ה ם ד ו ב ב ע ר ל ע ב ע נ ס אָ ן (אד"ם הכהן)



אדם הכהן לעבענזאָהן
(1879—1794)

**בילד פון די זאַמלונגען פון**
**יידישן וויסנשאַפטלעכן**
**אינסטיטוט, ניו־יאָרק**

(1878—1794) — וואָס האָט אָנגעהויבן זיין דיכטערישע טעטיקייט מיט שרייבן „געלעגנהייט־שירים". אזוי, למשל, האָט ער אין יאָר 1822 אָנגע־שריבן א שיר לכבוד גראַף טישקעוויטש, און דער סטודענט פון מעדיצין קושעלעווסקי האָט עם איבערגעזעצט אויף פּויליש.

דעם זעלבן יאָר האָט א גלח יאַן גינטילאָ (1757-1789) ארויס־געגעבן אַ טשיקאַווע ביכעלע א"נ „לימוד קריאת לשון פּלאַנייא עבור נערי בני ישראל" (געדרוקט ביי זאַוואַדזקין). דאָס איז דאָס ערשטע העברעאיש־יידישע לייענבוך פון דער פּוילישער שפּראַך. די הקדמה צום ביכל האָט אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט. אין דער דאָזיקער הקד־מה, וואָס איז געשריבן אויף פּויליש, קלערט אויף דער מחבר, ווי נויטיק עס איז אַזאַ ביכל, וואָס זאָל אויסלערנען זיינע יידישע „שטאַמברידער", די פּוילישע שפּראַך. ער באַקלאָגט זיך, אז די לאַנד־רעגירונג און די ביל־דונגס־מאַכט האָט ווייניק אויפגעטאָן, כדי העלפן יידישע קינדער זיך אויסלערנען פּויליש.

אין די חדרים האָט מען געלערנט פּויליש און יידיש, אָבער נישט מער ווי שרייבן אַ בריוול. דערפאר האָט מען צו יענער צייט שוין ארויס־געגעבן יידיש־פּוילישע בריוונשטעלערס. מסתמא איז דעם גלח גינ־טילאָס ביכל נישט געווען א סך גענוצט, ווייל מער ווי איין אויסגאַבע איז נישט דערשינען.

וועגן דעם סדר הלימוד אין אַ חדר גיט אונדז א בילד א יידיש־בריוול פון אַ קינד, פון אַ יאָר 7 אָדער 8, ווען די עלטערן האָבן גע־שיקט קיין ווילנע זיך לערנען.

אין אַ בריוו צו די עלטערן, האָט דער ווילנער תלמיד געשריבן אין יאָר 1822, אז ער לערנט שוין גמרא בבא מציעא. חוץ דעם לערנט מען אים:

„אידעש אושלייגין אויף דייץ (דייטש) און איך שרייב פּולעשעה (פּויליש), ליזבעה (ליטשבע — רעכענען) און פּולעש אַליין און איך קען לייענין גידרוקטעה אבישיל און איך קען גישריבענע אבישיל און דער רבי (וועט) אפשר אושלערנין חעשבענען אַלע חעשבּונעש" (חשבונות).

אייניקע יידישע תלמידים פון דער גימנאַזיע ביים אוניווערזיטעט, האָבן געמוזט איבערייסן די לימודים, ווייל עס האָט זיי געפעלט געלט־מיטלען. א טייל פון זיי זענען געוואָרן פּריוואַטע לערערס פון פּויליש, רוסיש, דייטש און אפילו פראַנצויזיש. זיי האָבן שוין געהאַט פּאַרטיקע לערנביכער, וואָס אייניקע פּראַקטישע מחברים האָבן צוזאַמענגעשטעלט. חוץ דעם גלח גינטילאָס טשעקאַווע ביכל, וואָס איז פּאַקטיש געווען באַ־

שטימט פאר אליין לערעריי, און האט געהאט זייער א גוטע יידישע טערמינאלאגיע פון אינטערפונקציע צייכנס — זענען שוין געווען אנדערע לערנביכלעך.

וועגן בריוונשטעלערס פאר יידישע, פוילישע און רוסישע בריוו, איז שוין אפגערעדט. חוץ דעם האט דער קהילה־שרייבער ב ר ו ך ב ן מ ש ה ר י נ ד ז ו נ ס ק י (1800—1874) צוזאמען מיט איינעם משה בן שמעון ארויסגעגעבן אין יאר 1824 א בוך „למוד לשון רוסיא... נעתק ללשון המדובר בעם" (142 ז"ז). דאס איז געווען די ערשטע גראמאטיק פון רוסיש אויף יידיש מיט מוסטערן פון בריוו און בקשות.

אין יאר 1826, איז אין ווילנע דערשינען א לערנביכל א"נ „מודע לבני בינה אדער קינדער פריינד אונד לעהרער. איין לייכטיש לעהר אונד לעזע בוך פיר דיא יידישע קינדער וואש ווינשן זיך אין דער פוילישע שפראכע גוט לערן אונד זי פארשטיין אונד שרייבן אן איין לעהרער, אין איין קורצע צייט זעלבשט זיך אוישצילערנן" (80 ז"ז). חוץ דעם זענען לויטן מוסטער פון די פוילישע לערנביכער ארויס אייניקע יידישע ביכלעך וועגן פארשידענע לימודים. אזוי, למשל, איז אין ווילנע ארויס אין 1818, א יידיש לערנביכל פאר געאגראפיע א"נ „ראשית למודי יעאגראפיע, אנפאנג פון דאש יעאגראפישי לערנונג".

פון די לומדישע קרייזן איז ארויס, אויך באאיינפלוסט פון דער השכלה, א לערנבוך וועגן דיקדוק, צונויפגעשטעלט פון צ ב י ה י ר ש ב ן מ נ ח ם נ ח ו ם צ פ ת א"נ „הלכה למעשה" (1816), און אין יאר 1827 א העברעאיש לערנבוך צו רעכענען א"נ „צפנת פענח". אייניקע פון די דאזיקע חיבורים, ווי למשל, דער „דרך סלולה", א הילפסביכל צום תנכישן דיקדוק פון י ה ו ד ה ב ן א ל י ע ז ר ה כ ה ן ק ר א ן (1825), האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון יידישער בילדונג אין ליטע.

אזעלכע ווערק זענען ארויס א גרויסע צאל. לײדער האבן זיך נישט אלע ווערק פון דעם מין אויפגעהיט. ווען מיר וועלן נאך דערמאנען, אז אויך לוחות, בריוונשטעלערס, פאלקס־מעשיות און אנדערע געדרוקטע ווערק, וואס האבן געהאלפן פארשפרייטן וועלטלעכע בילדונג ביי יידן אין



DERACH SZELULA

ספר

דרך סלולה

בו נכללו כל השמות, הפעלים, ומלות הנמצאים בתנ"ך עם פירושם
שרשיהם לפי גרותיהם ומחברם, נכתב עברית ואשכנזית,
בלשון צח ונקי. ללמד שפת עבר בניגוד מוטעה וקלה,
ואשר יכבד עליו קריאת איזה מלה מספרי התנ"ך. יעיין בם וימצא
הפרש בכל קריאותיו ותכף ידרך אשר ישל על השען ויקשך;

מאת

יהודא בלא"א מוה' אליעזר הכהן קראן

בשנת ה'תקפ"ה לפ"ק

Ebraisch-Deutsches Handwörterbuch.

von J. L. Kron.

w WILNIE.

w Drukarni Dyecez: JXX. Missyonarzów p. k. s. k.

העברעאיש-דייטשער ווערטערבוך פון יהודה קראַן, ווילנע, 1825

(פון די זאמלונגען פון י. א. יאפע, ניו-יארק)

**ZUM DRUCK ERLAUBT.**

Unter der Bedingung, dasz nach Abdruck des Werkes und vor dem Debit desselben, ein Exemplar davon für die Censur-Comität, zwei für das Ministerium der Aufklärung, zwei für die öffentliche Kaiserliche Bibliothek, eines für die Kaiserliche Akademie der Wissenschaften zu St. Petersburg, und eines für die Kaiserliche Universität zu Abo, an die Censur-Comität eingesandt werden.

Wilna, den 17 November 1825.

Censor, Collegienrath S. Żukowski.

די צענזור־דערלויבעניש פון דעם ביכל

ליטע — וועט דאָס בילד זיין מער אָדער ווייניקער פולשטענדיק. אזא אינטענסיווע פּראָדוקציע פון יידישע ווערק בכלל, און פון השכלה ביכער בפרט, האָט גורם געווען דעם וואוקס פון יידישע דרוקערייען.

## קאַפּיטל 8

# נייע יידישע דרוקערייען און דער מסחר מיט ספרים אין ליטע

(1824 - 1804)

נאָך דעם ווי דער פּוילישער שליאַכטשיץ מאַשענסקי, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע דרוקעריי בשותפות מיט עטלעכע יידן, האָט באַנקראָטירט, האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט אָפּגעקויפט דעם יידישן שריפט, ווייל ער האָט געהאַט בדעה צו עפענען אַן אייגענע דרוקעריי (אין 1804). דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער נישט רעאַליזירט געוואָרן, הגם טשאַרטאָריסקי האָט זייער געוואָלט האָבן אונטער דער קאָנטראָל פון דעם אוניווערזיטעט כמעט די גאַנצע קולטור און פאַרלעגערישע טעטיקייט פון לאַנד.

די פּריוואַטע איניציאַטיווע איז אָבער געווען פלינקער, געשיקטער און ביליקער. אין יאָר 1805, האָט יוזעף זאַוואַדזקי, אַ פּויזנער פּאָליאַק, משמעות פון יידישן אָפּשטאַם, באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אין ווילנע אַ דרוקעריי. ער איז געוואָרן דער דרוקער און פאַרלעגער פון דעם אוניווערזיטעט. ווי אַ פּראַקטישער געשעפטסמאַן האָט ער דערשמעקט, אַז יידישע ביכער איז גוטע סחורה. ער האָט געעפנט אַ יידישע אָפּטיילונג, און האָט אָנגעשטעלט מנחם מן בן ברוך, דעם זון פון דעם גראָדנער דרוקער, ווי דעם פאַרוואַלטער. דער דאָזיקער מנחם מן האָט זיך אויף פּויליש גערופן מאַנעס און מיט יאָרן שפּעטער,

האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן ראָם. ווי אַ ווילנער מדפּיס פיגורירט ער שוין אין יאָר 1802. משמעות, אַז ער האָט געפירט אַ קליינע דרוקעריי אָן אַ קאָנצעסיע און אין דער זעלבער צייט געאַרבעט פאַר זאַוואַד־זקין, ביי וועמען ער איז געווען טעטיק ביזן יאָר 1807. בעת אין יאָר 1803 האָט דער רוסישער בילדונגס־מיניסטער אויפגעפאָדערט טשאַרטאָריסקין צו שיקן אַ רשימה פון דרוקערייען, וואָס געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון ליטע, די יידישע איינגעשלאָסן, האָט דער ווילנער אוניווערזיטעט זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו דער ווילנער קהילה וועגן דעם ענין.

„דער אוניווערזיטעט — ווערט געזאָגט אין דעם דאָזיקן בריוו, — האָט אויסגעפונען, אַז אין דער שטאָט ווילנע געפינט זיך אַ יידישע דרוקעריי. כדי אויסצופירן דעם העכסטן באַפעל, וואָס לייגט אַרויף אויפן אוניווערזיטעט דעם חוב אַכטונג צו געבן אויף אַלע דרוקערייען, האָט ער באַשלאָסן, זי צו רעקווירירן און אויפפאָדערן די ווילנער קהילה, אַז זי זאָל באַשטימען פון זיך אַ מאַן, וואָס זאָל איבערקוקן די כתבים און ווערק אין דער העברעאישער שפּראַך, אַזאַ איינעם, אויף וועמענס מיינונג דער אוניווערזיטעט קען זיך מיט זיכערקייט פאַרלאָזן. (ער) זאָל קענען געבן דערלויבענישן אויף כתבים און ווערק, וואָס דאַרפן זיין געדרוקט אין דער העברעאישער שפּראַך. אַזאַ פּערזאָן דאַרף דעם אוניווערזיטעט רעקאָמענדירט ווערן מיט די געהעריקע ערבות מצד דער ווילנער קהילה".

פון דעם דאָזיקן בריוו, דאַטירט דעם 21סטן יולי 1803, איז צו זען, אַז אין ווילנע איז געווען אַ דרוקעריי און אַז דאָס איז, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געווען טאַקע מנחם מאַנעס דרוקעריי. דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן בא זאַוואַדזקין האָט אים מסתמא געראַטעוועט פון אַן אַדמיניסטראַטיווער שטראָף. אויף די ספרים וואָס זאַוואַדזקי האָט געדרוקט, איז אָבער דער נאָמען פון פוילישן מדפּיס נישט אָנגעגעבן, נאָר ראַמס נאָמען, וועלכער איז אָפיציעל געווען נאָר דער פאַרוואַלטער פון דעם יידישן אָפּטייל ביי זאַוואַדזקין. נישט אַנדערש, אַז דאָס איז געווען אַ פיקטיווע פאַרטיילונג. מסתמא, איז דאָס געווען ראַמס שריפט און זאַוואַדזקי האָט באַקומען אַ געוויסן פּראָצענט פון די רווחים,

בעת אויף די לערנביכער פון העברעאיש פון דעם גלח און פּראָפעסאָר זשוקאָווסקי. פיגורירט זאוואדזקי ווי דער פארלעגער, זעט מען אָבער זיין נאָמען נישט אויף די אַנדערע העברעאישע ווערק. מען קען נישט אָננעמען די סברה, אז דער פארלעגער האָט מורא געהאַט, אז יידן וועלן נישט קויפן קיין יידישע ווערק אויף וועלכע עס פיגורירט אַ קריסט ווי אַ פארלעגער. די משכילים האָבן זיך מיט אַזעלכע דעליקאַטע זאכן ווייניק גערעכנט. מ ר ד כ י   א ה ר ן   ג י נ צ ב ו ר ג, למשל, האָט אין יאָר 1823 געדרוקט זיין „גלות הארץ החדשה״, אַן איבערזעצונג פון קאמפעס בוך וועגן דער אַנטדעקונג פון אמעריקע, ביי די מיסיאָנערן־גלחים אין ווילנע, און דער ווילנער רב אברהם אבלי, האָט דערויף געגעבן זיין הסכמה. ערשט אין יאָר 1810 פיגורירט ר׳ מאנעס, ווי אַ זעלבסט־שטענדיקער מדפיס אין ווילנע.

אַ יידישער זעצער ביי זאוואדזקין ד ו ב   ב ע ר   ב ן   ז ע־ ל י ג   נ יי מ א ן איז געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַן אייגענער דרוק־קעריי. ביי זאוואדזקין איז ער געווען נישט נאָר אַ זעצער, נאָר אויך אַ בוך־וואַיאַזשאָר. ער פלעגט פאָרן אויף די ירידים און פארקויפן זיינע אויסגאבעס. אין יאָר 1816 איז ער געווען אַ פארוואַלטער פון דער מלוכה־דרוקעריי. מען האָט אים אָבער גיך משלח געווען. אין יאָר 1817 האָט ער געוואָלט קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אין ווילנע אַ יידישע צייטונג. אין 1820 האָט ער געעפנט אַן אייגענע דרוקעריי, וואָס האָט געדרוקט פוילישע און העברעאישע ביכער. ביי אים האָט זיך אין יאָר 1824 געדרוקט די באַרימטע פאראָדיע אויף קהל א״נ „ספר הקונדס״, וואָס האָט אַזוי אויפגעבראַכט געוויסע פּני אין ווילנע, אַז מען האָט די גאַנצע אויפלאַגע פארברענט. ניימאַן איז געשטאָרבן אין יאָר 1841.

אַ דרוקעריי האָט אויך געהאַט זימל בן נחום, וואָס האָט זיך שפּע־טער אַ נאָמען געגעבן ט י פּ אָ ג ר אַ ף. שפּעטער איז ער געוואָרן ראַמם שותף. אין יאָר 1823 האָט ער זיך געווענדט צום פירשט טשאַר־טאָריסקי מיט אַן אינטערעסאַנטער בקשה (דאַטירט גראָדנע, 1טן מאַי 1823). ער רופט אָן דעם פירשט „פוילישער באַשיצער פון מוזעס״. ער דערציילט, אַז דורך די שתדלנות פון ווילנער אוניווערזיטעט האָט די

גראָדנער גובערניאַלע מאכט אים דערלויבט צו האָבן א דרוקעריי אין גראָדנע. אָבער אַזוי שנעל ווי די מלוכה־דרוקעריי האָט פון אים צוגענומען דאָס רעכט צו דרוקן אַפּישן און אַנדערע אָפּיציעלע דרוק־זאַכן — איז ער געבליבן אָן חיונה. פון גיסן אותיות קען ער קיין פּרנסה נישט האָבן, הגם ער ווערט פאררעכנט צווישן די בעסטע אין דעם פאַך. ער בעט דעריבער דעם פירשט, אז מען זאָל אים געבן אין ארענדע דאָס דרוקן פון די „בעל־בתישע לוחות", וואָס דער ווילנער אוניווערזיטעט האָט ארויסגעגעבן. אויב דאָס קען נישט געטאָן ווערן, בעט ער לכל־הפחות א מאָנאָפּאָל פאַר גראָדנער און ווילנער גובערניעס, ווי אויך פאַרן ביאַ־ליסטאָקער קרייז, אויף צו דרוקן די ווייטערדיקע ספרים: סדור מכל השנה, מחזור מכל השנה און דעם תנ"ך. אין יאָר 1826 פיגורירט ער אין ווילנע ווי א מדפיס מיט שותפים. ערשט שפּעטער ווערט ער ראָמס שותף.

חוץ דעם זענען געווען טעטיק קלענערע יידישע דרוקערייען אין גראָדנע און אין ביאַליסטאָק. אין גראָדנע האָט י ח ז ק א ל ב ן מ ש ה און זיין זון ש מ ח ה ז י מ ל געהאַט בשותפות א דרוקעריי מיט שמחה זימל בן מנחם נחום, שפּעטער באַקאַנט מיטן נאָמען טיפּאָגראַף. א צייט שפּעטער זענען זיי זיך צעגאַנגען און שמחה זימל בן יחזקאל האָט געפירט אָן אייגענע דרוקעריי. זי האָט עקזיסטירט פון יאָר 1808 ביזן יאָר 1818, ווייל יענעם יאָר איז ער אַוועק קיין מינסק. חוץ דעם זענען אין גראָדנע געווען אַנדערע, קליינע, ספּאָראַדישע דרוקערייען. אין ביאַליסטאָק האָט אהרן הלוי הורוויץ געעפנט א דרוקעריי אין יאָר 1804, בעת די שטאָט האָט געהערט צו פּרייסן. זי האָט געאַרבעט ביזן יאָר 1807. נאָך דעם איז געקומען אַן הפסקה. ערשט אין יאָר 1814 האָט זיך די דרוקעריי צוריק געעפנט און געאַרבעט נאָך אין יאָר 1832.

ווי גרויס עס איז געווען די פּראָדוקציע פון די דאָזיקע דרוקערייען און וואָס פאַר א צאָל עקזעמפּלאַרן זענען די ווערק זיך פונאנדערגע־גאַנגען איז שווער פעסטצושטעלן. על פי רוב זענען די מדפיסים געווען די פאַרלעגער גופא, הגם נישט זעלטן שטויסט מען זיך אָן אויף א נאָמען פון א „נדבן נכבד", וואָס האָט סובסידירט דאָס ארויסגעבן פון א ספר. על פי רוב פיגורירט אזא מעצענאַט אויף די לומדישע ספרים, ווי שאלות ותשובות, פּירושים און אַנדערע חיבורים. בכל אופן דאַרף מען אָננעמען

אַז די קאָנסומציע פון גייסטיקע גיטער איז אין ליטע געווען לפי ערך א סך גרעסער, ווי, למשל, אין פוילן.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז יידישע דרוקערס האָבן געדרוקט נישט נאָר מיט יידישע אותיות. אויך פּוילישע, דייטשישע און אפילו דאָס ביסל ליטווישע ביכער, וואָס זענען צו יענער צייט דערשינען, זענען אין אַ גרויסער טייל געווען געדרוקט פון יידן־מדפיסים. די גראַפישע זייט פון דער יידישער דרוק־אַרבעט איז געווען געלויבט פון אַ סך פּראָמי־נענטע פּאָליאַקן פון יענער צייט, ווי י אָ א כ י ם ל ע ל ע וו ע ל, ט אַ ד ע אוּ ש ט ש אַ צ ק י און אויך פון פ י ר ש ט ט ש אַ ר־ט אָ ר י ס ק י. אויך יידישע איינבינדער אין ווילנע זענען געווען פאַר־רעכנט צווישן די בעסטע. אָנהויב פון 19טן י"ה האָט די שטאָט גע־ציילט 40 יידן־איינבינדער און 6 נישט־יידן. פון די פּוילישע דרוקער איז דער ייד ניימאַן געווען דער פּראָמינענטסטער.

בער ניימאַן האָט געדרוקט די ווערק פון ט ר ע מ ב ע צ ק י, מ י צ ק ע וו י ט ש און ס י ר אָ ק אָ מ ל אַ, דריי גרויסע נעמען אין דער פּוילישער ליטעראַטור. ווי אָרים איז געווען די פּוילישע קולטור אין ליטע, קען מען זען פון דעם, וואָס די טאָגצייטונג „דזשעננניק ווילענס־קי", האָט זיך געדרוקט סך־הכל אין 150 עקזעמפּלאַרן.

דער ייד־מדפיס און דער ייד־מוכר־ספרים, איז אין ליטע געווען דער איינציקער פּוילישער קולטור־טרעגער. די געשטאַלט פון דעם יידן וואָס וואַנדערט איבער ירידים און פאַרקויפט צו די פּריצים נייע און אַלטע פּוילישע און לאַטיינישע ביכער איז פאַראייביקט געוואָרן נישט אין איין דערציילונג און מעמואַרן פון פּוילישע שרייבער. אויף די פּריצישע הויפן אין ליטע איז דער פרומער ייד, דער פאַרשפּרייטער פון אַ פּוילישן קאַלענדאַר, אַ „הויז־דאָקטאָר", אַ „פּתרון־חלומות" ביכל — געווען אַן אדם חשוב. דאָס ביסל יידיש פאָלקלאָר וואָס מ י צ ק ע וו י ט ש, כ אָ ד ז ק אָ און אַנדערע האָבן דעמאָלט פאַרשריבן, איז טאַקע געקומען אין זכות פון אָט די קולטור־קאָנטאַקטן צווישן דעם פּוילישן שליאַכטשיץ און דעם יידן, דעם מוכר־ספרים.

אַזוי האָט אויסגעזען די יידישע קולטור אין ליטע, וואָס האָט גע־בליט אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דער אַרבעט פון דעם פּוילישן „משכיל" פירשט אדאַם טשאַרטאָריסקי.

## קאַפּיטל 9

# אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע זוכענישן

אין יאָר 1824 האָבן טשאַרטאָריסקי און זיין קרייז געמוזט רעזיג־נירן. דאָס איז געווען ערב דעם דעקאַבריסטן אויפשטאַנד. געהיימע קרייזן פון פּוילישע סטודענטן האָבן געפירט אַן אינטענסיווע אַנטי־רוסישע אַקציע. די דאָזיקע קרייזן האָט מען באַשלאָסן תיכף ומיד ליקווידירן. סענאַטאָר נ אָ וו אָ ס י ל צ ע וו איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין ווילנע, כדי דורכפירן די רייניקונג. נאָוואָסילצעוו האָט זיך אויסגעדריקט, אַז טשאַרטאָריסקי האָט אָפּגעהאַלטן די רוסיפיקאַציע פון ליטע אויף 100 יאָר. די פּאַטריאָטישע פּראָפעסאָרן און סטודענטן האָט מען באַזייטיקט און אַ סך פון זיי פאַרשיקט. די דאָזיקע געשעענישן האָט מיצקעוויטש שפּעטער באַשריבן אין דעם באַרימטן דריטן טייל פון זיין פּאָעמע „דזשיאַדי”.

טייל פאַרמישטע אין די דאָזיקע קאָנספּיראַטיווע קרייזן האָבן שפּע־טער אין זייערע זכרונות שטאַרק געלויבט די יידן, וואָס הגם זיי האָבן געוווּסט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר, אין די געהיימע קרייזן, דאָך האָבן זיי נישט געהאָלפן דער רוסישער מאַכט אויסצוגעפינען די שול־דיקע. דאָס איז געווען אין תוך גענומען אַ פּאַסיווע סימפּאַטיע פאַר די שטרעבונגען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט אין ליטע, וואָס האָט פאַר־מאָגט דעמאָלט אַ סך ליבעראַלע גייסטער צווישן זיך. פון די דאָזיקע קרייזן זענען אַרויס פּראָיעקטן וועגן סאָציאַלע רעפאָרמען בנוגע יידן.

דעם ענין פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן אין ליטע האָבן א סך פּוילישע געלערנטע אין ליטע דעמאָלט גענומען שטאַרק צום האַרץ. דער באַרימטער פּוילישער עקאָנאָמיסט וואַלעריאַן סטראָינאָווסקי האָט אין זיין ווערק „עקאָנאָמיקאַ״, וואָס איז דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1816, געשריבן אַז יידן דאַרף מען קודם כל צולאָזן צו ערד־אַרבעט, מלאכה און מען טאָר נישט קוקן אויף מסחר, ווי אויף אַן אוממאָראַלישער פּרנסה נאָר דערפאַר, ווייל יידן זענען סוחרים. ער רעדט אין נאָמען פון יושר און מענטשנליבע און אַפּעלירט צום געוויסן פון די פּאָליאַקן. עס זענען געווען אַזעלכע און א סך יאָרן פאַר פּ ע ס ט ל דעם דעקאַבריסט, וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל יידן באַזעצן אויף א באַזונדערער טעריטאָריע אין רוסלאַנד, כדי זיי זאָלן פירן א נאָרמאַל לעבן. אויף אַזעלכע פּראָיעקטן האָט מען אין ליטע נישט געקוקט ווי אויף אַנטיסע־מיטישע, נאָר אָפּגעשאַצט פון א פּאָזיטיוון שטאַנדפּונקט.

עס איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס מ נ ש ה בן י ו ס ף א י ל י ע ר (1767־1831), דער מחבר פון „אלפי מנשה״ (1823), האָט דווקא צו יענער צייט באַרירט די פראַגע פון יידישער דערצי־אונג און זי פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון עקאָנאָמיק. איליער איז געווען א קאָמבינאַציע פון א טיף־רעליגיעזן עטיקער און א ראַציאָנאַליסטישן רעפאָרמאַטאָר. ער האָט מסתמא געהערט וועגן די וויכוחים אין די קרייזן פון די פּוילישע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע שרייבער אין ליטע, וואָס האָבן אויסגעדריקט די זעלבע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַנטוויקלט אין זיינע ליידנשאַפטלעך־געשריבענע חיבורים. אין דעם פּרט איז זייער אינטערע־סאַנט זיין „פּשר דבר״ (ווילנע, 1807), ווו ער רעדט וועגן די ענינים כמעט אַזוי ווי אייניקע ליטווישע פּאָליאַקן האָבן דעמאָלט געשריבן.

ערגעץ־ווו איז געווען א גייסטיקע השפעה פון פּוילישן געזעלשאַפט־לעבן געדאַנק אויף דעם יידישן. עס איז געווען אפילו עפּעס מער. נישט געקוקט אויף דער אַפּאָליטישקייט פון ליטווישע יידן, די משכילים אַריינ־גערעכנט, האָבן זיי אָבער אָפּטמאָל אויסגעדריקט פריי זייערע מיינונגען וועגן פּאָליטישע ענינים, אַפילו ווען זיי האָבן געוווסט, אַז דאָס וועט די פּאָליאַקן נישט געפעלן.

א מיטגליד פון דעם געהיימען פילאַרעטן קרייז אין ווילנע, ע ד־

וואַרד מאַסאַלסקי (Edward Massalski) דערציילט אין זיינע זכרונות אַזאַ פאַקט. אין יאָר 1812 האָט זיין פעטער באַשלאָסן אַריינטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי, כדי צו קעמפן קעגן רוסלאַנד. דעם פעטערס אַ פריינט, וואָס איז געווען אַ ייד, האָט אים דערפון שטאַרק אָפּגערעדט. דאָס איז נישט געווען צוליב דעם וואָס דער ייד האָט געהאַט אַ „רוסישע אָריענטאַציע", נאָר צוליב דעם יידישן חוש פאַר פּאָליטישער רעאַליטעט. ער האָט אים געגעבן אַן עצה אָפּצוּוואַרטן נאָר צוויי חדשים, ווייל ער, דער ייד, איז זיכער, אַז נאַפּאָלעאָן וועט די מלחמה פאַרשפּילן און רוסלאַנד וועט צוריקקומען קיין ליטע.

„יידן — שרייבט דער פּאָליאַק מאַסאַלסקי — האָבן אויף אַזאַ אופן אויסגעהיט אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט גיין (אין מלחמה קעגן רוסלאַנד), כדי זיי זאָלן נישט פאַרקריכן צו וויט אין זייער היי־סער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַרן פאָטערלאַנד, ווייל פון דעם וועט סיי ווי סיי גאָרנישט נישט אַרויסקומען."

דער ליטווישער ייד האָט פאַרשטאַנען, אַז ליטע איז נישט רוס־לאַנד. זיין חוש האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט, אַז הגם דאָס איז „פּוי־לישע איטשיזנע", וועט אָבער דאָס אַלטע פּוילן זיך מער נישט צוריק־קערן. ער האָט געקענט לייכטער שלום מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט ווי דער פּאָליאַק. דערפאַר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיפיקאַציע פון פּוילישן שולוועזן אין ליטע און דאָס באַזייטיקן פון פּוילישע באַאַמטע, איז דער ליטווישער ייד, דער פרומער אַזוי גוט ווי דער משכיל, געשטאַ־נען אינגאַנצן אין אַ זייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט זיין קאַמף און פון דעם אויסגאַנג פון דעם דאָזיקן קאַמף קען ער קיין ישועות פאַר זיך נישט דערוואַרטן. אין ליטע האָט קיינער נישט געהאַט קיין אילוזיעס, אַז דאָס ביסל פּויליש וואָס יידן האָבן זיך אויסגעלערנט אויפן שפּיץ פינגער, איז „אַסימילאַציע". אין קאָנגרעס פּוילן וואָלט מען צו יענער צייט אַזאַ „קולטור פּאָלאָניזאַציע" פון יידן ממש פאַרצוקערט. נישט אָבער אין ליטע. ערשטנס האָבן דאָרט געפעלט העראָלדן פון אַסימילאַציע. עס איז נישט געווען קיין אַנטאָני אייזנבוים אָדער אַ יעקב טוגענטהאָלד. צווייטנס איז פּוילישקייט

**ד״ר יעקב שאַצקי**

אין ליטע געווען אַ סך אַן אינטענסיווערע אין איר נאַציאָנאַל־קולטורעלער קאָנצעפּציע און אַריסטאָקראַטישער איידער אין פּוילן. דער ראַציאָנאַ־ליסט־משכיל האָט פאַר אַזאַ פּאַטריאָטיזם נישט געקענט האָבן קיין סימ־פּאַטיעס, דער פרומער ייד אפילו נישט קיין השגה. די יידן האָבן געפילט דעם עקאָנאָמישן כוח פון דער פּוילישער שליאַכטע און דעם וואַקסנדיקן כוח פון דער רוסישער מלוכה־מאַכט. דער חלום פון טשאַרטאָריסקין וועגן פאַרפּוילישן די ליטווישע יידן איז צערונען געוואָרן. אַז יידן זאָלן ווערן אַ וואָגיקער כוח פאַר דער רוסישער מאַכט — וועגן דעם האָט רוסלאַנד ערשט אַליין נאָך נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן.

## קאַפּיטל 10

# השכלה אין ליטע אין די יאָרן 1824—1841

די פּאָליטישע רעאַקציע האָט גורם געווען די ערשטע באַמיאונגען אָנצוהייבן אַ פּאָליטיק פון רוסיפיקאַציע. עס איז פאָרגעקומען אַ ריס צווישן דער פּוילישער און דער יידישער אינטעליגענץ, הגם די פּאָליאַקן האָבן דעם דאָזיקן ריס נישט געוואָלט. די יידישע אינטעליגענץ האָט נישט געהאַט קיין סימפּאַטיעס פאַר דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. זי איז געווען מער רעאַליסטיש און געזען אין לימוד פון פּויליש נאָר אַ ריין פּראַקטישן ענין, און נישט נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק. די פּאָליאַקן האָבן אַריינגעטייטשט אין דעם אַזעלכע כוונות, וואָס זענען דעם געמיט פון דעם ליטווישן ייד געווען לחלוטין פרעמד. פּוילישע געשיכטע אָדער שפּראַך־פאָרשונג — די באַליבטסטע קעגנשטאַנדן פון דער פּריצישער אינטעליגענץ האָט יידן ווייניק וואָס אינטערעסירט. אַז יידן זאָלן זיך אידענטיפיצירן מיטן פּראָגראַם פון ווידעראויפבוי פון דער פּוילישער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ" אין די היסטאָרישע גרענעצן פון 1772 — איז שוין געווען צו שפּעט. אייניקע פּוילישע ליבעראַלן האָבן מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אָפּשוואַכן די פּריצישע באַציאונג פון פּאָליאַקן לגבי יידן. די פּאָליאַקן האָבן געטענהט, אַז יידן האָבן דעזערטירט פון „פּוילנטום". אפילו אַזאַ קלוגער און באמת ליבעראַלער יאָאַכים לעלעוועל, האָט געשריבן, אַז די יידן אין ליטע זענען שוין מער נישט „געטריי דעם פּוילישן פאָלק". די דאָזיקע באַצי־

אונגעזן האָבן זיך פאַרשאַרפט נאָך אין יאָר 1812, בעת דער מלחמה. די ליטווישע יידן זענען אין תוך גענומען געווען נייטראַל אין אַ קאָנפליקט וואָס האָט זייער פּאָליטישן מצב נישט געקענט ענדערן. נאָר די גרויסע פּוילישע מאַגנאַטן אין ליטע זענען דעמאָלט געווען אין רוסישן לאַגער. אַזוי האָט דיקטירט די עקאָנאָמישע לאַגע זייערע. אויב דער רים אין 1812 האָט קיין ערנסטע רעזולטאַטן פאַר יידן נישט געבראַכט, איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס דער פּריץ האָט זיך נאָך אַלץ גענויטיקט אין דער ווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע פון יידן. אָבער די פּוילישע פּריצים האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן באַפרייען זיך פון דער „יידישער ווירטשאַפטלעכער העגעמאָניע״. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער ייד איז שולדיק אין דער טרויעריקער לאַגע פון דעם פּויערים־קלאַס. ממילא דאַרף מען קודם כל באַזייטיקן דעם יידישן שענקער און פאַרבייטן אים מיט אַ... קריסטלעכן. אַזוי האָט אין יאָר 1822 געשריבן טשאַרטאָריסקי גופא.

אויף די פּריצישע קרייז־צוזאַמענפאָרן (סיימיקעס) זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס מכוח באַזייטיקן יידן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד און שאַפן אַ „קריסטלעך קלאַס פאַרמיטלערס״.

אַ פּוילישער סטאַטיסטיקער פון דער ליטוויש־גראָדנער גובערניע, ד״ה ליטע, האָט זיך באַקלאָגט, אַז די יידישע באַפעלקערונג האַלט אין וואַקסן, בעת די פּוילישע האַלט אין פאַלן.

די ווירטשאַפטלעכע עוואָלוציע פון ליטע האָט סיי ווי געפירט צו אַ טיילווייזער עמאַנציפּאַציע פון יידן פון דער פּויליש־פּריצישער עקאָנאָמיק. פון באַדינען די אינטערעסן פון די פּוילישע גוט־באַזיצער אויף די ערטער גייען יידן אַריבער צו אַ סך אַ ברייטערער אויפגאַבע פון באַדינען די גרויסע רוסישע מערק. די דאָזיקע געענדערטע ווירטשאַפטלעכע קאָניונקטור האָט אין אַ גרויסער מאָס משפיע געווען אויך אויף דער קולטור אָריענטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע.

עס קומט אויף אַ נייע יידישע בורזשואַזיע. איר אויפקום דאַטירט זיך פון דער מלחמה פון 1812, ווען קליינע מיליטער־צושטעלער (פּאָדריאַדטשיקעס) זענען נתעלה געוואָרן און אַ טייל גבירים זענען געוואָרן גרויסע נגידים. דאָס זענען געווען פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים. פּאַ־

ליטיש האָבן זיי זיך שוין אָריענטירט אויף רוסלאַנד, ווייל זייער חיונה האָבן זיי געצויגן פון דער רוסישער אַרמיי. אין יאָר 1812 האָט די צייט־ווייליקע ליטווישע רעגירונג אַרויפגעצוווּנגען אויף די ווילנער יידן אַ מיליטערישע קאָנטריבוציע אונטער דער מאַסקע פון אַ מלחמה־הלוואה. 37 יידן האָבן זיך בייגעשטייערט אויף אַ סומע פון 60.000 גילדן. מיטן אויסנאַם פון צוויי דאָקטוירים (ליבאָשיץ און שלעזינגער) זענען דאָס געווען פאַבריקאַנטן, הויז־באַזיצערס, באַנקירן און סתם רייכע סוחרים. צו די חשובסטע האָבן געהערט די משפחות זאַלקינד, קליאַטש־קאָ, דייכעס, זאַקהיים, טראָצקי און גאָרדאָן. דאָס זענען טאַקע די, וועמענס נעמען עס פיגורירן צווישן די חשובסטע שטי־צערס און מעצענאַטן פון דער השכלה אין ליטע.

אין יאָר 1830 ווערט אין ווילנע געמאַכט דער ערשטער פּרווו צו עפענען אַ רוסישע שול פאַר יידישע קינדער. ניט געקוקט אויף דער פינאַנ־ציעלער שטיצע פון די יידישע גבירים האָט די שול קיין אריכת שנים נישט געהאַט. די ליטווישע יידן האָבן זיך געניטיקט אין אַ מלוכהשער הסכמה, ווי דאָס איז געווען בימי טשאַרטאָריסקי. אַזאַ הסכמה איז אָבער נאָך נישט געקומען. אויף דער פּראָווינץ האָט מען אפילו אַזעלכע באַמיאונגען נישט געמאַכט. דאָרט האָט געפעלט אַ געזעלשאַפטלעכע הסכמה פון אַ משכילישן קרייז, ממילא איז דער יחיד געווען אַפּאַטיש. בעת אַ 14־יאָריק יינגל האָט אין קיידאַן געוואָלט אָנקומען אין דער „דוואָריאַנסקע"־שול, האָט קהל אים געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער. ווען נישט די אינטערווענץ פון אַ רוסישן אָפיציר, וואָלט דער דאָזיקער יונגער „משכיל" זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַנטאָניסט.

ליטע האָט דעמאָלט געציילט אַן ערך 2.500 מלמדים. זיי האָבן זיך פאַר אַ פּוילישער אָדער רוסישער שול ווייניק וואָס געשראָקן, ווייל די פּעד־דאַגאָגישע חזקה איז נאָך אַלץ געווען אין זייערע הענט. נישט געקוקט אויף דעם וואָס שכר־לימוד האָט מען געמוזט צאָלן, און דאָס האָט געמיינט צווישן 5 און 40 רובל אַ זמן, האָט מען נאָך קיין טובות פון פרייע שולן נישט געזוכט. ישיבות, תלמוד־תורהס און שטיבלעך, ווו מען האָט געלערנט זענען געווען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אין די פערציקער יאָרן האָט ווילנע געהאַט איבער 110 שטיבלעך. די פּראָפּאַגאַנדע מכוח לערנען רוסיש

האָט נישט געצילט צו שעדיקן דעם חדר. אפילו פרומע יידן האָבן אין לימוד פון לשון המדינה קיין רעה נישט געזען. די מערסטע משכילים זענען אָבער אויך נישט געווען פאַר אַ פולער רוסישער שול. אין יאָר 1835 האָט אַ גרופּע משכילים זיך געווענדט צום ווייסרוסישן שול־קרייז מיט אַ בקשה צו דערלויבן דעם לימוד פון רוסיש און „אַנדערע פרעמדע לשונות״. מען האָט נישט געטראַכט וועגן באַזונדערע שולן פאַר יידן, נאָר מכוח די מעגלעכקייטן אַריינצופירן דעם לימוד פון רוסיש אין די פּריוואַטע חדרים, פּונקט ווי מען האָט עס געלערנט אין די עטלעכע שולן פאַר פאַרמעגלעכע יידישע מיידלעך. אוואַראָוו, דער רוסישער בילדונגס־מיניסטער, האָט אויפן וועג קיין דייטשלאַנד אַרויסגערופן קיין ווילקאָמיר (אין יאָר 1838) די צוויי רעפּרע־זענטאַנטן פון די משכילים ראָזענטאַל און קאַצענעלנבויגן. ער האָט מיט זיי געהאַט אַ לאַנגן שמועס און אויפגעקלערט, אַז אייגנטלעך איז די מלוכה נישט קעגן תלמוד און אַז דער לימוד פון תלמוד קען זיך גוט פּאָרן מיט וועלטלעכער בילדונג. די צרה ליגט, לויט דעם מיניסטערס רייד, אין די רבנים, וואָס שטערן דער בילדונגס־אַרבעט פון דער מלוכה. דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז פּאַקטיש וויל די מלוכה, אַז ליטווישע יידן זאָלן קודם כל קענען די מלוכה־שפּראַך.

אויף דעם האָט מען אָבער קיין פּראָפּאַגאַנדע נישט באַדאַרפט מאַכן. וואָס מער ליטע גייט אַריין אין עקאָנאָמישן גבול פון דער רוסישער אימ־פּעריע, אַלץ גרעסער ווערט דער באַנוץ פון רוסיש. אין דער אַדמיניסטראַ־טיווער קאָרעספּאָנדענץ פון די קהילות שטופּט רוסיש אַרויס די פּוילישע שפּראַך. געשען איז דאָס אַ סך פריער איידער עס איז געקומען דער אָפיציע־לער פאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט פּויליש. אייזיק מאיר דיק באַשרייבט אין איינער פון זיינע דערציילונגען ווי אַזוי ס׳קומען אויף די ערשטע רוסיש קענעוודיקע יידן. אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן י״ה איז אין אַ שטעטל געווען אַ רוסישער מיליטערישער גאַרניזאָן. דאָרט האָט זיך באַזעצט אַ ייד, וואָס איז געקומען פון „טיף רייסן״. דער דאָזיקער ייד האָט אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם מיליטער פּראַקטיצירט „זיין פעדער און זיינע צונגע אין דער רוסישער שפּראַכע״. די קאַזאַרמע איז געווען די שול פאַר דעם רוסישן שרייבער, וואָס האָט געהאָלפן דער קהילה און סתם יחידים שרייבן אָפיציעלע פּאַפּירן אויף רוסיש. דיק דערציילט, אַז דער דאָזיקער

ייד איז טאַקע געוואָרן אַ שרייבער אין אַ קהילה (דערציילונג „די איידעלע ראַבע״).

די פּאַרמעגלעכע שיכטן האָבן זיך אויך געגוויטיקט אין אַזעלכע שרייבערס. זייערע געשעפטן האָבן דאָס געפּאָדערט. אויף דעם האָבן משכילים אָנגעוויזן אין זייערע מעמאָראַנדומס. וועגן דעם האָט געשריבן ר׳ י צ ח ק ב ע ר ל ע ווי נ ז אָ ן אין זיין „תעודה בישראל״, וואָס איז דערשינען אין 1828 און איז געוואָרן דער מאַניפעסט פון דער ליטווישער השכלה. פון די 196 אבאָנענטן וואָס דאָס דאָזיקע בוך האָט געהאַט, זענען 28 געווען פון ווילנע.



אייזיק מאיר דיק

אין די יאָרן 1813־1820 האָט אַ ווילנער משכיל ה ל ל ב ן א ה ר ן מ אַ ר ק ע וו י ט ש זיך באַמיט, אַז מען זאָל אים דערלויבן עפענען פאַבריקן נאָר מיט יידישע אַרבעטער. מאַרקעוויטש האָט געקענט גוט דייטש און רוסיש. זיין פּראָגראַם איז געווען: פּראָדוקטיוויזירן די יידן, אויסלערנען זיי די מלוכה־שפּראַך און אַזוי אַרום דורכפירן אַן עקאָנאָמישע און קולטורעלע אויפקלערונגס־אַרבעט.

אין דעם זעלבן נוסח האָט געשריבן ז אַ וו ל ב ן פּ ס ח ג ע ר מ יי ז ע, אַ געוועזענער מיליטער־ליפעראַנט פון 1812. דער דאָזיקער גערמייזע שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ליטווישער השכלה. ער איז אַ מעצענאַט און אַן אָנהענגער פון מלוכה־שולן פאַר יידישע קינדער.

די צאָל פון אַזעלכע משכילים האָט אין יאָר 1840 באַטראָפן איבער 200. זייערע נעמען פיגורירן אין די רשימות פון די אבאָנענטן אויף די השכלה־ביכער, וואָס זענען דערשינען אין ליטע. עס וואַקסט אין ליטע די צאָל יידן־פאַבריקאַנטן און אויך יידישע אַרבעטער, באַשעפטיקט אין די

דאָזיקע פאַבריקן; עס וואַקסט אויך די פּעריפעריע פון דער השכלה, און ממילא פאַרגרעסערט זיך איר געזעלשאַפטלעכע באַזע.

צו די חשובסטע פאַבריקאַנטן־משכילים פון יענער צייט האָבן גע־הערט: אין ביאַליסטאָק: די ברידער ר אָ ז ע נ ט אַ ל און ס אַ פּ י ר; אין גראָדנע: די פ י נ ע ס ע ס, ש א ו ל ל ע ו ו י ן, י ה ו ש ע מ אָ נ י ם און די ש ע ר ע ש ע ו ס ק י ס; אין ווילנע: די ג אָ ר־ ד אָ נ ס, ס ע ג אַ ל, א ב ר ה ם ז אַ ק ה יי ם א. א.

ז אַ ק ה יי ם האָט זיך אַפילו אויסגעדריקט אין אַ בריוו, אַז מען טאָר בכלל נישט רעדן וועגן דעם, אַז אין ליטע דאַרף מען ערשט אַריינפירן השכלה. זי איז שוין דאָ, האָט ער געטענהט. אין ווילנע — שרייבט ער — זענען בכלל נישטאָ קיין עמי־ארצים. אַלע קענען לערנען און דער „גייסט פון תנ״ך שוועבט איבער דער שטאָט״.

אין די אַלגעמיינע שולן פון ליטע געפינט מען גראָד ווייניק פאַרטרע־טער פון דער השכלה. אין יאָר 1832 האָט די רעגירונג פאַרמאַכט דעם ווילֿ־נער אוניווערזיטעט. אויף זיין אָרט ווערט געעפנט אַ מעדיצינישע אַקאַדע־מיע. צווישן די סטודענטן זענען געווען נאָר עטלעכע יידן, הגם צווישן די פרייע צוהערערס איז זייער צאָל געווען אַ גרויסע. צווישן די וואָס האָבן פאַר־ענדיקט די אַקאַדעמיע איז אויך געווען מ ע נ ד ל ט ר אַ כ ט ע נ ב ע ר ג (1799־1890), איינער פון די חשובסטע דאָקטוירים אין ווילנע, אַ מוסטער פון אַ פאָלקסטימלעכן אינטעליגענט־משכיל. אין די ליטווישע גימנאַזיעס האָט מען נישט קיין „דוואָריאַנעס״ נישט צוגענומען, אַזוי אַז אַ ייד האָט אַהין נישט געקענט צוקומען. דערפאַר וואָס דער השכלה־באַוועגונג האָט געפעלט אַ שיכט דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ, האָבן די אויטאָדידאַקטן זיך דערוואָרבן פירנדיקע פּאָזיציעס אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער דור ליטווישע דאָקטוירים, וואָס האָט שטודירט אין אויסלאַנד אָדער אין געוועזענעם ווילנער אוניווערזיטעט האָט ביסלעכווייז אינגאַנצן זיך דער־ווייטערט פון יידישן לעבן. אייניקע פון זיי האָבן זיך אַפילו געשמדט און פאַרשוונדן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. אַנדערע האָבן פאַרלאָזט ליטע און אַוועק קיין אָדעס, מאָסקווע און פּעטערבורג. אַזוי אַרום איז די יידישע בורזשואַזיע, וואָס איז מיט קליינע אויסנאַמען געווען בדרך כלל אַ לומדי־שע — געוואָרן די הויפּט־טאָן־געבערין פון דער השכלה. דאָס איז געשען

שפה ברורה
או
תלמוד לשון פלאניא
בלשון עברית אשכנזית
לתועלת נערי בני ישראל, החרוצים ושוקדים בלמודת הלשונות.
נחלקת
לארבעה חלקים
חלק הראשון כולל תלמוד הלשון אשר למדרגה הראשונה (ערסטע קלאססע)
חלק השני כולל תלמוד הלשון אשר למדרגה השניה (צווייטע קלאססע)
חלק השלישי כולל תלמוד הלשון אשר למדרגה השלישית (דריטטע קלאססע)
לכל ברוב תוספות והערות אשר אין ספורות למו,
חלק הרביעי נוסף להתלמוד הלשון, כולל ספורים נחמדים, בהעתקת עברית־אשכנזית, ונחלק לששה פרקים, הכוללים (א) ספורי הטבע, (ב) דברי מלכים, (ג) דברי חכמים, (ד) אנעגדאטען, (ה) משלי שועלים, (ו) שירים ומליצות.
חובר ונעתק על ידי
אשר לעמיל בן מאיר
בדפוס השותפים דק״ק
ווילנא והוראדנא
[illegible]
שנת תקצ״ד לפ״ק



GRAMMATYKA
POLSKA
W JĘZYKU
ŻYDOWSKO-NIEMIECKIEM
DLA
UŻYTKU MŁODZIEŻY SYNÓW IZRAELOWYCH, ŻĄDAJĄCYCH POSIADANIA NAUKI JĘZYKÓW.
PODZIELONA NA CZTERY CZĘŚCI:
CZĘŚĆ I. *Zawiera Grammatykę na Klassę Pierwszą.*
II. — — *Grammatykę na Klassę Drugą.*
III. — — *Grammatykę na Klassę Trzecią.*
Z RÓŻNEMI OBSZERNEMI DODATKAMI
CZĘŚĆ IV. *Przydatek do Grammatyki, zawiera różne powieści ciekawe, z przetłómaczeniem Żydowsko-Niemieckiém; podzielona na sześć Rozdziałów, zamykających: 1, Zabawki Fizyczne. 2, CESARSKIE i KRÓLEWSKIE przypowieście. 3, Zdania mędrców. 4, Anegdoty. 5, Bayki. i 6, Wiersze.*
UŁOŻONA I PRZETŁÓMACZONA
PRZEZ
*LEYMANA MEJERSONA.*
WILNO i GRODNO.
w Drukarni Manesa i Zymela.
1834.

אַ פּוילישע גראַמאַטיק אויף יידיש פון אשר לעמיל מאירסאָן פון ביאַליסטאָק, געדרוקט אין ווילנע, 1834
(פון די זאַמלונגען פון י. א. יאָפע, ניו־יאָרק)

ניסט נאָר אין זכות פון איר עשירות, נאָר אויך צוליב אירע וואָגיקע אינטעלעקטועלע קוואַליפיקאַציעס. זי האָט טיילווייז אויסגעהאַלטן דער ליטעראַט־משכיל, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן אויף די האָריזאָנטן פון יידישן לעבן און וואָס האָט על פי רוב מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם פּראָלעטאַרישן אינטעליגענטן עלעמענט. פון די דאָזיקע מחברים־משכילים רעקרוטירן זיך די פּריוואַטע לערער פאַר די קינדער פון די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטישע משפּחות. צווישן זיי זענען געווען מענטשן מיט אַ וואָגיקן גייסטיקן באַגאַזש, דערוואָרבן על פי רוב דורך אַליינלערעריי. זיי זענען ניסט נאָר לערער פון לשון קודש, נאָר אויך פון אַלגעמיינע לימודים. אין הסכם מיטן נייעם קולטור־קורס ווערן קלענער די פּובליקאַציעס פון פּוילישע לערנביכער און עס פאַרגרעסערט זיך דער רוסישער און פרעמדשפּראַכיקער סעקטאָר. דאָס לעצטע פּויליש ביכל פאַר יידן דערשיינט אין יאָר 1834. שוין אין יאָר 1825 גיט אַרויס אַ סמאָרגאָנער משכיל משה בן שמעון אַ לערנבוך פון דער רוסישער שפּראַך. אַ ווילנער לערער א. גיטטעלס האָט אין יאָר 1835 אַרויסגעגעבן „רוססיש־יידיש־דייטשע געשפּרעכע פיר דיא יודישע יוגענט״. אין יאָר 1836 האָט הירש בן ליב, אַ זון פון ליאָנדער, דעם מחבר פון דעם ערשטן פּויליש־יידישן ווערטערבוך, אַרויסגעגעבן אַ ביכל מיט פראַנצויזיש־יידיש־דייטשע שמועסן פאַר אַליינבילדונג. דעם זעלבן יאָר האָט אַ פרייער צוהערער פון ווילנער אוניווערזיטעט פּ. מ. זילבערמאַן אַרויסגעגעבן אַ ביכל א״נ „ערשטער אונטערריכט אין דער פראַנצעזישן שפּראַכע״. חוץ דעם זענען דערשינען בריוונשטעלערס, דאָס מאָל מיט רוסישע און העברעאישע מוסטערן פאַר שרייבן בריוו און בקשות.

דער משכיל וואָס אָריענטירט זיך איצט אויף דער רוסישער שפּראַך, איז ניסט קיין קלענערער אוטיליטאַריסט, ווי זיין פּוילישער פאָרלויפער איז געווען.

מען דאַרף לערנען רוסיש — שרייבט איינער פון זיי — כדי צו קענען שרייבן אַ „פּראָשעניע צו דער רעגירונג״.

ווי אַ מיטל פאַר בילדונג האָט דער ליטווישער משכיל געהאַלטן, אַז רוסיש איז נאָך ניסט ראוי צו דעם. דערפאַר לערנט מען פאַר בילדונגס־צוועקן מער דייטש און אפילו פראַנצויזיש. רוסיש איז געווען אנערקענט ווי אַ שפּראַך פאַרן פּראַקטישן געברויך.



ערשטער

אונטערריכט

אין דער

פראנצעזישען

שפראכע

פאן

פי מי זילבערמאן

שנת תקצ״ו לפ״ק

Erster Unterricht

in der

FRANCOSISCHEN SPRACHE.

ВИЛЬНО и ГРОДНО.

въ Типографіи Манеса и [illegible]

18[illegible]

דאָס ערשטע ביכל אויף לערנען פראַנצויזיש פון
פ. מ. זילבערמאַן, ווילנע 1836.

(פון די זאַמלונגען פון י. א. יאפע, ניו־יאָרק)

„אַ סך דאַרפֿן קענען דאָס דאָזיקע לשון (ד. ה. רוסיש) שרייבט דער משׂכיל אַ ב ר ה ם ז אַ ק ה י ם, ווייל עס איז נייטיק אין אין מסחר, אין געשעפֿטלעכע עסקים, אויף קענען אָנשרייבן אויף דעם לשון אַן התחיבות, אין הסכם מיט די פֿאָדערונג פֿון געזעץ״.

אַ צווייטער משׂכּיל דערקלערט עס אין מער ניכטערע טערמינען. אַ ייד וואָס קען רוסיש הייבט זיין פּרעסטיזש אין „פּאָליטישע קרייזן״.

די איינציקע קולטור־שפּראַך איז אין די אויגן פֿון די משׂכּילים געווען דייטש. צום לימוד פֿון דייטש האָט מען זיך באַצויגן מיט נישט קיין קלענערן יראת־הכּבוד, ווי צום לימוד פֿון העברעאישן דיקדוק. מען דאַרף לערנען — דערקלערט אַ משׂכּיל — דעם פּשט פֿון יעדן דייטשישן וואָרט און אין דעם קען העברעאיש אַ סך אַרויסהעלפֿן.

י ה ו ד ה א ש ר ג י נ צ ב ו ר ג שרייבט צו זיין זון מ ר ד כ י א ה ר ן, אַז ער זאָל למען השם זיך נעמען לערנען מיט גרויס התמדה די דייטשישע שפּראַך.

„פֿאַרוואָס זאָלסטו יעדן טאָג נישט אָפּגעבן אַ באַשטימטע צייט, כּדי אויסלערנען זיך שרייבן אַ דייטשן בריוו און קענען די דייטשישע גראַמאַטיק? ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן, האָב איך אפֿילו דעם דייטשישן אַלף־בית נישט געקענט. האָב איך זיך אָבער גענומען צו דער זאַך און זייער אַ סך באַהויבן און דווקא אָן אַ לערער״.

די בעסטע מעטאָדע וואָס די פּעדאַגאָגן־משׂכּילים האָבן רעקאָ־מענדירט איז געווען מאַכן געניטונגען פֿון דייטש אויף העברעאיש און פֿאַרקערט. דאָס — האָבן זיי געהאַלטן — איז דער בעסטער וועג גרינט־לעך צו דערלערנעןביידע שפּראַכן.

דער דאָזיקער מעטאָד האָט אָבער קיין גוטע רעזולטאַטן נישט גע־בראַכט. אין פֿאַרגלייך מיט גאַליציע און אפֿילו קאָנגרעס־פּוילן, האָט ליטע געהאַט ווינציק משׂכּילים, וואָס האָבן גוט געקענט די דייטשישע שפּראַך. זייער ליטעראַרישער געשמאַק איז אויך נישט געווען אַ גע־הויבענער. וואָס שייך ליטעראַטור האָבן זיי געשטעקט נאָך אַלץ אין דער שוין לאַנג אָפּגעשטאַרבענער פּסעוודאָ־קלאַסיק פֿון אַ ק ל אַ פּ ש ט אָ ק אָדער אַ ווי ל אַ נ ד, פּונקט ווי אין דער העברעאישער ליטעראַטור

איז די מליצה פון די „מאספים" נאָך אַלץ געווען דאָס לעצטע וואָרט אין פּאָעזיע.

מען האָט געשריבן צוליב דער קונסט פון שרייבן. יעדער האָט זיך געקינצלט ביחידות, שפּעטער געקליבן אַבאָנענטן און זיך באַמיט אַרויסצוגעבן די „פּירות פון דער מוזע".

דער יונגער ח י י ם ז ע ל י ק ס ל אָ נ י מ ס ק י (1810־1904) האָט עס ריכטיק אָפּגעשאַצט בעת זיין באַזוך אין ווילנע און נאָך אַ באַגעגעניש מיט די דאָרטיקע משכילים.

„זיי (ד. ה. די משכילים) — שרייבט סלאָנימסקי אין דער הקדמה צו זיין „כבבא דשוויט" (ווילנע 1835) זענען אַלע אַזוי אַריין אין דעם געביט פון מליצה און שיר, אַ ז ז יי ה אָ ב ן ק יי ן ח ו ש נ י ש ט פאַר רעאַלע וויסנשאַפטן".

דעם קולט פון וואָרט ביי די ליטווישע משכילים האָבן אויך באַמערקט די מיטצייטלערישע „אויפקלערערס" אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן שוין דעם דאָזיקן שוואַכן פּונקט לאַנג מנצח געווען. יאָסט, למשל, האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט עס, וואָס די ליטווישע משכילים, וואָס זענען אַזוי גוט באַהאַוונט אין די ווערק פון אַ צונץ אָדער אַ גייגער, ביי ווען די הויפּטזאַך איז אינהאַלט און נישט פאָרעם, פאַרוואָס קלאַמערן זיי זיך נאָך אַלץ נאָר צו דער פאָרעם. די שפּראַך־אַקראָבאַטיק פון די דאָזיקע חרוזים־מאַכער האָט אים ממש אויפגעבראַכט. אפילו ווען עס קומט צו שרייבן בריוו, שרייבן זיי אין חרוזים, באַקלאָגט ער זיך. עס איז אַ מבול פון געלעגנהייט שירים: אַ ברית, אַ חתונה, אפילו אַ לוויה ווערט אַן אָביעקט פון אַ שיר. באַמבאַסטישע אָדעס לכבוד מלכות, וואָס דער וואָס פאַר דעם האָט נאָך געמוזט אימפּאָרטירן פון דייטשלאַנד, ווערן שוין געמאַכט פון אייגענע גראַמען־צושטעלער. חשובע לומדים, גמרא־עלוים האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און צונויפגעשטעלט קונציקע אַקראָסטיכישע אויפשריפטן אויף מצבות, געגראַמטע הספדים אָדער סתם שירים לכבוד צווייפלהאַפטע גרויסקייטן.

די דאָזיקע „קינדערהייט חולאת" פון דער ליטווישער השכלה איז געווען אַ פאַרשפּעטיקטע דערשיינונג פון אַן ענלעכער קראַנקהייט אין די

ערשטע יאָרן פון דער השכלה אין פּרייסן און טיילווייז אויך אין גאַ־ליציע.

קיינער האָט אָבער נישט געקענט פאָראויסזען, אַז אויף דעם מיסטקאַסטן פון מפל־שירים און מליצה־חיבורים וועט אַ בליץ טון אַ



חיים זעליק סלאָנימסקי
(1910—1810)

דיכטעריש וואָרט. אין קאָוונע, ביאַליסטאָק, ניי־ביכאָוו, גראָדנע, קיידאַן און שאַוולי, פּיקעווען זיך אויס די ערשטע שפּראָצן פון אַ געלייטערט הע־

ברעאיש וואָרט. דאָס זענען נאָך אַלץ פאַראייַנצלטע און פאַראייַנזאַמטע שטימען. ווי פאַרשעמטע פּירות פון אַ נישט קיין זיכערן זיווג צווישן דיכטער און דער פּאָעזיע, וואַנדערן די דאָזיקע ביכורים אין געציילטע קאָפּיעס צווישן די ליטעראַרישע מבינים. אַמאָל פאַלן זיי אַריין אין די הענט פון אַ יוסטן באַלעבאָס, ביי וועמען אַזאַ משכיל־משורר איז גראָד אַ פּריוואַטער לערער. אַמאָל ווערן זיי געדרוקט ווי הוספות אין אַזעלכע ספרים, וואָס זענען גאָר ווייט פון מליצה און שירה. עס האָט געפעלט אַן אויטאָריטאַטיווע פּערזענלעכקייט וואָס זאָל קענען זיין דער בר־סמכא אויף אמתע ליטעראַטור צו וועלכן אַלע זאָלן זיך צוהערן. עס האָט גע־פעלט אַ צענטער.

אין די 30 יאָרן פון 19טן י"ה ווערט אָבער ווילנע אַזאַ צענטער. עס באַווייזן זיך אויך מענטשן, וואָס האָבן דעם נייטיקן פּרעסטיזש. עס שאַפן זיך מחברישע גרופּירונגען, די ערשטע ליטעראַרישע קלובן. נאָר וועגן עטלעכע אַזעלכע קרייזן זענען פאַראַן ידיעות. די געשיכטע האָט לײדער אַ סך פון די דאָזיקע „סאַלאָנען" נישט פאַרצייכנט. דאָס הויז פון צבי הירש קאַנצענעלבויגן (1795—1868), וואָס איז געווען מער באַ־קאַנט ווי ר' הירשל שמחהס, איז געווען אַזאַ לומדיש־משכילישער צענטער. ווי אַ פּרנס פון דער קהילה, האָט ער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם גייסטיקן לעבן פון ווילנע. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער חובב פון דער השכלה. ער אַליין איז אויך נישט בייגעשטאַנען דעם פּאָעטישן נסיון און געשריבן שירים, וואָס זענען אין היכל פון דער הע־ברעאישער פּאָעזיע נישט אַריין. ווי אַ גרויסער סוחר מיט אַ ברייטער האַנט, ווען עס איז געקומען צו קהלשע ענינים, האָט ר' הירשל שמחהס געקענט זיך דערלויבן צו האָבן אַ יידישן ליטעראַרישן „סאַלאָן". ער האָט מקרב געווען משוררים און סתם מחברים. אויב נישט אַלע פון זיי האָבן פאַרדינט געשטיצט צו ווערן פון אים, איז אָבער געווען איינער, וואָס האָט עס כשר פאַרדינט. דאָס איז געווען א ד ם ה כ ה ן (אברהם דובער לעבענזאָהן אָדער אברהם דוד מיכאַלישקער).

געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1747 האָט ער יאָרן לאַנג געמוזט וווי־נען אין פאַרשידענע שטעטלעך פון ליטע. אין יאָר 1819 באַזעצט ער זיך אין ווילנע און ווערט גאָר גיך דער גייסטיקער פירער פון דער נייער

העברעאישער ליטעראַטור. זיינע ביכורים זענען געשריבן אין דעם זעלבן גייסט ווי אַ סך אַנדערע משכילישע משוררים האָבן געשריבן. דאָס זענען געווען געלעגנהייטס־שירים. אין 1822 שרייבט ער אַ שיר צו דער חתונה פון גראַף טישקעוויטש און שמואל קושעלעווסקי. אַ סטודענט פון מעדיצין זעצט עס איבער אויף פויליש.

אַרום אד״ם הכהן גרופּירן זיך די העברעאישע שרייבער פון ליטע. חוץ העברעאיש און יידיש האָט ער קיין שום שפּראַך נישט געקענט. ער איז געוואָרן אַ גרויסער בקי אין תנ״ך. צוזאַמען מיט בן־יעקב (1801־1860) האָט ער יאָרן לאַנג געאַרבעט אויף אַ נייער אויסגאַבע פון תנ״ך מיט מענדעלזאָנס ביאור און מיט נייע ביאורים פון דעם ווילנער משכיל יהודה בעהאַק. די ראָלע פון אד״ם הכהן אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז זייער גוט באַקאַנט. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער ליטעראַטור, נאָר וועגן דער ליטעראַרישער אַטמאָספערע פון יענער תקופה. אדם הכהן איז געווען אַ פרומער ייד, געגאַנגען געקליידט יידישלעך און געהאַלטן שטאַרק פון דער יידישער מסורה. ער איז געווען דער גרויסער מדקדק פון זיין צייט, וואָס האָט ממשיך געווען די גאָלדענע קייט פון מדקדקים. ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטע אַלעגאָרישע דראַמע „אמת ואמונה״, האָט ער דעם כתב־יד געהאַלטן אין זיין שופלאַד 25 יאָר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די פרומע יידן וועלן האָבן צו איס תרעומות. אדם הכהן איז געווען דער צענטער פון קאַצענעלענבויגנס ליטעראַרישן קרייז.

אַ צווייטער בית־ועד לחכמים ולמשכילים אין ווילנע איז געווען די שטוב פון צבי הירש קלאַטשקאָ (1790־1856) אויף דער דייטשער גאַס. קלאַטשקאָ איז געווען אַ רייכער טוך־סוחר ער פלעגט אָפט פאָרן צוליב זיינע געשעפטן קיין דייטשלאַנד און דאָרט האָט ער זיך באַקענט און שפּעטער קאָרעספּאָנדירט מיט צונצן און דוד פרידלענדערן. דאָס איז געווען אַ טיפּישער משכיל מיט שטאַרקע אַמביציעס צו זיין אַ מנהיג בישראל. ער איז געווען איינער פון די ראשי פון דער ווילנער קהילה און איז געווען נאָענט באַקאַנט מיט די הויכע רוסישע באַאַמטע. אין די פרומע קרייזן האָט מען אויף אים געקוקט קרום, ווייל זיין משכיליזם איז געווען זייער אַ פאַרשפּיצטער. זיין פרוי טויבע לאה האָט געקענט גוט

פויליש, דייטש און פראַנצויזיש. אין יענע צייטן האָט דאָס אין ליטע אַרויסגערופן באַוווּנדערונג געמישט מיט חשדים.

פוילישע און רוסישע שררות פלעגן באַזוכן קלאַטשקאָס הויז. דער באַלעבאָס פלעגט פאַרברענגען מיט די משכילים און לומדים. די באַלע־באָסטע האָט געהאַט אירן אַ סאַלאָן, וווּ מען פלעגט אָפט באַגעגענען רוסישע נאָטאַבלען און פוילישע שרייבער. ביי דער פוילישער אינטעלי־גענץ אין ווילנע האָט פרוי קלאַטשקאָ שטאַרק אויסגענומען. די קלאַטשקאָס פיגורירן אין דעם באַרימטן ראָמאַן פון יוזעף קראַשעווסקי א"נ אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען (פּאָוויעשטש בעז טיטולו). זייער זון יודל (שפּעטער יוליאַן), האָט זיך קונה שם געווען ווי אַ העברעאיש „וווּנדער קינד". ער האָט אָנגע־שריבן אַ שיר צו זיין בר־מצווה און אויך שפּעטער איבערגעזעצט אויף העברעאיש אַ באַלאַדע פון מיצקעוויטש. שפּעטער האָט ער זיך געשמדט און גע־וואָרן אַ באַרימטער שרייבער, אין פויליש און פראַנצויזיש.

יוליאַן קלאַטשקאָ

פון אַנדערע ליטעראַרישע קרייזן איז כדאי צו דערמאָנען דעם קרייז ביים גביר משה ראָזענטאַל, וואָס האָט געשטיצט חיים זעליק סלאָנימסקין און דאָס הויז פון יעקב בן יוסף יאַ־גיכעס (1778־1848), דעם זיידן פון דעם שפּעטער באַרימטן פירער פון די סאָציאַל דעמאָקראַטן, לעאָן יאָגיכעס־טישקאָ.

אין יאָר 1835 האָט זיך אין ווילנע באַזעצט מרדכי אהרן גינצבורג (1795—1846). אין אַ גאָר אַ קורצער צייט ווערט ער

אַ גרויסער ליטעראַרישער שטערן. מען קען זאָגן, אַז מיט אים הייבט זיך אָן די נייע העברעאישע ליטעראַטור אין ליטע. דאָס איז געשען נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער שרייבער, נאָר ווייל ער איז געווען דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער העברעאישער ליטעראַט. זיין חוש פאַר אַקטועלע ענינים און פאַר פּראַקטישע נויטן פון דעם העברעאישן לייענער האָט אים תמיד דיקטירט די ריכטיקע טעמאַטיק פאַר זיינע ווערק. אָנהייבנדיק מיט זיין פּאָפּולערער באַאַרבעטונג וועגן דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע (גלות ארץ החדשה, 1823) איז אַלץ וואָס ער האָט געשריבן געווען נוצלעך, לייענבאַר, לייכט און פּאָפּולער. זיינע ווערק האָבן דערלעבט עטלעכע אויפלאַגעס, אַן ענין, אַגב זייער אַ זעלטענער, מיט העברעאישע מחברים פון יענער תקופה.

נישט אַלע האָבן געהאַלטן, אַז שרייבן אויף העברעאיש איז אַן אויסדרוק פון אַ נאַציאָנאַלן געפיל. אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז עס איז קיין אַנדערע ברירה נישטאָ. צום יידישן לשון האָט מען זיך באַצויגן מיט ביטול און צו דער מלוכה־שפּראַך איז מען נאָך נישט דערגאַנגען. שרייבן אויף דייטש איז געווען דער חלום פון אַ סך משכילים אין ליטע, אָבער מען איז ביי דעם חלום געבליבן.

אין אַ בריוו האָט מרדכי אהרן גינצבורג געגעבן אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פון זיין באַציאונג און אויך פון זיין קרייז צום ענין העברעאיש און דייטש.

„דאָס וואָס דייטש געפעלט דיר מער ווי העברעאיש, דאָס וווּנדערט מיך לחלוטין נישט. איך האַלט פּונקט ווי דו, אַז עס איז בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב. לגבי דעם העברעאישן לשון האָב איך אין מיין לעבן איבערגעלעבט דריי שטאַפּלען: אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך די דאָזיקע שפּראַך ליב געהאַט אַזוי ווי פּויליש־יידישע בחורים האָבן ליב זייערע כלות, וואָס די עלטערן האָבן זיי געגעבן. דאָס איז נישט קיין אויפריכטיקע, קיין אמתע ליבע. דאָס איז אַ געוויסער דרך־ארץ פאַרן אויסוואַל פון די עלטערן. בעת איך בין געווען אַ רייפער יונגערמאַן האָב איך ליב געקריגן דאָס דאָזיקע לשון, אַזוי ווי פּוילישע יידישע יונגעלייט האָבן ליב זייערע ווייבער אין דעם ערשטן

נאָך־חתונה פּעריאָד. אין תוך גענומען איז דאָס נישט קיין ליבע, נאָר פּשוט צוגעבונדנקייט, ווי צו דער איין און איינציקער. אין דעם איצטיקן מאָמענט האָב איך ליב דאָס לשון אַזוי, ווי פּוילישע יידן פון מיין עלטער האָבן בכלל ליב זייערע ווייבער: הגם מיר ווייסן זייער קלאָר, אַז זיי האָבן נישט די מעלות, וואָס די טעכטער פון דייטשלאַנד, אָבער על פּי דער אַלטער געוווינהייט, ווייזן מיר צו זיי אַרויס גוטע געפילן, וואָס שטאַמען פון אַמאָליקע צייטן".

פון אַזאַ צוגאַנג צום לשון אויף וועלכן מען שאַפט איז שוין געווען נישט ווייט צו אַ שפּלות־קאָמפּלעקס. דאָס איז זייער בולט טאַקע ביי מרדכי אהרן גינצבורג. בעת ער שרייבט אַ בריוו קיין דייטשלאַנד, אַנטשולדיקט ער זיך, וואָס זיין ליטעראַטור שפּראַך איז העברעאיש.

„אונדזער היגער יידישער עולם — שרייבט ער — פאַרשטייט נישט קיין אַנדערע שפּראַך, אַפילו נישט די שפּראַך פון דער מדינה".

גינצבורג ווי אַ סך אַנדערע ליטווישע משכילים איז שטאַרק פּעסימיסטיש בנוגע דער צוקונפט פון העברעאיש. יעדער איינער — שרייבט ער — וואָס הויבט אָן באַקומען זיין בילדונג אין דער שפּראַך פון לאַנד איז שוין אַ פאַרלאָרענער פאַר דער שפּראַך פון תנ"ך.

אויף דער דאָזיקער ליניע פון דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון העברעאישער השכלה אין ליטע. דער דראַנג צו וועלטלעכע בילדונג איז געווען אָנערקענט פאַר אַ נאַטירלעכע און אַפילו געווינטשטע דערשיינונג.

די מורא, אַז די דאָזיקע בילדונג רויבט אַוועק דעם יונגן דור פון דער העברעאישער שפּראַך — איז געווען אַ באַרעכטיקטע. די פראַגע איז געווען ווי אַזוי גלייכט מען אויס די דאָזיקע היפּוכים? ווי אַזוי מאַכט מען פון דער העברעאישער ליטעראַטור אַ שטאַרקן קולטור אינסטרומענט, וואָס זאָל ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער קולטור פון אַן „אויפגעקלערטן" יידן? די דאָזיקע קולטור־דיכאָטאָמיע ליגט אין יסוד פון די באַטראַכטונגען פון די ליטווישע משכילים. דער דאָזיקער עיקרדיקער מאָמענט פעלט לחלוטין ביי די משכילים פון אַנדערע לענדער. דאָס

מאכט די ליטווישע השכלה אָריגינעל און נאַציאָנאַל. דאָס פּראָבלעם פון אַ דערציאונג, וואָס זאָל קענען צופרידנשטעלן די נאַציאָנאַלע געפילן פון דעם יידן, און אין דער זעלבער צייט „צוגרייטן אים צו זיין נוצלעך פאַר זיין לאַנד״, — שטייט אין צענטער פון די טעאָרעטישע וויכוחים און שפּעטער פון די פּראַקטישע עקספּערימענטן פון ליטווישן יידנטום. כדי קענען קאָנסאָלידירן אַלע אינטעלעקטועלע כוחות פון לאַנד, האָט מען קודם כל באַדאַרפט האָבן אַ טריבונע.

אין יאָר 1834 האָט אַ גרופּע ווילנער משכילים באַשלאָסן אַרויס־צוגעבן אַ העברעאישן יאָרבוך א״נ „מנחת בכורים״. די הויפּט־אָנפירער פון דער דאָזיקער גרופּע זענען געווען י צ ח ק א י י ז י ק ב ן י ע ק ב, מ ר ד כ י א ה ר ן ג י נ צ ב ו ר ג, א ״ ד ם ה כ ה ן, ח י י ם ק אַ צ ע נ ע ל ב ו י ג ן א. א. דער זשורנאַל האָט געזאָלט זיין „מנחה חדשה לבני ישראל יושבי ארץ ליטא״. געזאָלט האָט מען דרוקן דעם יאָרבוך סך־הכל אין 300 עקזעמפּלאַרן. דעם פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל אין דער פאָרם פון אַ קול־קורא האָט אָנגעשריבן מרדכי־אהרן גינצבורג.

„אונדזער מדינה ליטע — האָט ער געשריבן — איז נישט אָרים אין מענטשן מיט וויסן. זיי זענען אָבער געצוווּנגען באַהאַלטן זייערע אוצרות וויסן, און נישט אַרויסטראָגן זיי אויף דער ליכטיקער וועלט, ווייל דאָס פאָלק ישראל איז נישט ענלעך צו אַנדערע פעלקער. ביי אַנ־דערע אומות זענען מענטשן מיט וויסן דער שטאָלץ פון פאָלק, ביי אונדז אָבער דאַרפן זיי זיך באַהאַלטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַרברעכער. ...בסוד מיט וויסנשאַפט און חכמה, ווייל גרויס איז דער פּחד פאַר די פאַנאַטיקער און מורדי האור״.

נאָך אַזאַ מינאָרער דעקלאַראַציע קומט אַ דערקלערונג, פאַר־וואָס איז ליטע אָרימער געוואָרן אין משכילישע ליטעראַרישע כוחות. אַ סך שרייבערס זענען געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַ טייל איז געבליבן, און צווישן זיי, דווקא די וואָס „שטרעבן נאָך וויסן״. די צרה מיט זיי איז אָבער, וואָס די אייראָפּעאישע שפּראַכן זענען זיי פרעמד. די „אויפגעקלערטע״ יידן אין ליטע דאַרפן, בכן, העלפן די משכילים שרייבער אין זייער אַרבעט, לטובת דעם פאָלק.

„עס געפינען זיך שוין איצט ביי אונדז — שרייבט גינצבורג, — גענוג אויפגעקלערטע (יידן), וואָס קאָנען אריינברענגען מער ליכט אין די געצעלטן פון ישראל און מיט גרויס דערפאָלג".

די שווערע צענזור תנאים האָבן צעשטערט דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן דעם געפּלאַנטן יאָרבוך. דער אָנגעזאַמלטער מאַטעריאַל איז נאָר פאַר־שפּרייט געוואָרן אין עטלעכע שרייב־קאָפּיעס. די שירים און די מאמרים פון „מנחת בכורים", האָבן גינצבורגס האָפענונגען נישט באַרעכטיקט. דאָס איז געווען מאַטעריאַל על פּי רוב אָן איבערגעקייטער פון די לי־טעראַרישע שיריים פון דער אַלטער דייטשישער השכלה. מיט ליטעראַטור און פּאָעזיע האָט עס קיין שום שיכות נישט געהאַט. לעוואנדא האָט אין זיינע זכרונות באַצייכנט יענעם דור שרייבער־משכילים אין ליטע ווי „מענטשן פון פאַבריקן יאָרהונדערט", וואָס דער קולט פאַר דער „השפה היפה, היחידה השרידה" האָט אַזוי פאַרגליווערט, אַז זיי האָבן נישט געקענט טועם זיין אַ קינסטלערישן וואָרט.

נישט ווייניק שאָדן האָט דער ליטווישער השכלה געמאַכט דער פּריי־סישער קולטור־זשאַנדאַרם, דער ווילנער צענזאָר וואָלף טוגענט־האַלד (1864-1796). דערצויגן אין ברעסלע, איז ער געווען די פּאַרקערפּערונג פון דער שוין אַנאַכראָניסטישער פּרייסישער השכלה, וואָס האָט לגבי יידן אין רוסלאַנד געפּרעדיקט אַ מין „ציוויליזאַטאָרישע אינ־וואַזיע". אין יאָר 1831, האָט ער פאַרמסרט פאַר דער רוסישער מאַכט די חסידישע באַוועגונג. שפּעטער האָט ער פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון דרוק־מאָנאָפּאָל, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל דרוקן צופיל חסי־דישע און רעליגיעזע ספרים. שטייף, טרוקן און פרעמד דער יידישער סביבה פון ליטע, האָט ער נישט דערלויבט די משכילים קריטיקירן די יידישע פּראָבלעמען פון לאַנד. די איינציקע סיבה פון יידישן דלות, האָט ער געזען אין דוחק פון השכלה, אין נישט קענען דיקדוק און אויך די דייטשישע שפּראַך. אין אַ זייער טשיקאַוון ביכל, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן אין ווילנע, אין יאָר 1839, ווענדט ער זיך צו דער יידישער יוגנט אין ליטע, אַז זי זאָל שטודירן... נאַטור־וויסנשאַפט, ווייל דאָס איז די איינציקע סגולה פאַר אַלע יידישע צרות. אין דער הקדמה באַרימט ער זיך, אַז דווקא די „איידעלע קריסטן", פאַרשטייען זיינע „גוטע כוונות"

זייער גוט און דערפאַר העלפן זיי אים באַקעמפן דעם פאַנאַטיזם פון די ליטווישע יידן.

נישט געקוקט אויף די מניעות, האָט זיך פאַרט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אַ סאָלידע השכלה־באַוועגונג. די צייט גופא האָט די פיאָנערן רייף געמאַכט. זיי האָבן אַ סך געלערנט. זיי האָבן זיך דערוואָרבן ידיעות אין פרעמדע שפּראַכן און שוין געווען בכח אַריינצוברענגען, דאָס מאָל מער קריטיש, די מערב־אייראָפּעאישע געדאַנקען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ווילנע ווערט באמת „ירושלים ד׳ליטא״. פון שטעט און שטעטלעך פון קורלאַנד, וואָלין, ליטע און אפילו פוילן האָבן יונגע בחורים אָנגעהויבן שטראָמען אין דער הויפּטשטאָט פון ליטע. נישט אַלע זענען אָבער דאָרטן געבליבן. די דערוואַרטונגען זענען געווען צו גרויסע, ממילא האָט זיך נישט איינער פון זיי אַנטוישט. קומט צופאָרן למשל קיין ווילנע דער קיידאַנער מתמיד ש נ י א ו ר ז ק ״ ש (1816-1892). ער קען אָבער מער שוין קיין פּרוש נישט זיין. פאָרט ער אַוועק קיין בראָד, פון דאָרטן קומט ער שפּעטער צוריק, כדי מיט דער צייט איינגאַנצן פאַרלאָזן ליטע. דאָס זעלבע איז געשען מיט אַ סך אַנדערע. פון שאַוועל קומט צופאָרן י ו ס ף א ל י ע ז ר ע פ ש ט ײ ן (1821-1875), ווערט לערער און מיט דער צייט אַן אָנערקענטער שרייבער. ער איז געווען דער ערשטער ביאָגראַף פון אייברעהעם לינקאָלן אין דער העברעאישער שפּראַך. אין ווילנע האָט ער גראָד זיין פּלאַץ געפונען.

וואָס ברייטער עס ווערט די פּעריפעריע פון דער השכלה, אַלץ האַפּערדיקער ווערט די אַטמאָספערע אַרום אירע בויערס. אין יאָר 1841 האָט מען שוין געקענט פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון אַ געדרוקטן זאַמלבוך. דאָס איז געווען דער זאַמל־בוך „פּרחי צפון״, וואָס איז אין 1844 אַרויס צום צווייטן און לעצטן מאָל. אין די דאָזיקע זאַמלביכער באַגעגענען מיר שוין נייע נעמען, וואָס זענען פריער נישט געווען באַקאַנט. די אַרויסגעבער זענען געווען א ל י ע ז ר ל י פּ מ אַ ן ה ו ר ו י ץ (1815-1852), און ש מ ו א ל י ו ס ף פ י ן (1818-1890). דער ערשטער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן לערער אין דער ווילנער ראַבינער־שול און האָט אפילו מיטגעאַרבעט אין די אויסלענדישע

יידישע צייטשריפטן, האָט זיך קונה שם געווען מיט א פּיאָנערישער אר־בעט וועגן „תולדות מלאכת השיר והמליצה". דער צווייטער, פּין, איז געווען דער אמתער בויער פון דער ליטווישער השכלה. וועגן זיין טעטיקייט וועט אויסקומען רעדן שפּעטער. גלייכצייטיק וואַקסט די צאָל העברע־אישע מחברים. דאָס זענען שוין געווען פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטן. נישט אַלע זענען געווען אַזוי באַגאַבט ווי מרדכי אהרן גינצבערג, אָבער נישט ווייניקער פלינק און פּראַקטיש פון אים. אַזא משכיל, למשל, ווי צמח הלוי לאַנדוי לאָזט ארויס אין די יאָרן 1821-1848, ביכלעך מיט שירים, בריוונשטעלערס, משלים און אַפילו א פירוש צו א גמרא. אַזא מיטל־מעסיקער משורר, ווי יהודה ליב גערמייזע, וואָס האָט זיך מיט זיינע שירים נישט געקענט דערשלאָגן צום העברע־אישן פּאַרנאַס, האָט אָבער מיט זיינע ווערטערביכער, מיט זיין „תולדות רוסיא" (1836) און מיט זיין „מאיר נתיב" (1836), א לעקסיקאָן פון העברעאישע שרשים, פּאַרטייטשט אויף יידיש־טייטש, דייטש און רו־סיש — אויפגעטאָן א סך פּאָזיטיווס און נוצלעכס.

אן אנדער משכיל, יהודה בצלאל עליאַש־בערג (1800-1844), האָט מיט זיין העברעאישער איבערזעצונג פון א פּוילישן מעדיציניש ביכל (מרפא לעם) געפונען שפּעטער א סך נאָכמאַכערס אויף דעם פעלד פון פּראַקטישער אויפקלערונג. עס ווערט שטאַרקער דער קאָנטאַקט צווישן ליטווישע משכילים און זייערע אידע־אישע חברים אין מערב־אייראָפּע. די יידיש־דייטשע זשורנאַלן האָבן גע־האַט קאָרעספּאָנדענטן אין ווילנע, סוואַלק, קאָוונע, קיידאַן, סעריי און אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון ליטע.

אין יאָר 1838 שלאָגט פאַר דער ביבליאָגראַף און לעקסיקאָגראַף יוליוס פירסט (1805-1873) אין א בריוו צו מרדכי אהרן גינצבערג, אַז מען זאָל שאַפן א געזעלשאַפט פאַר שטודירן די יידישע ליטעראַטור און געשיכטע. גראָד אין ליטע האָט ער געזען דעם אויפ־שטייג פון דער דאָזיקער ליטעראַטור. אים האָבן שטאַרק אימפּאָנירט די ליטווישע משכילים, וואָס האָבן אַזוי וווּנדערבאַר פאַראייניקט לומדות מיט וועלטלעכקייט.

פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון דער העברעאישער ליטעראַטור וואַקסט

אויך די השכלה־ליטעראַטור אויף יידיש. אָן אָפענע פּרינציפּיעלע פּאַר־טיידיקער און אַפּאָלאָגעטן, ווי העברעאיש האָט עס פאַרמאָגט, איז די דאָזיקע ליטעראַטור אויסגעוואַקסן פון די פּראַקטישע קולטור־נויטן פון דער פאָלקס מאַסע. אויב שרייבער האָבן זי נישט געבויט, האָבן זי דרור־קער געשאַפן. זיי האָבן בעסער געקענט אָנטאַפּן דעם דופק פון דעם פאָלקס לייענער און געוווסט, אז דאָס איז א וויכטיקער ענין. מען קען אַפילו זאָגן, אז די מלוכה גופא האָט אין דעם פּרט אויסגעטראָטן א וועג. אלע מלוכהשע מודעות פלעגט מען פּובליקירן אויך אויף יידיש. אין יאָר 1835 זענען דערשינען אין אַ יידישער איבערזעצונג די „תקנות וועגן יהודים״, איבערגעזעצט פון א משומד, ק אָ נ ס ט אַ נ ט י ן ק אָ־ ל י נ ס ק י. לויט די מבינות פון ז ל מ ן ר יי ז י ן ע״ה, איז די דאָזיקע איבערזעצונג אַ „מייסטער ארבעט אין שפּראַך און סטיל פון יענער צייט״.

די טעמאַטיק פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור פון יענער צייט איז געווען מער אקטועל, איידער די העברעאישע. מען פלעגט, למשל, איבערזעצן אויף יידיש נוצלעכע אַרטיקלען, וואָס מען האָט געפונען אין דער פּוילישער פּרעסע און אַרויסגעגעבן אין קונטרסימלעך. אין יאָר 1836 איז דערשינען באַארבעט לויטן „קוריער ליטעווסקי״ אַזאַ ביכל א״נ „רפואות ועדות״ — וויאַ צו רעטין מענשין פון פלוצליכע שטערבליכע סיבות ר״ל״. דאָס דאָזיקע ביכל האָט אָנגעשריבן די אַקושערקע ש ר ה ק ד ש, מער באַקאַנט אין ווילנע, ווי „שרקע די פּראָפעסאָרקע״. זי האָט אין יאָר 1820 געענדיקט די ווילנער שול פאַר אַקושערקעס. אין יאָר 1837 האָט זי אַרויסגעגעבן אַ ביכל אויף יידיש א״נ „תחינה לילדות וברכת המזון לברית מילה״.

דער פריער דערמאָנטער ג ע ר מ יי ז ע, האָט אין יאָר 1830 באַאַרבעט אויף נײ־יידיש אַן אַלט־יידישע אויסגאַבע פון „ראָבינזאָן קרוזע״. אַזעלכע באַאַרבעטונגען זענען אַרויס אין פאַרשידענע שטעט פון ליטע און אין דער שכנהשער וואָלין (בפרט אין סודילקאָוו). דאָס „בבא־בוך״ איז אין די יאָרן 1824-1860 דערשינען אין נייע, דאָס מאָל פּראָזע־באַאַרבעטונגען — צען מאָל. די קלאַסישע יידישע מוסר־ספרים, מעשה־ביכלעך, באַרימטע צוואות, רייזע באַשרייבונגען — זענען אויפסניי אַרויס־

נעגעבן געוואָרן אין אַ געשמאַקן, לייכטן ליטווישן יידיש. דער עלעמענט פון פאַרווייַלונג האָט אָבער גובר געווען די מוסר טענדענצן. די אגדתא האָט באַזיגט די הלכה. אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז שפּראַכלעך פאַרגליווערט געוואָרן אין מערב־אייראָפּע האָט מען אַנטדעקט אַ לעבעדיקן שטראָם, אַ וועלט, וואָס האָט שטאַרק נושא־חן געווען אין ליטע, ווען עס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער לעבעדיקער שפּראַך פון דער פאָלקס־מאַסע.

אַזאַ צאַרטע מעשה ווי „מרדכי ואסתר, איין שיין וואונדרליכי היסטאָריע פון איין חתן מיט איין כלה" האָט זינט 1828 געהאַט פערצן אויפלאַגעס. די ביבלישע דראַמע „בת יפתח הגלעדי", באַאַרבעט פון אַן אַנאָנים, לויט דער דראַמע פון מ ש ה ש מ ו א ל נ יי מ אַ ן, איז אין די יאָרן 1831־1848, דערשינען פיר מאָל. עס גייען אַרויס אומ־צאָליקע פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־פּיעסן, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, דידאַקטישע ווערק, צוואות, דער באַרימטער „גדולת משה" און אַנדערע ווערק, וואָס אַ סך פון זיי זענען אפילו ביבליאָגראַפיש נאָך נישט פאַר־צייכנט.

די יידישע ליטעראַטור אין ליטע האָט קיין מעצענאַטן נישט געהאַט. קיין „נדבן נכבד" באַשיינט נישט אַ שער־בלאַט פון אַ ווערק אויף יידיש. רשימות פון אַבאָנענטן זענען אויך נישט באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור. בדרך כלל איז דער דרוקער געווען דער פאַרלעגער און טיילמאָל אויך דער אַנאָנימער קאָמפּילאַטאָר און איבערזעצער. גראַ־פיש פאַרשעמען די העברעאישע ווערק שטאַרק דעם נעבעכדיקן אויסזען פון אַ פאָלקס־ביכל. פאַראַנען יוצאי מן הכלל, אָבער מען דאַרף זיי זוכן מיט ליכט. דאָס יידישע פאָלקס־ביכל איז טיפּאָגראַפיש געווען אַזוי אָרים, ווי אָרים איז געווען דאָס פאָלק, וואָס האָט עס געלייענט. דערפאַר אָבער האָט די דאָזיקע ליטעראַטור געהאַט אַ סך גרעסערע טיראַזשן און אָן אַן ערך מער אויפלאַגעס אין פאַרגלייך מיט אַ העברעאיש השכלה ספר. דער פאַקט גופא האָט באַוויזן ווי פּאָפּולער די דאָזיקע ליטעראַטור איז געווען.

חוץ דעם וואָס זי איז געווען אָרים, איז זי אויך בדרך כלל געווען אַנאָנים. די אויפסניי באַאַרבעטע אַלט־יידישע ווערק, וואָס האָבן על פי רוב געהאַט מחברים, זענען אָפטמאָל אַרויס אַנאָנים. די נייע מחברים

ווערן מיט קליינע אויסנאַמען זעלטן ווען דערמאָנט. אַז העברעאישע משכילים האָבן אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דער דאָזיקער פאָלק־ליטע־ראַטור, איז קיין שום ספק נישטאָ.

אַזאַ פאַרצווייגטע דרוק־פּראָדוקציע אין צוויי שפּראַכן האָט קודם כל געפאָדערט אַ באַזונדערע שמירה מצד דער צענזור. די דאָזיקע צענזור האָט געשמט מיט איר פּאָליציייאישער התמדה. משמעות, אַז מען האָט דעם שטייפן „פּריסישן" צענזאָר וואָלף טוגענטהאַלד נישט געטרויט, נישט געקוקט אויף זיין קאַמף קעגן חסידים און „פאַנאַטיקערס". אין די יאָרן 1833־1849 איז שוין געווען אַ צווייטער צענזאָר, דאָס מאָל אַ „קריסט", פאַקטיש אַ משומד. ער האָט געהייסן אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ע ל ע נ ב אָ ג ן און איז געווען אַ לערער אין ווילנער סעמינאַר פאַר גלחים. פינף יידישע דרוקערייען האָבן געאַרבעט אין ווילנע. איינע האָט געהערט צו די שותפים מ נ ח ם ב ן ר אָ ם און ש מ ח ה ז י מ ל טיפּאָגראַף די צווייטע ב ע ר נ יי מ אַ ן, די דריטע האָט געהאַט אַ ב ר ה ם י צ ח ק ב״ר ש ל ו ם ד ו אָ ר ז ש ע ץ (1835), די פערטע האָט געהערט ב נ י מ י ן ב״ר ד ו ד א ר י ה ר אָ ט ע נ ב ע ר ג (געגרינדעט 1834), און די פינפטע — ש מ ו א ל ב ל ו מ אָ ו י ט ש. פון זיי אַלע איז די ראָם־טיפּאָגראַף־דרוקעריי געווען די עלטסטע און די בעסטע.

חוץ דעם זענען געווען ווינקל־דרוקערייען און וואַנדערנדיקע מדפּי־סים, וואָס זענען אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט. וועגן זיי דערציילן טשי־קאַווע פּרטים פּוילישע שרייבער פון ליטע. זיי פלעגן איינלאַדן צו זיך אַזאַ יידן־מדפּיס, ער זאָל אָפּדרוקן פאַר זיי טאַקע אין דעם פּריצישן הויף אַ באַנד לידער אָדער דערציילונגען. דאָס זענען געווען, פאַרשטייט זיך, פּוילישע ווערק. אָבער עס זענען אויך געווען יידישע געהיימע דרו־קערייען, זייער פּרימיטיווע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן מסירות אויף די דאָזיקע דרוקערס. דער משכילישער צד האָט געמסרט, אַז מען דרוקט צופיל „פאַנאַטישע" ספרים, די דרוקערס האָבן איינער דעם צווייטן געמסרט פון קנאה, און פון וועלן אַרויסשטופּן די קאָנקורענטן. די מסי־רות האָבן געהאַט אַ פּעולה.

אין יאָר 1836 איז אַרויס אַ גזירה, אַז גאַנץ רוסלאַנד זאָל האָבן

נאָר צוויי יידישע דרוקעריי‌ען; איינע אין זשיטאָמיר און די צווייטע אין ווילנע. קודם כל האָט מען תיכף פאַרמאַכט אַלע פינף יידישע דרוקערייען אין ווילנע. בלומאַוויטש און דוואָרזשעץ זענען אַריבער אויף נישט־יידישע ביכער, על פּי רוב פּוילישע. דערווייל האָט ראָם און זיין שותף טיפּאָגראַף אָנגעהויבן זיך משתדל זיין, אז זיי זאָלן האָבן די איינציקע רעכט אויף א יידישע דרוקעריי אין ליטע. מנחם מן ראָמס זון, יוסף ראובן (געשטאָרבן 1857), האָט זיך גוט געקענט מיטן פּוילישן דרוקער און פאַרלעגער טעאָפיל גליקסבערג (א ייד) און דורך אים באקומען די דרוק־פּריווילעגיע, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן צען יאָר צייט (1837—1848). אַזוי אַרום האָט די פירמע ראָם־טיפּאָגראַף געהאַט די חזקה אויף יידישע דרוקן אין ליטע. נאָך אַן הפסקה פון פינף חדשים האָט די דרוקעריי אָנגעהויבן ענערגיש צו אַרבעטן. קודם כל האָט זי אין יאָר 1835 אַנאָנסירט די אויסגאַבע פון א ש״ס אין 35 בענד. זי האָט אַרויסגעגעבן אַן אויספירלעכן פּראָספּעקט א״נ „דברי שלום ואמת״, אונטערגעשריבן פון מנחם מן בן ברוך (געשטאָרבן 1841) און שמחה זימל בן מנחם נחום (טיפּאָגראַף, געשטאָרבן 1845). אין דעם דאָזיקן פּראָספּעקט זענען זיי מודיע, אז אבאָנענטן אויפן ש״ס קענען זיך ווייטער מעלדן און אַז חוץ דעם האָבן זיי בדעה אַרויסצוגעבן אַן „עין יעקב״, עשרים וארבע, שולחן ערוך און אַנדערע ספרים.

די מתנגדיש־לומדישע דרוק פּאָליטיק פון דער איינציקער יידישער דרוקעריי אין ליטע איז געווען א קלאַפּ פאַר דעם משכילישן מחבר. קודם כל זענען ספרים בכלל טייער געוואָרן. היות ווי איין דרוקעריי האָט נישט געקענט באַפרידיקן אפילו אויפן געביט פון רומל ספרים, האָט מען געמוזט אימפּאָרטירן סידורים, מחזורים און חומשים פון אויס־לאַנד. די משכילים האָבן געמוזט דרוקן אָדער אין וואַרשע אָדער אין אויסלאַנד. דער ווילנער מוכר־ספרים און ביבליאָגראַף בן יעקב פּלעגט אימפּאָרטירן לומדישע ספרים פון דייטשלאַנד. די ווילנער דרוקער האָבן דאָס נישט געוואָלט ליידן און זיך באַמיט פאַרווערן דעם אימפּאָרט פון ספרים. דאָס איז זיי אָבער נישט געלונגען. אד״ם הכהן האָט געשריבן, אַז מען „דאַרף שרייען געוואַלד אויף דעם גרויסן שאָדן און

אומרעכט, וואָס איז פאַרשאַפט געוואָרן דער אויפקלערונג פון יידן אין אונדזער לאַנד דורכדעם, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט נאָר איין איינ־ציקע דרוקעריי״.

דער קאַמף ארום דעם דאָזיקן ענין, וואָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע, שפּילט זיך אָבער אָפּ אביסל שפּעטער. וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

דער ליטעראַרישער אויפשטייג אין ליטע איז געקומען נאָר א דאנק דעם, ווייל עס איז געווען א ברייטע משכילישע פּעריפעריע. פאַר איר אָבער איז א בוך געווען נישט מער ווי א מיטל צו בילדונג. די אמתע השכלה האָט לויט דער אויפפאַסונג פון די משכילים געקענט קומען נאָר ווען דער יונגער דור וועט דערצויגן ווערן אין א גייסט פון „אמתער אויפקלערונג״. פאַר דעם צוועק האָט מען באַדאַרפט שאַפן א נעץ שולן פאַר יידישע קינדער, שולן וואָס זאָלן באַפרידיקןביידע אספּעקטן פון בילדונג: וועלטלעכקייט און יידישקייט. אייניקע באַמיאונגען זענען אין דעם פּרט געמאַכט געוואָרן, אָבער אָן גרויסע פּעולות. פאַר אזא אַרבעט האָט זיך געפאָדערט די מאַראַלישע שטיצע פון דער רעגירונג. דער אידע־אישער קאַמף וואָס די משכילים האָבן געפירט איז געווען נישט גענוג עפעקטיוו, ווייל זיי זענען געווען גנזעלשאַפטלעך איזאָלירט און געווען באַטראַכט ווי א כתה. די האָפענונג אויף פּאָליטישע רעכט ווי א שכר פאַר „אויפקלערונג״ איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין די רייען פון די סאַמע רעפּרעזענטאַטיווע משכילים פון יענעם דור. זיי האָבן גוט פאַר־שטאַנען די שוועריקייטן וואָס יידישע עלטערן האָבן געהאַט ביים אָפּ־געבן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן. מיט קליינע אויסנאַמען זענען יידן געווען פרום און פּאָליטיש־קאָנסערוואַטיוו. דער לאָזונג פון ספּעציעלע שולן פאַר יידישע קינדער און דער דראַנג צו רעפאָרמירן פאַר־זיכטיק און מיט טאַקט דאָס יידישע לעבן — האָט אָבער געוואונען א סך אָנהענגערס אפילו צווישן די פרומע יידן. אין אויסלאַנד האָט מען אויף די ליטווישע משכילים געקוקט מיט גרויס דרך ארץ און דערוואַרט פון זיי פּאָזיטיווע מעשים. זיי זענען געווען יידיש־נאַציאָנאַל. השכלה איז ביי זיי נישט געווען א מיטל כדי ווערן אוים יידן, נאָר א בריק וואָס זאָל פאַראייניקן יידישקייט מיט וועלטלעכקייט.

דער ניי־זשאגערער משכיל ל י ב ב ן י ו ס ף מ א נ־ד ע ל ש ט א ם (1819־1889), וואָס איז געווען דער ערשטער ייד־סטודענט אין מאָסקווע, האָט אין זיין טאָגבוך אזוי געשריבן:

„דער ווילנער ייד איז אָרים, אָבער ער פאַרמאָגט איניציאַטיוו און איז דרייסט. דער מינסקער ייד איז רייך און איינגעהאלטן. דער ווילנער ייד איז נישט אבערגלויביש און אויך נישט געבילדעט; דער מינסקער ייד האַלט זיך בלינד און פרום פאַרן תלמוד".

„ווילנע איז א וועלטלעכע שטאָט מיט אלע מאָדערנע חידושים, מינסק איז אן אלטער שלאָס פון ראַביניזם און סוחרטום".

די דאָזיקע ווערטער זענען געווען געשריבן אין יאָר 1839. דער קאמף פאר אַ יידישן שולוועזן, וואָס די ליטווישע יידן האָבן אָנגעהויבן פירן אין יאָר 1841 און די ראָלע פון ווילנע און מינסק אין דעם דאָזיקן קאמף האָט פעסטגעשטעלט די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער באמערקונג וואָס דער 20 יאָריקער משכיל־סטודענט האָט געמאכט.

## קאַפּיטל 11

# אין צייכן פון אָפיציעלער השכלה

## (1873 - 1841)

אין די צייטן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן (1825—1855) איז די פּאָ־ליטיק פון רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן געווען אינגאנצן אין גייסט פון „דעספּאָטישער אויפקלערעריי". באַאיינפלוסט פון די שריפטן פון די משכילים, האָבן די מלוכה־לייט געהאַלטן, אַז יידן דאַרף מען רעפאָר־מירן, ווייל אַליין וועלן זיי דאָס נישט טאָן. נישט איין משכילישער שרייבער האָט באַגריסט די רעקרוטשינע, ווי אַ „דערציערישע אינסטי־טוציע", געשטיצט די גזירות אויף דער יידישער הלבשה, פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון פאַרמאַכן אַלע דרוקערייען, וואָס דרוקן חסידישע בי־כער און אויך געהאַלטן, אַז וועלטלעכע בילדונג קען נאָר די רעגירונג איינפירן. די סאַמע חשובסטע משכילים האָבן נישט געגלויבט אין זייער מאָראַלישן פּרעסטיזש און געזעלשאַפטלעכער השפּעה. אין ליטע זענען די מערסטע משכילים־ליטעראַטן און אויך אַ טייל לערערס געווען אָנ־הענגער פון מלוכה־שולן פאַר יידישע קינדער. פון די פּראָמינענטע סוח־רים־משכילים נ י ס ן ר אָ ז ע נ ט אַ ל, צ ב י ה י ר ש ק ל אַ ט ש־ק אָ, צ ב י ה י ר ש ק אַ צ ע נ ע ל ב ױ ג ן זענען געווען די סאַמע הייסע שטיצער פון אַ מלוכהשן בילדונגס־פּראָגראַם.

יאַנואַר 1841 קומט צופאָרן קיין רוסלאַנד דער יונגער מינכענער ראַבינער, דר. מאַקס ליליענטאַל (1815־1882), כדי העלפן דער רעגירונג

דורכפירן איר בילדונג־פּלאַן לגבי יידן. דער פּראָיעקט איז שוין געווען אויסגעאַרבעט אין יאָר 1839, אָבער צוליב פּאָליטישע טעמים האָט מען אים געהאַלטן בסוד. דעצעמבער 1841 האָט ליליענטאַל גערעדט אין ווילנע פאַר אַן אוידיטאָריע פון 100 אויסגעקליבענע יידישע טוער און לערנערס. א טייל צוהערער האָט נישט איינגעשטימט מיט אים, וואָס דאָס האָט געמיינט — מיט דער רעגירונג. די מער ראַדיקאַלע משכילים הגם אַ מינדערהייט האָבן אָבער באַשלאָסן העלפן ליליענטאַלן. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אין יידישן שפּיטאָל אַ געהיימע אסיפה, און באַשטימט א בודזשעט פאַר די געפּלאַנטע קרוינשולן. דאָס געלט האָבן זיי געהאָפּט צו נעמען פון דער קאָראָבקע און פון די חברות: תלמוד תורה און חברה קדישא.

ליליענטאַל איז אויך געווען אין מינסק, ווו די משכילים זענען נישט געווען אזוי גוט אָרגאַניזירט און דערפאַר האָט ער דאָרטן געהאַט א דורכפאַל. די מלמדים האָבן אָרגאַניזירט א באָיקאָט, אזוי, אז ער האָט נישט געקענט קומען אפילו צום וואָרט. דאָס האָט שטאַרק אויפגעמונ־טערט די ווילנער קעגנער פון דער השכלה. זיי האָבן איצט אָנגעהויבן רעדן קעגן ליליענטאַלן, בעת ביים ערשטן באַזוך האָבן זיי בכלל געשוויגן. ווען ליליענטאַל איז געקומען דאָס צווייטע מאָל קיין ווילנע, האָט ער תיכף דערפילט די אמתע שטימונג. אים האָט שטאַרק איבערראַשט, וואָס א סך פון די וואָס האָבן זיך דעקלאַרירט פאַר „פריינד" פון השכלה בעת זיין ערשטן באַזוך, האָבן איצט צוריקגעצויגן זייערע הסכמות און אָפן אַרויסגע־טראָטן קעגן די פּלענער פון דער אָפיציעלער בילדונג. דער דאָזיקער שינוי האָט אָבער קיין שום פּעולה סיי ווי סיי נישט געקענט האָבן. דער ענין איז געווען באַשטימט פון אויבן און פאַראויס און קיין שום רעזאָלוציעס האָבן אין דעם פּרט נישט געקענט העלפן. אזוי אַרום זענען אויפגעקומען די מלוכהשע עלעמענטאַר־שולן פאַר יידישע קינדער אין ליטע.

די ערשטע וועלטלעכע שול אין ווילנע איז געווען געגרינדעט פון קלאַטשקאָ און ראָזענטאַל. ליליענטאַל האָט די דאָזיקע שול באַזוכט און איז געבליבן מיט איר זייער צופרידן. פאַרשטייט זיך, אז די חדרים און די ישיבות האָבן אין זיינע אויגן נישט נושא־חן געווען.

אין ביאַליסטאָק האָט ליליענטאַל באַזוכט א י ט ש ע ל ע

זאבלודאָווסקי, וועמענס שנור איז געווען אַ קרובה פון דעם ווילנער קלאַטשקאָ. פון אַנדערע שטעט ווי זשאַגער, קאָוונע, א.א.וו. האָט מען אים געשיקט בריוו מיט אויסדרוקן פון סימפּאַטיעס פאַר זיין שליחות. די אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן קיין שטאַרקע פּראָטעסטן מער נישט געמאַכט. נאָר די ווילנער אָרטאָדאָקסן האָבן געשיקט אַ בריוו צו ליליענטאַלס פאָטער און געבעטן באַאיינפלוסן דעם זון, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין בילדונגס מיסיע.

אין דער צייט ווען מען האָט אָנגעהויבן אין ליטע עפענען די מלוכה שולן פאַר יידישע קינדער, איז די צאָל יידישע תלמידים אין די אַלגעמיינע שולן געווען זייער אַ קליינע. אין יאָר 1841 איז אין ווילנער שול־ראַיאָן געווען סך־הכל זעקס יידישע תלמידים אין דער גימנאַזיע, צוויי אין די פּאָוויאַטאָווע שולן פאַר אדלקינדער און זעקס אין „פּריכאָדסקע" שולן, סך הכל 14 קינדער. אין גראָדנער גובערניע זענען געווען זיבן יידישע תלמידים, אין מינסקער — אכט און אין ביאַליסטאָקער שול־ראַיאָן אויך אכט (פון דעם זעקס אין דער גימנאַזיע). אין משך פון צען יאָר (1843—1853) האָט מען אין ווילנער שול־ראַיאָן געעפנט 16 מלוכה־שולן. היות ווי דער דאָזיקער ראַיאָן האָט געציילט 160,000 יידן, איז אויסגעפאַלן איין שול אויף 10,000 יידן. אין יאָר 1854 זענען שוין אָבער געווען 20 אַזעלכע שולן. אין קאָוונע איז די לאַגע געווען ערגער. אין 1853 האָט מען דאָרט געעפנט אַ שול, מיט דריי תלמידים. אין פּרוזשאַנע און אין גראָדנע האָט זיך אין די שול נישט געמאָלדן אפילו איין תלמיד. שולן האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט אוּן געזוכט... תלמידים. די פּרוזשאַנער שול האָט מען געוואָלט אפריער איבערטראָגן קיין קאָברין, אָבער די דאָרטיקע יידן האָבן זי נישט געוואָלט. דעמאָלט האָט מען זי איבערגעטראָגן קיין אָשמיאַן, ווייל די דאָרטיקע קהילה האָט גראָד געוואָלט האָבן אַ שול פאַר אָרימע קינדער. די גראָדנער שול האָט מיט דער צייט אריינבאַקומען 82 קינדער, האָט אָבער אויך לאַנג זיך נישט געהאַלטן. זי האָט זיך איבערגעטראָגן קיין מערעטש. קיין סך תלמידים האָבן די דאָזיקע שולן בכלל נישט געהאַט. די ווילנער שול, למשל, האָבן אין יאָר 1846 געהאַט סך־הכל 177 תלמידים.

די דאָזיקע שולן זענען געווען אויסגערעכנט אויף די גאָר אָרימע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. זייער עקזיסטענץ אָבער האָבן פאַרשטאַרקט יענע קרייזן, וואָס זענען געווען גרייט צו געבן זייערע קינדער אַן אַלגעמיינע בילדונג, וואָס האָבן זיך געקענט דערלויבן שיקן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע פּריוואַטע שולן, אָבער נישט געהאַט דעם מוט דאָס צו טאָן.

אין יאָר 1848 האָט אַ קריסטלעכע פרוי עקאַרט־רוטשינסקא געעפנט אין ווילנע אַ פּריוואַטע שול פאַר יידישע מיידלעך. דאָס איז געווען די ערשטע שול פאַר פאַרמעגלעכע יידישע קרייזן אָרגאַניזירט לויטן מוסטער פון די וואַרשעווער שולן. דער שכר־לימוד, הגם אַ הויכער, האָט נישט געקענט דעקן די הוצאות פון דער שול, ווייל די צאָל תלמידות איז נישט געווען גרויס גענוג. די פּוילישע דערציערין פון די יידישע מיידלעך האָט געהאָפט, אַז די מלוכה וועט איר געבן אַ סובסידיע, ווייל זי וועט זיכער נישט דערציען קיין „פאַנאַטישע יידישקעס". זי האָט זיך אָבער טועה געווען. די מלוכה האָט דאָס נישט געטאָן און די שול האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן. צוויי יאָר שפּעטער (1850) האָט אַ יידישער לערער רפאל לינדערבראַטן געעפנט אַן ענלעכע שול. דער פּראָגראַם פון די אַלגעמיינע לימודים איז געווען קאָפּירט פון דער שול פאַר די טעכטער פון דער „דוואָריאַנסטווע". מען האָט דאָרטן געלערנט צייכענען, זינגען און אפילו סאַלאָן טענץ. אויך די דאָזיקע שול האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן. פאַר אַזעלכע שולן איז אין דער יידישער ליטע קיין פּלאַץ נישט געווען.

אַ בעסערן מזל האָבן געהאַט די פּריוואַטע שולן פאַר מיידלעך, וואָס עס האָבן געעפנט משכּילישע לערערס, וואָס זענען געווען באַקאַנט ווי פּעדאַגאָגן און געהאַט ענלעכע שולן פאַר יינגלעך. דער אָפּפלוס פון יינגלעך פון זייערע שולן האָט גורם געווען, אַז זיי זאָלן זיי פאַרוואַנדלען אין שולן פאַר מיידלעך. אַזוי האָט יהודה ליב גערמייזע פאַרמאַכט זיין שול פאַר יינגלעך און געעפנט אַ נייע — פאַר מיידלעך. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער פריער שוין דערמאָנטער גיטעלס, דער מחבר פון אַ יידישן לערנביכל פאַר פראַנצויזיש און דייטש.

כדי צוציען וואָס מער קינדער אין די קרוינישע שולן האָט מען קודם כל באַדאַרפט קאָנקורירן מיטן חדר. וועגן אָפּשאַפן דעם חדר האָט קיינער אפילו נישט געטראַכט. די רעגירונג האָט געוואָלט, אַז יידן זאָלן קוקן אויף אַ קרוינישע שול ווי אויף אַ המשך פון אַ חדר. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די אָפיציעלע טערמינאָלאָגיע פאַר אַ חדר איז געווען: „פריוואַטער לערן־אַנשטאַלט״. אויף אַזאַ אופן האָט מען געוואָלט מאַכן אַן איינדרוק, אַז דער אונטערשיד באַשטייט אין דעם, וואָס דער חדר איז אַ פּריוואַטע לער־אינסטיטוציע און די קרוינישע שול — אַ מלוכהשע. אין די קרוינישע שולן האָט מען געלערנט 24 שעה אַ וואָך, פון דעם זענען 13,5 שעה אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר יידישע לימודים. די אַנדערע לימודים זענען געווען: רוסיש, רעכענען און דייטש. כדי די יידישע לימודים זאָלן געפירט ווערן אין גייסט פון דער אויפקלערונג, האָט מען קודם כל געמוזט טראַכטן וועגן באַזונדערע לערנביכער, וואָס זאָלן מיט דער צייט אַרויפגעצווונגען ווערן אויך אויף די חדרים. די דאָזיקע לערנביכער פאַרן בילדונגס־מיניסטעריום האָט פאַבריצירט דער זשאַגערער משכיל ל ע אָ ן (א ר י ה ל י ב ב ן י ו ס ף) מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם (1819־1889), דער ברודער פון בנימין, דעם מחבר פון „חזון למועד״. ווי דער „אוטשאָני יעווריי״ פון רוסישן ביל־דונגס־מיניסטעריום האָט ער באַקומען דעם „פּאַדריאַד״ פּרעפּאַרירן כלערליי קאַטעכיזיסן פון דער יידישער רעליגיע: כרעסטאָמאַטיעס מיט אויסצוגן פון רמב״ם, אַ לערנבוך פון דער רוסישער שפּראַך פאַר יידישע קינדער, אַ דיקדוק (חנוך נערים, 1849), א. א. וו.. ער האָט אויך אַרויס־געגעבן דעם תנ״ך מיט תרגומים, רש״י און מענדעלסאָנס ביאור, אַלץ מיט אַ דייטשישער איבערזעצונג. שפּעטער האָט ער אויך איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף רוסיש, געמוזט אים אָבער דרוקן אין דייטשלאַנד און געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיטן דערלויבן באַנוצן אים אין רוסלאַנד. מאַנדעלשטאַם האָט פון זיינע פּעדאַגאָגיש־ליטעראַרישע פּאַדריאַדן פאַר דער מלוכה באַקומען אַ סומע פון 10,000 רובל. כדי קענען צושטעלן אַזוי פיל ביכער, האָט ער געהאַט אַ שטאַב משכילים, וואָס האָבן פאַר אים געאַרבעט. צווישן די דאָזיקע מיטאַרבעטער זענען געווען: זיין ברו־דער ה צ ק ל מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם, ק ל מ ן ש ו ל מ אַ ן,

מרדכי פלונגיאנסקי פון פאניעוויעזש און חיים זאק פון סעריי.

מאנדעלשטאמס לערנביכער זענען שטארק קריטיקירט געוואָרן אפילו מצד די משכילים. זיי האָבן געהאט א בפירושדיקע טענדענץ, און זיך באמיט צו באווייזן, אז אין יידישע ספרים איז דאָ אַ סך „פאנאטיזם", אַפילו רמב"ם איז געווען א „פאנאטיקער", נאָר ער, מאנדעלשטאַם, האָט די דאָזיקע „שעדלעכע" שטעלן באזייטיקט. ווי א מלוכה־טשינאָווניק האָט ער געצוואונגען רבנים געבן הסכמות אויף זיינע פרעפּאַרירטע און פאַ־

לייב בן יוסף מאַנדעלשטאַם
(1889—1819)

**דער ערשטער ייד־סטודענט**
**אין רוסלאַנד**

בריצירטע ביכער. חוץ דעם פלעגט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום איינ־קויפן ווערק פון „לאָיאלע" משכילים און זיי פונאנדערגעשיקט אין די שולן, און אויך צו די מלמדים. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אז די לערערס פון די קרוינישע שולן און אַ פשיטא די מלמדים האָבן זיך מיט מאַנדעלשטאַמס „פּעדאַגאָגישע" פאַבריקאַטן נישט געוואָלט באַנוצן. די מלמדים פלעגן די דאָזיקע ביכער פאַרקויפן און פאַר דעם געלט קויפן „אַן אמתן" תנ"ך. דער גאנצער ענין האָט אויסגעזען א ביסל מאָדנע. די דייטשע איבערזעצונגען זענען אַריינגעפירט געוואָרן, כדי מען זאָל קודם כל אַרויסשטופן יידיש. מען האָט געטראכט — אז שפּעטער — וועט

שוין לייכטער זיין איבערגיין פון דייטש אויף רוסיש. אַלע אינספּעקטאָרן האָבן אָבער פעסטגעשטעלט, אַז יידיש ווערט נאָך אַלץ באַנוצט ביים לערנען אין אַלע שולן. די סתירה האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן יעדן איינעם פון די משכילים, וואָס האָבן געוואָלט, אַז די מלוכה־שפּראַך זאָל ווערן די שפּראַך פון די יידן. בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן א תקנה פאַר די מלמדים, ווי למשל, אין יאָר 1837, בנוגע דעם נייעם געזעץ פון עקזאַמינירן זיי, האָט די רעגירונג געדרוקט די דאָזיקע תקנות נישט אויף דייטש אָדער רוסיש נאָר דווקא אויף יידיש. די איראָניע פונעם גורל איז געווען, אַז די יידישע איבערזעצונגען פון די מלוכה־תקנות האָט געמוזט מאַכן דער „דייטש" דער צענזאָר וו אָ ל ף ט ו ר־ג ע נ ט ה אָ ל ד.

די עקזאַמענעס האָט מען געפּלאַנט איינצופירן אין יאָר 1849. מען האָט דאָס נאָר טיילווייז געקענט דורכפירן, און נאָר וואָס איז שייך יידישע לימודים. פון עקזאַמינירן די מלמדים אין רוסיש און דייטש האָט אפילו נישט געקענט זיין די רייד, הגם אַזאַ ווונטש איז בפירוש גע־ווען. דער גאַנצער עקזאַמען האָט אויסגעזען ווי א קאָמעדיע. אפילו די איבערגעשפּיצטע משכילים, זאָרגעוודיק געקליבן פון די מלוכה־אָרגאַנען פאַר די עקזאַמענירערס, האָבן קיין האַרץ נישט געהאַט צוצונעמען ביי א מלמד זיין שטיקל ברויט. שפּעטער האָט מען זיך באַמיט אין הסכם מיט די תקנות פאַר די חדרים, וואָס זענען אַרויס אין 1844, אַרויפלייגן אויף די אינספּעקטאָרן פון די קרוינישע יידישע שולן די אויפגאַבע צו קאָנטראָלירן דעם פּעדאַגאָגישן מצב פון חדר. דעמאָלט האָט זיך די לאַגע אַביסל פאַרבעסערט.

עס זענען געווען דריי וועגן, וואָס האָבן געקענט פירן צו יענעם אידעאַלן פּראָגראַם, וואָס די מלוכה האָט זיך געשטעלט. העכערן די קוואַ־ליפיקאַציעס פאַדערונגען פון א מלמד מיט דער הילף פון א שטרענגן עקזאַמען; „וועלטלעך" מאַכן די יידישע לימודים אין די חדרים דורך א גזירה, אַז מען מוז באַנוצן די זעלבע לערנביכער, וואָס די קרוינישע יידישע שולן באַנוצן און אַ דריטער וועג איז געווען, אַז דער חדר זאָל אַריינפירן דעם זעלבן סדר הלימוד וואָס די קרוינשולן. קיין איינע פון די דאָזיקע פּראָגראַמען איז נישט דורכגעפירט געוואָרן. האָט מען קודם כל

קיין מאָל נישט געקענט פעסטשטעלן די צאָל חדרים, אויך נישט די צאָל קינדער און דעם אופן פון לימוד. די ליטווישע משכילים האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין שטילע פארטיידיקער פון חדר און מיט קליינע אויסנאמען, עפנטלעך זעלטן אים קריטיקירט. זיי האָבן געהאלטן, אז די פראגע פון יידישע לימודים איז א ריין יידישער ענין. געוועזן צווישן זיי אזעלכע, וואָס האָבן אין דער גרויזאמער תקופה פון ניקאָלייאישן רע־זשים געהאַט דעם מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם גאַנצן מיסיאָנעריש־אויפקלערערישן פּראָגראַם פון יידישער בילדונג. זייער השכלה־פּראָגראַם האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָס זיי האָבן געהאלטן, אז יידן דארפן האָבן וועלטלעכע בילדונג. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט „פארוועלט־לעכן יידישע לימודים, — האָבן אייניקע געטענהט. מיט דעם וואָס א יידיש קינד וועט אָנשטאָט משנה לערנען מאנדעלשטאַמס קאטעכיזים פון דער יידישער רעליגיע — ווערט די אַלגעמיינע בילדונג ־פראגע נישט געלייזט. זיי האָבן געהאלטן אז רוסישע גראַמאַטיק קען גיין האנט אין האנט מיט א בלאַט גמרא. זיי האָבן דעריבער געהאלטן, אז די קרוינישע יידישע שולן דארפן זיין שולן נאָר פאר וועלטלעכע לימודים. אויף דער פראגע: צו וואָס דארף מען האָבן ספּעציעלע שולן פאר יידישע קינדער, בעת די דאָזיקע קינדער קענען דאָך באזוכן די אַנדערע שולן, האָבן זיי געענטפערט, אז יידן זענען נאָך נישט גרייט אָפּגעבן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע שולן און אז אויך יענע שולן זענען נאָך נישט רייף ארייג־נעמען יידישע קינדער. זאָל דעריבער דער חדר, אביסל א פארבעסער־טער אָדער דער פּריוואטער לערער, אויב א ייד קען זיך דאָס דערלויבן — באזאָרגן די קינדער מיטן סכום יידישן וויסן. די מלמדים גופא האָבן נישט אויסגעזעצט קעגן אלגעמיינע לימודים. זיי האָבן אָבער געהאלטן, אז זיי גופא זענען נישט בארופן צו לערנען אלגעמיינע זאכן. דערפאַר האָבן זיי גאָרנישט דער קעגן, אז די קרוינישע שולן זאָלן ווערן צוגאָב־שולן פאר וועלטלעכע לימודים און דער חדר זאָל ווייטער בלייבן דער יסוד פון יידישן חינוך.

אזא צוגאנג האָט דער רעגירונג פארשטייט זיך נישט געקענט שטאַרק געפעלן. זי האָט אין די ערשטע יאָרן פון איר בילדונגס־טעטי־קייט צווישן יידן געלייגט דעם טראָפּ נישט אזוי פיל אויף צ ו צ י ע ן

יידישע קינדער צו אַלגעמיינער בילדונג, ווי אויף אַ פּ צ ו צ י ע ן זיי פון יענעם יידישן חינוך, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר „פאַנאַטיש״. פאַר אַזאַ פּראָגראַם פון „אויפקלערונג״ האָט זיך אַפילו דער בעסטער מלמד נישט אויסגעטויגט, אַפילו ווען אַזאַ איינער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און „זוכה״ געווען ווערן אַ לערער אין אַ יידישער קרוינישער שול. איבעריקנס, קיין סך לערערס פאַר די דאָזיקע שולן האָט מען צווישן מלמדים סיי ווי סיי נישט געקענט געפינען. די בעסערע לערערס אָבער האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן מלוכה־טשינאָווניקעס, וואָס האָט, אמת, געגעבן אַ סך קאַזיאָנע חשיבות אָבער ווייניק חיונה. די פון זיי, וואָס האָבן געהאַט פריוואַטע שעהן אין די פאַרמעגלעכע יידישע היימען, האָבן פאַרדינט נישט אין אַן ערך־בעסער ווי די מלוכה־לערערס. אַנדערע, מער אַמביציעזע און ענערגישע האָבן געעפנט פריוואַטע שולן פאַר יידישע קינדער. דער איינציקער אויסוועג פון דער לאַגע האָט געקענט זיין אַ שול, וואָס זאָל אויסבילדן לערערס אין דעם גייסט, ווי די מלוכה האָט זיך געוווּנטשן.

## קאַפּיטל 12

# די ראַבינער־שול אין ווילנע און די אַלגעמיינע בילדונג־רוסיפיקאַציע

די רעגירונג האָט געהאַלטן, אַז אַן „פּראָגרעסיווע" רבנים איז בכלל נישט מעגלעך צו רעפאָרמירן דעם חינוך ביי יידן. האָט מען באַשלאָסן עפענען אַ ראַבינער־שול מיט צוויי זעלבסטשטענדיקע קורסן: איין קורס פאַר ראַבינערס און אַ צווייטער — פאַר לערערס. פאַקטיש איז די ראַבינער־שול געווען אַ לערער־סעמינאַר. געעפנט אין יאָר 1847 האָט זי געהאַט 46 תלמידים. די מערסטע פון זיי האָט די מלוכה אויסגעהאַלטן אין אַ ספּעציעלן אינטערנאַט לעבן דער שול. אין יאָר 1869 איז די צאָל תלמידים געווען 474 און אין יאָר 1872, אין דעם לעצטן יאָר פון איר עקזיסטענץ, קנאַפּע 300. סך־הכל האָבן 210 פאַרענדיקט דעם קורס פאַר לערערס און נאָר 72 — אויף ראַבינערס. בעת די קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט געהאַלטן, אַז די ראַבינער־שול איז אַ „נעסט פון תלמודיזם", האָט די יידישע פאָלקס־מאַסע געקוקט אויף אירע וויכאָוואַנקעס ווי אויף אַפּיקורסים גמורים. די תלמידים גופא האָבן זיך באַטראַכט ווי צוקונפטיקע פאַרשפּרייטער פון דעם „פּראָגרעס" אין הסכם מיט דער מלוכהשער אידעאָלאָגיע. בדרך כלל האָט קהל קיין רבנים פון דער ראַבינער־שול נישט אויסגעקליבן. די פון זיי, וואָס איז געלונגען צו קריגן אַ פּאָסטן פון אַ „קאַזיאָני ראַווין" זענען געווען פאַרהאַסט ביים פאָלק און באַטראַכט געוואָרן ווי אַגענטן פון דער מלוכה. אויך די לערערס האָבן געהאַט אַ שווע־

רע מערכה. די צאָל קרוינישע שולן איז נישט געוואקסן, אזוי, אז אַ סך לערערס האָבן נישט געהאט קיין שטעלעס און געמוזט אפילו אָנקומען צו אַן איינמאָליקער געלט־שטיצע צו דער מלוכה־קאַסע. אין אָנהייב זענען די מערסטע תלמידים געווען פון אָרימע שיכטן. שפּעטער, ווען אַ תלמיד האָט געהאט אַ פּריווילעגיע באפרייט צו ווערן פון מיליטער־דינסט, איז די שול געוואָרן פּאָפּולער צווישן דער יידישער יוגנט בכלל. אין 1856 האָט מען תלמידים פון דער ראַבינער־שול דערלויבט אָנקומען אין אוני־ווערזיטעט. אזוי אַרום זענען אַ דאַנק דער דאָזיקער שול געוואקסן די קאַדרן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד. אייניקע תלמידים האָבן אפילו נישט פאַרענדיקט דעם קורס און אַריבער גלייך אין אַ גימ־נאַזיע און שפּעטער אין אַן אוניווערזיטעט.

דער ערשטער אינספּעקטאָר פון דער ראַבינער־שול איז געווען דער שוין פריער דערמאָנטער משכיל און למדן הירש קאַצענעלענ־באָגן.

שמואל יוסף פין (1818—1890) ווי דער קרייז־אינ־ספּעקטאָר פון די יידישע קרוינישע שולן האָט אויך געהאט די אַלגעמיי־נע השגחה איבער דער ראַבינער־שול. דער גייסט פון דער שול איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער. מען האָט שטאַרק מקפיד געגעבן אויף דיני כשרות. אויף די געסט וואָס האָבן באַזוכט די ראַבינער־שול האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ רעפאָרמירטער ישיבה. צווישן די לערערס זענען געווען די חשובסטע לומדים פון ליטע. תנ״ך האָט מען געלערנט אָפיציעל אויף דייטש, פאַקטיש אָבער אויף יידיש. ערשט שפּעטער, מיטן וווקס פון רו־סיפיקאַטאָרישן קורס, האָט מען אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט רוסיש נישט נאָר ביים לערנען תנ״ך, נאָר אויך גמרא. דאָס איז געווען אין יאָר 1865. אין די יאָרן 1847—1867 האָט תנ״ך געלערנט אד״ם הכהן, אַ גרויסער מדקדק און בעל־לשון. יידישע געשיכטע האָט געלערנט שמואל יוסף פין, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט מיט די נייעסטע דערגרייכונגען פון דער „חכמת ישראל״ אין דייטשלאַנד. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעפירט די כראָנאָלאָגיזאַציע פון דער יידישער געשיכטע לויט יום טוב ליפּמאַן צונץ. דאָס איז די פרומע יידן שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אים פאַרמסרט פאַר דער שול־מאַכט. פין

האָט אָבער געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען אין די אָפיציעלע בילדונגס־קרייזן און מען האָט זיך צו די דאָזיקע טענות נישט געוואָלט צוהערן. דיקדוק האָט געלערנט דער משכיל־משורר ש ל מ ה ז ל מ ן ז א ל ק י נ ד (געשטאָרבן אין יאָר 1868). דעם לימוד פון גמרא האָט געפירט דער אַנ־טאָקאָלער רב ד ו ד ל ו ר י ע. קעגן אים האָט שוין קהל קיין טענות נישט געהאַט. ער האָט עס געגעבן דער שול דעם חותם פון אַן אמתער ישיבה.

בדרך כלל האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט זיך באַצויגן צו דער ראַבינער־שול מיט גרוים אומצוטרוי. די מעסיקע משכילים מיטן

שמואל יוסף פין
(1890—1819)

**פון די זאַמלונגען פון
יידישן וויסנשאַפטלעכן
אינסטיטוט, ניו־יאָרק**

באַרימטן ביבליאָגראַף ב ן ־ י ע ק ב בראש, האָבן געהאַט צו דער שול אַ ריין זאַכלעכע באַציאונג. נאָך אַלעמען האָט מען דאָרטן געפלאַנצט ליבע צום יידישן פאָלק און זיינע גייסטיקע עשירות, און דאָס איז פאַר דער דאָזיקער גרופּע געווען גענוג. די פאַרשפּיצטע אויפקלערערס, על פּי רוב קליינע לומדים, האָבן געהאַט אויסצוזעצן קעגן דעם קאָנסערוואַטיוון גייסט וואָס הערשט אין דער שול. די קהלס־לייט האָבן זי סאַבאָטאַזשירט, אויף וויפל דאָס איז געווען אין זייערע כוחות. מיט דער דאָזיקער אָפּאָ־זיציע האָט אָנגעפירט דער גביר און תקיף י ו ד ל אָ פּ א ט אָ ו (1797—1868), אַ פּאָפּולערע געשטאַלט אין ליטע, אַן אָביעקט פון אַ

סך פֿאָלקס־מעשיות. די קהילה האָט געהאָפֿט צו האָבן די הויפּט־דעה ביים אָנשטעלן לערערס. די רעגירונג האָט אָבער אויף דעם נישט גע־וואָלט איינגיין. די קהילה האָט אויך געהאָפֿט, אַז די תּלמידים וועט מען נישט באַפֿרייען פֿון מיליטער־דינסט און אַז דאָס וועט ברענגען צום אונ־טערגאַנג פֿון דער שול. זי האָט אַפֿילו פֿאַרגעשלאָגן קאָמפּלעטירן דעם רעקרוטן־קאָנטינגענט מיט תּלמידים פֿון דער שול. די הנחה, וואָס די ראַבינער־שול האָט באַקומען אין יאָר 1850, לויט וועלכער אַ תּלמיד פֿון דער שול איז באַפֿרייט פֿון מיליטער־דינסט, איז געווען אַ קלוג פּלאַנירטע קאָנטראַקציע מצד דער רעגירונג קעגן די כּוונות פֿון דער קהילה און אַ גרויסער געווינס פֿאַר דעם פּרעסטיזש פֿון דער שול.

דאָס איז געווען די לאַגע פֿון דער ראַבינער־שול ביזן אויפֿשטאַנד פֿון 1863. דער נייער פּאָליטישער קורס האָט אָבער אַריינגעבראַכט גרוי־סע שינויים. היות ווי די מערסטע לערערס פֿון נישט־יידישע קעגנשטאַנדן זענען געווען גראַד פּאָליאַקן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די תּלמידים רעדן צווישן זיך מער פּויליש ווי רוסיש. ל ע וו אַ נ ד אַ, למשל, האָט אַזוי גוט געקענט פּויליש, אַז די רוסישע קריטיק האָט אים פֿאָרגעוואָרפֿן אַז אין זיין רוסיש זענען פֿאַראַן אַ סך פּאָלאָניזמען. עס האָט געמוזט אויסזען זייער אויסטערליש, וואָס אויף די ווענט פֿון דער ראַבינער־שול האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן, וואָס פֿאַרווערן די תּלמידים צו רעדן פּויליש. אוודאי זענען די תּלמידים געווען זייער ווייט פֿון צו זיין פּאָלאָניזאַטאָרן. די קולטור־השפּעה פֿון פּויליש איז אין ליטע געווען זייער שטאַרק אַפֿילו צווישן די משכּילים. דער נייער קורס האָט גורם געווען דאָס באַזייטיקן פֿון אַ סך אַלטע לערערס און אָנשטעלן נייע, על פּי רוב גראַדואירטע פֿון דער ראַבינער־שול, פּאָליטיש מער פֿאַרלאָזלעכע און אויך מער פּראַק־טישע מענטשן, וואָס האָבן געקענט פּעדאַגאָגיק מיט פּאָליטיק לייכט צונויפּפּאָרן. אַזאַ איינער איז געווען אַ ש ר ז ע ל י ג וו אָ ל, אַ מחבר פֿון רוסישע לערנביכער פֿאַר יידישע קינדער. אים האָט מען אויך אַ געוויסע צייט אָנפֿאַרטרויט די צענזור פֿון יידישע ביכער. אין 1869 האָט וואָל אַרויסגעגעבן אַ רוסישע איבערזעצונג פֿון סידור. אים האָט זיך שוין געחלומט אַ רוסישע סינאַגאָגע פֿאַר „רוסן פֿון משה רבינוס אמונה" מיט מטיפֿים, וואָס זענען די שליחים־ציבור פֿון דער ראַמאַנאָוו־



# תלמוד לשון רוססיה

והוא

יסודי דקדוק השפה הזאת בדרך המחברים הגדולים החדשים

הלא המה

האדון גרעץ והאדון וואסטאקאוו.

נוסף על זה שיחות רבות בין איש לרעהו, מאמרים, ומשלים, המכרחים מאד במסחר ובדרך ארץ, מכתבי ידידות ומסחר, מכתבי בקשות, נוסחאות מועקסלען וכדומה,. מלים ע״פ א״ב, הכל מתורגם בלשון יהודית אשכנזית·

לתועלת התלמדים

מאת

שמואל יוסף בר״א פין.

**ווילנא.**

בדפוס ר׳ מנחם מן בר׳ ברוך ז״ל, והר׳ שמחה זימל בר׳ מנחם נחום ז״ל.

שנת תר״ז לפ״ק.

# ТАЛМУДЪ ЛАШОНЪ РУССІЯ

то есть

НАЧАЛЬНЫЯ ПРАВИЛА РУССКОЙ ГРАММАТИКИ

НА НѢМЕЦКО-ЕВРЕЙСКОМЪ ДІАЛЕКТѢ

въ пользу

ОБУЧАЮЩИХСЯ ОТЕЧЕСТВЕННОМУ ЯЗЫКУ

составлено

САМУИЛОМЪ ІОСИФОМЪ ФИНОМЪ

*Учителемъ Законо-Божія и Еврейскаго языка.*

**ВИЛЬНО**

Въ Типографіи Манеса Ромма и Зимеля Типографа.

1847

די ערשטע גראַמאַטיק פון רוסיש, געשריבן אויף יידיש פון שמואל יוסף פין, ווילנע, 1847.

דינאַסטיע. אד"ם הכהנס איידעם י ה ו ש ע  ש ט יי נ ב ע ר ג (1830־1908) א גוטער לעקסיקאָגראַף, שפּעטער צענזאָר, דער „אוטשאָני יעווריי" פון ג ר אַ ף  מ ו ר אוו י אָ וו, איז געוואָרן דער לערער פון תנ"ך און דיקדוק. י ה ו ד ה ־ יי ד ל  ש ע ר ע ש ע ו ו ס ק י (1804־1866) און זיין זון אליהו־ישראל — זענען אויך געוואָרן דאָרטן לערערס. דער דאָזיקער נייער לערער־פּערסאָנאַל האָט אריינגעבראַכט יענעם קאַזיאָנעם גייסט אין די מויערן פון דער ווילנער ראַבינער־שול, וואָס האָט גורם געווען די שלעכטע רעפּוטאַציע מיט וועלכער די דאָזיקע אינסטיטוציע איז אַראָפּ פון דער אַרענע און האָט פאַרשטופּט אין זכרון פון פאָלק יענע פּרוכטבאַרע, אמת יידיש־נאַציאָנאַלע תקופה פון 1847־1863, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון אד"ם הכהנס דור. די נייע תלמידים פלעגן שוין טראָגן רוסישע רובאַשקעס. אין די ווענט פון דער ראַבינער שול האָט די מעלאָדיע פון „ווניז פּאָ מאַטושקע, פּאָ וואָלגע" פאַרביטן דעם גמרא־ניגון. די תלמידים זענען געוואָרן די טרעגער פון דער אָפיציעלער רוסישער קולטור פון מאַכט, ווייל די קולטור גופא האָט נאָך קיין אייגענע מאַכט אין ליטע נישט געהאַט. מען גיט אַרויס אַ ספּעציעלן רוסישן אלף־בית פאַר יידישע קינדער. די שול ווערט דער צענטער פון דער נייער רוסיפיקאַטאָריש־פּראַקטישער בילדונגס־פּאָליטיק.

דער קוראַטאָר פון ווילנער שול־ראַיאָן, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ ליטע, האָט מיט גרויס פרייד געשריבן צו קאַטקאָווען (אין יאָר 1864), אַז „די זשידעס אין ליטע האָבן ענדלעך אָנגעהויבן רעדן רוסיש".

דער רעדאַקטאָר פון „ווילענסקי וויעסטניק", ד ע פּ ו ל ע, אַ פּראָטעקטאָר פון לעוואַנדאַן, האָט געשריבן וועגן דער ראָלע פון די ליטווישע יידן אין דער באַפעסטיקונג פון דער רוסישער קולטור אַזוי:

„ווען מיר קומען מיט דער פאָן פון רוסיפיקאַציע אין דעם מערבדיקן לאַנד (ד. ה. ליטע), האָבן מיר קיין הייסערע אָנהענגערס פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט נישט געפונען ווי די געבילדעטע יידן".

דער קולטור פראָנט אין ליטע איז געוואָרן נישט נאָר אַנטי־פּויליש, נאָר אויך אַנטי־דייטש. פאַר דעם עלטערן דור משכילים, וואָס ביי זיי זענען די באַגריפן קולטור און דייטש געווען ממש סינאָנימען, איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. דער יונגער דור האָט פאַרנומען די וויכטיקסטע

פּאָזיציעס נישט אין זכות פון זייער יידיש־וויסן, נאָר אין זכות פון דער רוסישער גראַמאַטיק. אומזיסט האָט חיים־זעליק סלאָנימ־סקי געקעמפט ווי אַ ריטער פאַר דער קולטור־העגעמאָניע פון דייטש. מען האָט זיך צו אים נישט געוואָלט צוהערן. וואָלף טוגענדהאָלד האָט מיט צער און ווייטיק זיך צוגעקוקט ווי זיינע דייטשע קולטור־שלעסער אין ליטע פאַלן זיך פונאַנדער. שילער ווערט שוין נישט מער איבערגע־זעצט אויף אַ ציכטיקן לשון־קודש מיט אַן אָפּגעהיטן משקל. נאָר דער רוסישער „באַרבאַר", דער פּסעוודאָ־קלאַסיקער כעראַסקאָוו ווערט דער מוסטער פון „פּאָעזיע".

אויך אין די קרוינישע יידישע שולן ווערט דער טראָפּ געשטעלט אויף דעם לימוד פון רוסיש. די נייע לערערס, די פרישע אינספּעקטאָרן זענען געווען איבערראַשט פון דעם נידעריקן מצב פון רוסיש־לימוד אין די דאָזיקע שולן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לערערס גופא זענען נישט געווען שוה־בשוה מיט דער רוסישער גראַמאַטיק. די מלמדים האָבן געשעפּט נחת פון דער פעסטגעשטעלטער סיטואַציע. די האָפענונג אַז פון די דאָזיקע שולן וועט מען סוף כל סוף פאַריאָגן די יידישע לימודים, און מען וועט זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירן אויף די „גויאישע" ענינים — איז נישט מקוים געוואָרן. די הערצער פון די מלמדים זענען געווען אָנגע־פילט מיט פרייד און האָפענונג.

עס זענען צו יענער צייט געווען מעגלעך צוויי לייזונגען פאַר דער דאָזיקער שול פּאָליטיק. די ערשטע איז געווען, אַז מען זאָל בכלל באַ־זייטיקן די יידישע לימודים פון די קרוינישע שולן און אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלען זיי אין רוסישע שולן פאַר יידישע קינדער. די מע־סיקע משכילים און די פרומע קרייזן האָבן זיך געווונטשן אַזאַ לייזונג. דאָס וואָלט געראַטעוועט דעם חדר. די אַנדערע משכילים האָבן געהאָפט, אַז די חדרים וועלן ווערן פעדאַגאָגיש מער מאָדערן דורך דעם וואָס דער לימוד פון העברעאיש וועט פאַרבעסערט ווערן. די פרומע האָבן געהאָפט, אַז דער חדר וועט בלייבן אומבאַרירט און די „גויאישע" לימודים וועלן די תלמידים קריגן אין די קרוינישע שולן, וואָס אין זייערע אויגן איז דאָס געווען אַ סך בעסער, איידער יידישע קינדער זאָלן גיין אין נישט־יידישע שולן.

עס האָבן זיך דערהערט דרייסטע און זייער קלאָרע דיבורים וועגן דעם ענין.

„די נישט־יידן — האָט איינער פון זיי געשריבן — האָבן בכלל קיין רעכט נישט צו קאָנטראָלירן וואָס און ווי אַזוי מען לערנט מיט יידישע קינדער יידישע ענינים. די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט איז צו זען, אַז יידן זאָלן קענען באַקומען  אַ ל ג ע מ י י נ ע  ב י ל ד ו נ ג. וואָס איז שייך  י י ד י ש ע  ב י ל ד ו נ ג,  איז דאָס אַ יידישער ענין״.

דער בילדונגס־מיניסטער האָט געהאַלטן, אַז בכלל דאַרף מען קיין באַזונדערע שולן פאַר יידישער קינדער נישט האָבן. דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז יידישע קינדער זאָלן זיצן אויף איין שול־באַנק מיט נישט־יידן. דאָס וועט זיין אַ זיכערער וועג צו אַסימילאַציע. דער זעלבער האָט אָנגעוויזן, אַז אין די דרייצן גימנאַזיעס פון ליטע מערקט זיך שוין אַ וווּקס פון דער צאָל יידישע תּלמידים.

אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע מיט די אַלגעמיינע עלעמענטאַר־שולן. דאָרטן איז אַ יידיש קינד נאָך אַלץ געווען אַ זעלטנקייט.

כדי צוציען יידישע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן האָט מען אָנגע־הויבן אויסטיילן געלט־סטיפּענדיעס. דאָס געלט האָט מען גענומען פון דעם ליכט־אָפּצאָל. אין 1863 האָט דער ווילנער שול־ראַיאָן אויסגעגעבן פאַר דעם צוועק 10.000 רובל. דער געדאַנק איז געווען, אַז אויב די צאָל יידישע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן וועט פאַרגרעסערט ווערן, וועט מען ביסלעכווייז אָפּשאַפן די קרוינישע שולן. אָבער אין צענטער פון דער שול־פּאָליטיק אין ליטע איז געשטאַנען די ראַבינער־שול. נאָר די שול — האָט מען געטענהט — קען אַרויסברענגען די אמתע מיסיאָנערן פון דער רוסישער קולטור פּאָליטיק אין ליטע, וואָס טויגן זיך אויס פאַר אַזאַ אַרבעט.

יאָרן פאַרן אויפשטאַנד פון 1863 האָט דער דעמאָלטיקער ווילנער שול־קוראַטאָר  ג ר ו ב ע ר  געשריבן, אַז די ראַבינער־שול דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן ווי אַ מלוכה־אינסטיטוציע און אַז דאָס קען דורכ־געפירט ווערן בתנאי, אַז מען וועט געבן די תּלמידים מלוכה־סטיפּענ־דיעס.

„די שול — האָט ער געשריבן — דאַרף ווערן אַ פאַרמאַכטער לערן־אַנשטאַלט, וואָס זיין אויפגאַבע איז... אָפּציען פון חסידות די פאַנאַטישע יידישע מאַסע און ברענגען זיי נענטער צו דער איצטיקער בילדונג; אָפּ־ציען די תלמידים פון תלמוד און דערנענטערן זיי צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג".

דער קאַזאַרמע־רעזשים וואָס איז טאַקע אַריינגעפירט געוואָרן אין די מויערן פון דער ראַבינער־שול האָט אָבער אַ סך אָפּגעשראָקן. אין גימ־נאַזיעס האָט געהערשט אַ סך אַ פרייערער גייסט. יידישע תלמידים זענען שוין מער נישט קיין זעלטנקייט אין גימנאַזיעס. די אָפּאָזיציע פון די פרומע קרייזן איז שטילער געוואָרן, אַפילו אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך.

אין יאָר 1864 האָט יהודה־ליב גאָרדאָן מיט גרויס פרייד געשריבן וועגן דעם פּראָגרעס וואָס ליטווישע יידן האָבן אין משך פון צוואַנציק יאָר געמאַכט אויף דעם געביט פון אַלגעמיינער בילדונג.

„איך געדענק — האָט ער געשריבן — ווען אין אַ שטעטל איז אין גימנאַזיע געווען נאָר איין יידישער תלמיד. אַזאַ בחור פלעגט זיך פשוט מוזן אַריינגנבענען אין קלאַס אַריין. אויף דער גאַס האָט מען אים קיינ־מאָל נישט געזען אין דעם מונדיר, וואָס איז געווען תמיד באַהאַלטן ביי דעם שומר פון דער גימנאַזיע. דער דאָזיקער איינציקער תלמיד פלעגט אַהין קומען אין זיין יידישער הלבשה מיט די לאַנגע פיאות אין דרויסן. דאָרט פלעגט ער זיך איבערטון, די פיאות באַהאַלטן אונטער די אויערן און זיך אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען אין גאָר אַן אַנדערן מענטש. אַזוי פלעגט מען דעמאָלט טון. אָבער היינט צו טאָג איז נישטאָ קיין שטאָט (אין לי־טע), ווו יידישע קינדער זאָלן נישט שעפּן קיין גייסטיקן געטראַנק פון אַ פרעמדן קוואַל. זיי טוען דאָס אָפן, אָן פחד, אָן מורא".

די דאָזיקע ענדערונג האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען דער אוטיליטאַריזם. אין אירע דעקלאַראַציעס האָט די מלוכה אויפגעהערט צו רעדן וועגן קאַמף מיטן „פאַנאַטיזם" און האָט מער אונטערגעשטראָכן די פּראָגראַמאַטישע נוצן, וואָס אַזאַ בילדונג וועט יידן ברענגען.

עס האָבן זיך אפילו באַוויזן צווישן רוסישע באַמטע הייסע מי־סיאָנערן פון רוסישער בילדונג צווישן יידן אין ליטע. אזא איינער איז געווען דער מלוכה־באַאמטער נ י ק אָ ל יי ו י נ אָ ג ר אַ ד אָ וו, וואָס פיגורירט אין לעוואנדאָס באַרימטן ראָמאַן „גאָריאַטשעיע ווּרעמיא״ (די הייסע צייט) אונטערן נאָמען ד ו ב אָ וו. ער איז געקומען קיין ליטע מיט דער כוונה צו מאַכן פון ליטווישע יידן „רוסן פון משה רבינוס גלויבן״. ווינאָגראַדאָוו איז געווען אַזא קאָנסעקווענטער רוסיפי־קאַטאָר, אַז ער האָט נישט געוואָלט טאָלערירן יידיש און העברעאיש. יידן, האָט ער געפּרעדיקט, דאַרפן דאַווענען אויף רוסיש און לייענען נאָר

יהודה ליב גאָרדאָן
(1892—1831)

פון די זאמלונגען פון
יידישן וויסנשאַפטלעכן
אינסטיטוט, ניו - יאָרק

רוסישע שרייבערס. אין די ביבליאָטעקן וואָס ווערן געעפנט פאַר יידן אין ווילנע, גראָדנע, מינסק, ביאַליסטאָק, אָשמיאַן, טעלש, קאָוונע און אַנדערע שטעט, ווערן מיט אַ סך זאָרג צוגעקליבן ביכער פון אַ פּאַטריאָ־טישן רוסישן כאַראַקטער. ווינאָגראַדאָוו באַקעמפט דעם געדאַנק, אַז יידן זענען אַ נאַציע. ער איז קעגן די משכילים, ווייל זיי קלאַמערן זיך צו העב־רעאיש און דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר נאַציאָנאַליזם. די משכילים האָבן געהאַלטן, אַז בילדונג מאַכט פון אַ יידן — אַ קאָסמאָפּאָליט. אזוי האָט געשריבן לעוואנדע. דער רוסישער „משכיל״ ווינאָגראַדאָוו האָט אָבער געוואָלט מאַכן פון יידן רוסישע נאַציאָנאַליסטן און נישט סתם

בירגער פון רוסלאַנד. די גרויסע האָפענונג, וואָס דער רוסישער ליבע־ראַליזם האָט אַרויסגערופן ביי יידן, איז גאָר שנעל צערונען געוואָרן. לגבי יידן אין ליטע האָט אפילו דער פּראָגרעסיווער רוס געהאַט אַן אַנדער פּראָגראַם, ווי לגבי די יידן אין דרום־רוסלאַנד. דאָ, אין ליטע, האָבן יידן באַדאַרפט אויספילן די פונקציע פון אַ רוסישן מלוכה־געטרייען קלאַס פון אינטעליגענץ און מיטלשטאַנד, בעת אין רוסלאַנד האָט מען אויף יידן אַזאַ פּאָליטישע קולטור־אויפגאַבע נישט אַרויפגעצוווּנגען.

עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס אַזעלכע טשינאָווניקעס, ווי ווינאָגראַדאָוו, האָבן זיך גאָר גיך אַנטוישט אין דעם יידישן אינטעלי־גענט אין ליטע און געוואָרן שטאַרק אַנטיסעמיטיש.

„יודאאיזם — האָט ער שפּעטער געשריבן — איז אַ פיינטלעכער כוח, נישט קיין קלענערער, ווי דער פּאָלאָניזם. אין פאַל פון אַ מלחמה איז ער גרייט צוצושטיין צו אונדזערע שונאים".

נישט ווייניקער אַנטוישט זענען געווען אויך די משכילים. אויב זיי זענען לכתחילה איינגעגאַנגען, אַז אַ „פרעמדע האַנט" זאָל זיך צורירן מיט „אַ ביטול פון אַ פּראָזאַאישן אַנאַטאָם" צום יידישן לעבן, וואָס איז אין זייערע אויגן געווען נישט מער ווי „היסטאָרישע חורבות" — לויט דער פאָרמולירונג פון לעאָן מאַנדעלשטאַם — האָבן זיי דערוואַרט פאַר דעם אַ שכר. יעדן איינעם פון זיי האָט זיך געחלומט דער גן־עדן פון פּאָליטישע בירגער רעכט.

אין יאָר 1858 האָט יהודה־ליב גאָרדאָן געשריבן, אַז די בילדונג פון ליטווישע יידן איז נישט קיין ענין פון דער מלוכה, נאָר פון יידן גופא, די צילן דאַרפן אָבער זיין די זעלבע. יידן דאַרפן אויפגעבן זייערע באַזונדערע שולן, ד. ה. דעם חדר און שיקן די קינדער אין אַלגעמיינע שולן. ער האָט געגלויבט, אַז די בשורה פון עמאַנציפּאַציע וועט גאָר אין גיכן פאַרהילכן די גאַסן פון יידישע שטעט און שטעטלעך. יידן דאַרפן זיין ראוי צו דעם און דאָס מיינט, אַז נאָר וועלטלעך וויסן קען ברענגען די געגאַרטע ישועה. קיינער איז נישט געווען קעגן יידישן חינוך. מען האָט אָבער נישט געזען אין חדר דעם יסוד פאַר אַזאַ חינוך.

דער אידעאָלאָגישער קאַמף איז, אין תוך גענומען, געווען דערפירט צו איין פּרינציפּיעלער פראַגע. אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך

זאָל מען בילדן די יידן אין ליטע און נישט וו אַ ס זאָל זיין דער סדר הלימוד. נאָר אַ הייפעלע פּאַרעקשנטע משכילים האָט זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט צו דעם פּראָגראַם פון אַן אויסשליסלעך וועלטלעך־רוסישער בילדונג. בעת די ערשטע האָבן געקענט מרוצה זיין, אַז מען זאָל לערנען דעם „יורה דעה" אויף רוסיש, האָבן די אַנדערע נישט געוואָלט אפילו הערן וועגן וועלכע עס איז יידישע לימודים אויף רוסיש.

דער יידישער מיעוט אין ליטע האָט אויף אַזאַ אופן נישט געהאַט קיין. שפּראַכן־קאַמף, נאָר אַ קאַמף פאַר אָדער קעגן יידישע לימודים אין די אַלגעמיינע שולן. דער פאַרטרעטער פון פּוילישן מיעוט, דער אָנפירער פון די פּוילישע פריצים האָט אין אַ שמועס מיטן מיניסטער גאָלאָווין געקענט פאָרמולירן אַן אייגענע שטעלונג צום ענין שפּראַך.

„די עפנטלעכע שול אין ליטע — האָט ער דערקלערט — האָט מיט איר פּאָליטיק פון באַרויבן די קינדער פון זייער מוטער־שפּראַך — נאָר איין ציל: אויסלערנען די קינדער די אָ פ י צ י ע ל ע שפּ ר אַ ך און איינפלאַנצן אין זיי געוויסע היסטאָריש־פּאָליטישע מיינונגען".

דער יידישער אינטעליגענט אין ליטע האָט אַזוי נישט געקענט רעדן. ער האָט קודם כל קיין שפּראַך נישט געהאַט. יידיש האָט ער נישט אָנער־קענט פאַר זיין לשון, העברעאיש איז אים געווען פרעמד. ער האָט העכסטנס געהאַט פאַר העברעאיש אַ היסטאָרישע פּיעטעט. דעם חילוק צווישן מ ו ט ע ר ־ ש פּ ר אַ ך און אָ פ י צ י ע ל ע שפּ ר אַ ך האָט ער נישט געקענט סובל זיין, ווי דער פּאָליאַק און שפּעטער דער ליטווינער האָט עס פאָרמולירט. ער האָט בכלל נישט געקענט משיג זיין אַזאַ ענין. עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס די פראַגע וועגן יידישער ביל־דונג איז ווייטער געבליבן אין יענע הענט, וואָס האָבן מיט דער אָפיציע־לער שול־פּאָליטיק אין ליטע קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרויסער טייל פון די וואָס האָבן אַ דאַנק די השכלה־לאָזונגען פאַרענדיקט די יידישע שולן, האָט זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פון דעם אידעאָלאָגישן פראָנט, וואָס די דאָזיקע השכלה האָט רעפּרעזענטירט.

פאַר די פרומע יידן איז דאָס געווען אַ נייער באַווייז, אַז זיי זענען געווען גערעכט מיט זייערע באַוואָרענישן קעגן דער מלוכה־שול־פּאָליטיק.

„די דיפּלאָמירטע יידן־אינטעליגענטן — האָט אַטעסטירט אַ הויכער רוסישער באַאַמטער — ווילן גאָרנישט האָבן צו טון מיט זייערע אָפּגע־שטאָנענע אמונה ברידער. זיי חברן זיך נאָר מיט געבילדעטע קריסטן".

ביי דעם דאָזיקן באַאַמטן קלינגט דאָס נישט ווי אַ פּאָרוואורף, נאָר פּאַרקערט: דאָס איז אַ לויב־וואָרט. אפילו יהודה ליב גאָרדאָן האָט שטאַרק אָראָפּגעלאָזט זיינע משכילישע פליגלען, ווען ער האָט דערזען די ערשטע פּירות פון דעם קאַזיאָנעם יידישן שול־גאָרטן.

„ביי זיי — האָט ער געשריבן אין יאָר 1870 — דריקט זיך אויס די גאַנצע בילדונג אין עסן טרפות". מ ש ה ־ ל י ב ל י ל י ע נ ב ל ו ם האָט אין זיין „חטאת נעורים" (1873) געשריבן, אַז „איידער דערציאונג וועט רעפאָרמירט ווערן, וועט דער גייסט פון שאַרלאַטאַניזם הערשן אומ־באַגרענעצט".

דער רב א ל ש וו א נ ג ע ר פון טוראָגן האָט געשריבן צו דער „חברה מפיצי השכלה", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1863, אַז יידן נויטיקן זיך אין אַן אמתער בילדונג, וואָס זאָל באַווייזן, אַז אמונה און וויסן זענען זיך נישט סותר.

די ליטווישע אָרטאָדאָקסן זענען געוואָרן זייער אַגרעסיוו. איבער־נעמענדיק פון דעם משכילישן אַרסענאַל די אַרגומענטן פון פּאָליטישער כשרות, האָבן זיי אָנגעהויבן טענהען, אַז די משכילים זענען „פאַררעטער" פון לאַנד און אַז נאָר אַ פרומער ייד קען זיין אַן אמתער און געטרייער דינער פון דער מלוכה. מיטן וווקס פון דער פּאָליטישער רעאַקציע אין רוסלאַנד זענען די אַקציעס פון די אָרטאָדאָקסן שטאַרק געשטיגן. עס איז שוין מער נישט געגאַנגען אין אָפּשאָקלען זיך פון דעם משכילישן לאַגער, נאָר אין קאָמפּראָמיטירן אים אין די אויגן פון דער רוסישער מאַכט. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף אין וועלכן קיין איינער פון די צדדים האָט נישט באַנוצט קיין ריינע אידעאישע אַרגומענטן. אין דעם טומל פון דעם קאַמף האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן דעם יסוד אויף וועלכן דער דאָזיקער פּרינציפּיעלער קאָנפליקט איז באַזירט געוואָרן. דאָס לערנען אין די קרוינישע יידישע שולן אונטער דער שוץ פון פּאָליציי־אישע אינסטאַנצן איז געוואָרן אַ געוועגלעכע דערשיינונג. די סימנים פון אידעאישער דעמאָראַליזאַציע זענען געווען אַזוי פיינלעך, אַז מען האָט

געמוזט געפינען אַן אויסגאַנג פון דער געשאַפענער לאַגע. די רוסישע רעגירונג איז נישט געווען צופרידן מיט די קרוינישע שולן, פאַרשטייט זיך, פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט, ווי אירע קעגנער זענען נישט געווען. זי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף די דאָזיקע שולן ליקווידירן. דעמאָלט וועט מען אויך קענען ליקווידירן די ראַבינער־שול אָדער פאַרוואַנדלען זי גאָר אין אַן אינסטיטוט וואָס שולט אויס לערערס. די אויפגאַבע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שיקן די קינדער אין די אַלגעמיינע שולן. דאָס וועט ממילא הייבן דעם פּרעסטיזש פון די דאָזיקע לערן־אַנשטאַלטן.

די נייע תקנות, וואָס זענען אַרויס אין יאָר 1873 פירן אַריין ראַדי־קאַלע ענדערונגען אין דער בילדונג־פּאָליטיק. עס ווערט באַשטימט, אַז אַ יידישע שול מעג געעפנט ווערן נאָר אין אַזעלכע שטעט און שטעט־לעך, ווו עס איז נישטאָ קיין אַלגעמיינע שול. אַזוי אַרום זענען פון די 100 יידישע קרוינישע שולן געבליבן קנאַפּע 30. די אַנדערע האָט מען פאַרמאַכט און אַ טייל קינדער איז אַריבער אין די אַלגעמיינע שולן. די יידישע לימודים אין די קרוינישע שולן האָט מען דערקלערט פאַר פריי־וויליקע. די ראַבינער־שול האָט מען פאַרמאַכט און געעפנט אַ לערער אינסטיטוט.

אַזוי אַרום האָט זיך פאַרענדיקט די „גאָלדענע" תקופה פון דער מלוכה־אויפקלערונג־פּאָליטיק לגבי יידן אין ליטע.

## קאַפּיטל 13

# קולטור־טעטיקייט פֿון די ליטווישע משכּילים ביז דער תּקופֿה פֿון חיבת ציון

פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע איז אָבער פֿאַראַן אַן אַנדערע ריכטונג, וואָס האָט זיך מיט די פּראַקטישע רעזולטאַטן פֿון בילדונגס־פּאָליטיק נישט גערעכנט. דאָס איז געווען די יידישע און העברעאישע השׂכּלה־ליטעראַטור. רוסישע רעאַקציאָנערן האָבן אָנגעהויבן שרייבן, אַז יידישע בילדונג איז שעדלעך. יידן וועלן אַ דאַנק בילדונג האָבן די אויבערהאַנט איבער דער נישט־יידישער באַפֿעלקערונג. די משכּילים האָבן געהאַלטן, אַז בילדונג איז נויטיק קודם כּל פֿאַר זיך גופֿא און דערפֿאַר איז יידישע בילדונג וויכטיק אפֿילו ווען עס ברענגט נישט קיין דירעקטע און פּראַקטישע נוצן, וואָס מען האָט דערוואַרט.

די דאָזיקע בילדונג איז אין איר אינהאַלט געווען אַ געמיש פֿון קולטור־אידעאַליזם און פּראַקטישקייט. העברעאיש איז אין די 60ער יאָרן פֿון 19טן י״ה געווען די קולטור־שפּראַך פֿון דעם סוחר אין ליטע. פּראָפֿעסיאָנעלע בוכהאַלטערן שרייבן פֿאַר זיי אַזעלכע ווערק, ווי „מערכת ספרי מסחר״ (1858), „מבחר החשבון״ (1866) און אַנדערע ביכער פֿון דעם מין. זיי האָבן זיך זייער גוט פֿאַרקויפֿט און אייניקע פֿון זיי זענען אפֿילו אַרויס אין עטלעכע אויפֿלאַגעס. די אַלטע האָפֿענונגען אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטאַקט מיט דער נישט־יידישער אינטעליגענץ, דער פּוילישער און דער רוסישער — זענען שנעל צערונען געוואָרן. בן־

יעקב האָט זיך באַקלאָגט, אַז די ליטווישע יידן זענען שטום און כדי קענען רעדן מוז מען קענען רוסיש און דערבײַ נישט טראַכטן וועגן פּאָ־ליטישע מאָטיווירונגען. די משכּילים האָבן אָנגעהויבן זיך לערנען העברע־איש נישט אויף דער שול־באַנק, נאָר פון לערנביכער. מען הויבט אָן פּראָדוצירן לערנביכער, ווי גראַמאַטיקעס, כרעסטאָמאַטיעס, העברעאישע געשיכטעס וועגן רוסלאַנד, בריוושטעלערס אויף רוסיש און העברעאיש. דאָס האָט אָבער די „שטומקייט" נישט באַזייטיקט. די ליטווישע משכּילים זענען נאָך אַלץ געבליבן געזעלשאַפטלעך איזאָלירט און מיטן אויסנאָם פון געשעפטלעכע שמועסן האָבן זיי מיט דער נישט־יידישער באַפעל־קערונג קיין אַלגעמיינעם לשון נישט געפונען. אין דעם פּרט איז אין פּוילן געווען אַ סך בעסער. די משכּילים האָבן נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט נישט נאָר מיט די אמתע פּראָגרעסיווע כּוחות, נאָר אפילו נישט מיטן אייגענעם פאָלק. ליליענבלום האָט ריכטיק אָנגעוויזן (אחיאסף, x, 345—360), אַז די גאַליצישע השכּלה איז געווען מיליטאַנטיש און גע־וואָלט ווירקן אויפן פאָלק, בעת די ליטווישע איז געווען אַ פלאַכע, אַ מליצהדיקע און געשוועבט איבער צייט און רוים און געווען מחוץ דעם פאָלק. דאָס וואָס איז געווען צייטיק אין איר, איז גיכער געווען צײַטווײַ־ליק, מער אוטיליטאַריש און דירעקט, איידער אידעאיש פאַרטיפט און קינסטלעריש.

אָבער אין איין פּרט איז די ליטווישע השכּלה פון יענער תּקופה געווען אָן אַ ערך וואָגיקער און קאָנסטרוקטיווער איידער די פּוילישע אָדער די גאַליצישע. אין פּוילן אָדער גאַליציע זענען געווען שרײַבער־משכּילים. אין ליטע איז געשאַפן געוואָרן אַ משכּילי־שע ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַ־טור, געבויט אויף אמתע באַדערפענישן פון דעם לייענער־עולם. דער דאָ־זיקער פּראָפעסיאָנאַליזם האָט זיך אויסגעדריקט קודם כּל אין דעם, וואָס די ליטעראַטור איז געוואָרן אַ ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונג, געהאַט פאַרלעגער, געצאָלט מחברים און פאַרגרעסערט די דרוק פּראָדוקציע פון לאַנד. בעת אין אַנדערע לענדער איז עטלעכע אויפלאַגעס פון אַ משכּילישן ווערק געווען אַ זעלטנקייט — איז דאָס אין ליטע געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. מען קען נישט פעסטשטעלן אויף וויפל די דאָזיקע גרויסע

בוך־פראָדוקציע האָט באַפרידיקט דעם היימישן קאָנסומענט און ווי גרויס עס איז געווען דער עקספּאָרט אין אַנדערע פּראָווינצן. בכל אופן, דער פאַקט גופא, וואָס אַ סך ליטווישע מחברים זענען מחוץ די גרענעצן פון ליטע געווען ווינציק באַקאַנט, באַווייזט אַז דער ליטווישער מחבר־משכיל האָט געהאַט זיינע לייענער ביי זיך אין דער היים. בעת בן־יעקב האָט אין יאָר 1863 אַפּעלירט צו די משכילים אין פּוילן, אַז זיי זאָלן זיך אַבאָנירן אויף זיין ביבליאָטעק פון קלאַסישע העברעאישע ווערק, איז דער אָפּרוף אין פּוילן געווען זייער אַ קליינער.

דער הויפּט־שטריך פון דער השכלה ליטעראַטור פון יענער תקופה איז איר קאָנסערוואַטיוויקייט. רבנים האָבן געגעבן הסכמות אויף ספרים פון ליטווישע משכילים, ווייל זיי האָבן אין זיי קיין אפּיקורסות נישט גע־פונען. אין דער דאָזיקער ליטעראַטור האָט זיך קיינער נישט געבונטעוועט און נישט געוואָלט מרעיש עולם זיין. מען האָט געוואָלט באַקענען דעם העברעאישן לייענער מיטן אייגענעם עבר און ברענגען אים אין דעם לשון פון תנ״ך די וועלט־ליטעראַטור אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דער קולטור פּאַרטיקולאַריזם און דער פּראָווינציעלער געשמאַק פון דעם ליטווישן מחבר האָט עס דערלויבט. פאַר אַ נייעם שרייבער איז אין ליטע געווען לייכטער צו געפינען באַלעבאַטים־מעצענאַטן, ווי אין גאַליציע אָדער פּוילן. צ ב י ־ ה י ר ש  ק ל אַ ט ש ק אָ, למשל, האָט אין יאָר 1853 סובסידירט די אויסגאַבע פון אברהם מאַפּוס „אהבת ציון״. אין די יאָרן 1847—1844 איז מאַפּו געווען פּריוואַטער לערער ביים ווילנער גביר י ו ד ל אָ פּ אַ ט אָ ו. ק ל מ ן  ש ו ל מ אַ ן איז געווען לערער ביים גביר י אַ ג י כ ע ס און אפילו געהאָלפן זיין בר־מצווה יינגל אָנשרייבן אַ שיר לכבוד זיין מאַמען. ליטווישע באַלעבאַטים האָבן אויפגענומען יידישע מחברים וואָס פלעגן קומען זאַמלען אַבאָנענטן פאַר זייערע ווערק, מיט אַ סך מער וואַרעמקייט ווי יידן אין פּוילן, וואָלין און אוקראַינע. אין דעם פּרט קען מען זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף די מבינות פון א ב ר ה ם  ב ע ר  ג אָ ט ל אָ ב ע ר, וואָס האָט געהאַט אַ סך דערפאַרונג ביים קלייבן אַבאָנענטן אין ליטע אין די יאָרן 1853 און 1873. קאָוונע, וויל־קאָמיר, שאַוולי, ביאַליסטאָק, ניי־זשאַגער און ראַסיין — דאָס זענען גע־ווען גאַסטפריינטלעכע פּונקטן פאַר אַ משכילישן מחבר. גאָטלאָבערן איז

זייער געפעלן געוואָרן דער באַהעמישער גייסט וואָס האָט געהערשט ביי די ווילנער משכילים. מען קושט זיך, מען שמועסט זיך דורך האַרציק און מען טרייבט רכילות. אַזעלכע אסיפות פלעגן פאָרקומען אין פּריוואַטע הייזער. די מער „דעמאָקראַטישע" שרייבער ווי דיק און זיינע חברים פלעגן זיך טרעפן ביים משכיל מ י נ ד ע ל ז אָ ן.

„נעכטן ביי דער נאַכט — שרייבט ד י ק צו יעקב קאַצענעלנזאָנען (1843) האָבן מיר זיך משמח געווען ביי מינדעלסאָן. מיר האָבן געטרונקען אַ סך וויין, פּונש, פּאָרטער, אימפּראָוויזירט אין הומאָריסטישן טאָן גראַמען און דרשות".


אברהם מאַפו

דער למדן צ ב י ה י ר ש ק אַ צ ע נ ע ל ב ו י ג ן שרייבט צו זיין איידעם, אין יאָר 1845, ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט מיט אַ חברה משכילישע ליטעראַטן.

„דאָ געפינט זיך ביי אונדז איצט דער באַס פון שטעטל קאָרעץ. ער האָט אַ סך נייע המצאות און שטיק מיט שיינע ניגונים. באַזונדערס פיין איז די המצאה, ווי ר׳ יעקיל דער בדחן שטייט אויף אַ בענקל אין אַ גרויסן, ברייטן און טיפן קאַפּעליוש און זאָגט יידישע גראַמען ביים אויסרופן די דרשה־געשאַנק, און ער איז אַ זאַאיקע, און די קאָמפּאַניע קלעזמער העלפט אים אונטער. מען בלייבט אָן כוחות לאַכנדיק. און דערביי רינט ביי אים פון דער נאָז און יעדעס מאָל ווישט ער אָפּ מיטן עלנבויגן אָדער מיטן קאַפּעליוש".

מיט אַזעלכע פּרימיטיווע היסטריאָנישע שטיק האָט מען זיך משמח געווען אין די לומדישע קרייזן משכילים.

דער משכילישער אינטעליגענט האָט ליב געהאַט מוזיק, נגינה און געטראַכט וועגן פּוצן זיך. די יונגע משכילים פלעגן זיך קליידן לויט דער לעצטער מאָדע, געדרויכערט ליולקעס און אַרומגערעדט פּאָליטישע נייעס און דערבײַ אַ סך געטרונקען.

„פּאַריקן שבת — דערציילט מרדכי אהרן גינצבורג אין אַ בריוו (1843), איז ביי מיר געווען אַ געבוירנטאָג־שמחה. עס זענען געקומען די זעלבע געסט, וואָס פאַר אַ יאָרן. קופּער מיט זיין כאָר און בער נאַטאַנזאָן מיט זיינע פינף קלעזמאָרים. האָט איינער געוואָלט



אברהם בער גאָטלאָבער
(1899—1811)

**לויט אַ בילד אין דער ביבליאָטעק „עץ חיים" אין אַמסטערדאַם**

(רעפּראָדוצירט צום ערשטן מאָל)

דעם צווייטן איבעריאָגן. מען האָט באַזיסט דעם יום־טוב מיט געזאַנג און שפּיל. בראש פון אַלעמען איז געווען דער באַקאַנטער זינגער־חזן יואל־דוד [„דער ווילנער באַלעבעסל"], וואָס האָט פאַרווײַלט די געסט ביז פיר אַזייגער אין דער פרי, מיט געזאַנג און שפּילן אויפן פידל".

דער „באָהעמישער" גייסט האָט אָבער נישט געשטערט. די משכילים־שרייבער האָבן אין זינען תכלית. מען האָט אַרומגערעדט ליטעראַרישע ענינים און געזוכט אויסצונוצן אַקטועלע געשעענישן פאַר דירעקטע ליטעראַרישע אַרבעטן.

אַזאַ געשעעניש איז געווען משה מאָנטעפיאָרעס באַזוך אין ווילנע, אין אַפּריל 1846. צווישן די פרומע לומדים און די משכילים־שרייבער איז מיטאַמאָל געוואָרן שלום־בית. ביידע צדדים זענען געווען פאַר־טראָטן אין דעם קבלת־פּנים קאָמיטעט לכבוד דעם חשובן גאַסט. ווען עס איז אָבער געקומען צו בעטן פערזענלעכע טובות פון מאָנטעפיאָרען, האָט יעדער צד געפירט אייגענע פּאָליטיק. קאַצענעלבויגן איז שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, וואָס מרדכי אהרן גינצבורג פאַרלויבט פאַרן גאַסט דעם גביר־משכיל ראָזענטאַל. ער האָט אים חושד געווען, אַז דער דאָזיקער רייכער משכיל ראָזענטאַל האָט אים באַצאָלט פאַר די שבחים און דער־פאַר האָט יענער געשריבן אַ „קלאָרן ליגן״.

משה מאָנטעפיאָרע איז איינגעשטאַנען אין דער פּריוואַטער דירה פון רייכן באַלעבאָס יצחק אריה זעטיל (אויף רודניצקי עק ברייטע גאַס).

אייזיק מאיר דיק האָט בעת מעשה געטראַכט, אַז דער דאָזיקער באַ־זוך איז אַ פיינע טעמע פאַר אַ ליטעראַרישן רעפּאָרטאַזש.

„ר׳ אייזיק מאיר דיק — שרייבט צבי הירש קאַצענעלבויגן אין אַ בריוו צו זיין איידעם — מאַכט איצט אַ גענויע באשרייבונג פון דער גאַנצער אָנגעלעגנהייט. דאָס וועט האַלטן עטלעכע בויגן. דאָרטן וועסטו זען די אַלע וווּנדערלעכע זאַכן״.

צוליב צענזור־טעמים האָבן די „וווּנדערלעכע זאַכן״ דערזען די ליכ־טיקע שיין אַ סך שפּעטער. די אייגענע מענטשן האָבן אָבער געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען דיקס באשרייבונג פון די געציילטע קאָפּיעס, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט. עפּעס ענלעכעס פלעגט מען טון מיט פּריוואַטע בריוו. פּאָליטישע און ליטעראַרישע ידיעות פון אזעלכע בריוו פלעגט מען פאַרשפּרייטן אין האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס.

דער שלום־בית צווישן שרייבער האָט אויך געהאַט אַנדערע כוונות. מען האָט געוווּסט, אַז דער „שר הגדול״ פון לאָנדאָן וועט טיילן גאָל־דענע אימפּעריאַלן. האָט מען געוואָלט פאַרביינגן די אידעאישע חילוקי־דעות אויף דערווייל. מ ר ד כ י א ה ר ן ג י נ צ ב ו ר ג האָט געקריגן 5 האַלב־אימפּעריאַלן, ש מ ו א ל י ו ס ף פ י ן — דאָס זעלבע, א ב ר ה ם ק אַ צ ע נ ע ל ב ו י ג ן — פיר, ש מ ו א ל ז אַ ל ק י נ ד — דריי, דער בעל „מדרש תנאים״ א יי נ ה אָ ר ן —

צוויי אא״וו. די משכילים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די כלי־קודש האָבן באַקומען מער פון זיי. זיי האָבן געמיינט, אַז אַזאַ „אויפגעקלערטער״ ייד, ווי מאַנטעפיאָרע איז זיכער אַ משכיל אָדער לכל הפחות אַ פריינט פון דער השכלה. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די פאַרטיילונג האָט געמאַכט זיין סעקרעטאַר ד״ר ל ע וו ע, וואָס האָט פון די משכילים נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן. פאַר דער ישיבה האָט מאַנטעפיאָרע מנדב געווען 535 רובל און פאַר ג ע ר מ יי ז ע ס פריוואַטע שול סך־הכל 50 רובל. דער קריסטלעכער צדקה־געזעלשאַפט האָט ער געגעבן 1.000 רובל, בעת פאַרן יידישן שפּיטאָל האָט ער איַנגאַנצן איבערגעלאָזט 200 רובל. אין דער דאָזיקער פאַרטיילונג האָט געשטעקט „הויכע פּאָליטיק״, וואָס לויט לעוועס מיינונג קען מען מיט „לומדישן אָדער משכילישן שכל נישט משיג זיין״.

דער פּרעסטיזש פון די משכילישע שרייבער איז דורך דער דאָזי־קער פאַרטיילונג פאַרט געשטיגן, ווייל די לומדישע מחברים האָבן באַ־קומען אַ סך ווייניקער.

עטלעכע חדשים נאָך מאַנטעפיאָרעס באַזוך איז מרדכי אהרן גינצבורג געשטאָרבן. און די עלף יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין ווילנע איז ער אַנערקענט געוואָרן פאַרן רעפּרעזענטאַנט פון דער נייער העברע־אישער ליטעראַטור. זיין טויט איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר די משכי־לים און האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער אפילו אין יענע קרייזן, וואָס זענען געווען ווייט פון השכלה. די גרויסע צאָל טרויער שירים, הספדים און אַרטיקלען האָבן פעסטגעשטעלט גינצבורגס פּאָפּולערקייט. אַרום אים האָט זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע שרייבערישע חברותא. ער האָט פאַר־בונדן ערנסטקייט מיט אַ באַהעמישן גייסט — אַ זיווג, וואָס איז געווען ביי אונז געוואָגט אין דער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע פון ירושלים דליטא.

די משכילים האָבן זיך געגרייט צו אַ לוויה, וואָס זאָל זיין אַ דעמ־אָנסטראַציע פון דער ליטעראַרישער השכלה. דער שטאָט־מגיד, ר׳ וועלוועלע, וואָס האָט צוגעזאָגט האַלטן אַ פּאַסיקן הספד, האָט די משכי־לים ממש פאַרראַטן. ער האָט דעם נפטר שטאַרק געטאַדלט. די נישט געהאַלטענע הספדים און קלאָג־לידער פון די משכילים זענען תיכף אָפּגע־

דרוקט געוואָרן, כדי אָפּצושוואַכן דעם שלעכטן איינדרוק פון דעם מגידם הספד. צוליב דעם דאָזיקן סקאַנדאַל האָבן די משכילים באַשלאָסן זיך אָפּטיילן פון דער שטאָטישער שול און שאַפן אַן אייגענעם מנין, וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק אַ מין בית־וועד למשכילים. די פּריוואַטע „סאַלאָנען" זענען שוין אויסגעוועפּט געוואָרן. אָן גינצבורגן האָט מען זיך נישט פאָרגעשטעלט אַזעלכע היימישע סעודות מיט ליטעראַטור, ווײַן און דעם „ווילנער באַלעבעסל" נגינה. אַזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרן דער „טהרת הקודש", אַ שול פאַר דאַוונען און אַ קלוב פאַר וויכוחים. אין דער געשיכטע פון דער השכלה האָט דער „טהרת הקודש" געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דאָרטן האָט אד"ם הכהן געגלאַנצט מיט זיינע דרשות, פול מיט חריפות, לומדות און פּרעכטיקער רעדנערישער קראַפט. אַלע זענען גע־לאָפן אים הערן. אפילו פּוילישע שרייבער דערמאָנען זיינע דרשות. לעוואַנדא שרייבט אַז אד"ם הכהן איז געווען אַ גרויסער מטיף. קיין פירנדיקע פּערזענלעכקייט איז אָבער אד"ם הכהן נישט געווען. אויף די סעודות האָט מען אים זעלטן געזען. ער האָט געלעבט ווי אַ פּרוש, גע־גאַנגען געקליידט נישט ווי די „מאָדימס", די משכילים, נאָר ווי אַלע פרומע יידן.

די „קרוין" פון דער השכלה־ליטעראַטור, וואָס איז אים ווי אַ פּאָעט זיכער געקומען, איז גראָד אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם קאָפּ פון ק ל מ ן ש ו ל מ א ן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ תלמיד פון מרדכי אהרן גינצבורג און ממילא איז ער געווען דער „יורש עצר".

געקומען איז שולמאַן קיין ווילנע אין יאָר 1843. ער איז דעמאָלט אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר. 56 יאָר פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין ווילנע, וווּ ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין יאָר 1899. מיטן אויסנאַם פון פיר טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג אין יאָר 1867, איינגעלאַדן פון באַראָן יוזל גינצבורג, איז ער כמעט פון ווילנע נישט אַרויסגעפאָרן. ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם איבער 28 ווערק, אייניקע פון זיי אין אַ סך בענד. אין פּרט פון חוש פאַר אַקטועלע ענינים און נוצלעכע ווערק פאַר בילדונג און אינ־פאָרמאַציע איז ער געווען אַ ליטעראַט, וואָס שרייבט פּאָפּולער וויסנ־שאַפטלעכע ווערק. מען געפינט ביי אים איבערזעצונגען פון לידער, היס־

טאָרישע דערציילונגען, קאָמפּילאַציעס פון וועלט־געשיכטעס, באַאַרבע־טונגען פון פּלאַוויוס, פון גרעצעס געשיכטע (נאָר די ערשטע טיילן) —, מיט איין וואָרט אַלע זשאַנרען פון פּאָפּולערער און וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. אַלע ווערק זיינע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און געשאַפן אַ נייעם לייענער. זיין איבערזעצונג פון דעם „אייביקן ייד", דעם סאָציאַלן ראָמאַן פון דעם פראַנצויז אויזשען סיו (1858) האָט זיך אין אַ קורצער צייט פאַרקויפט אין 2000 עקזעמפּלאַרן. זיין מאָנומענטאַלע קאָמפּילאַציע פון געאָרג וועבערס „וועלט־געשיכטע" („דברי ימי עולם") וואָס איז אין

קלמן ב"ר ירוחם פישל שולמאַן
(1899—1821)

פון די זאַמלונגען פון
יידישן וויסנשאַפטלעכן
אינסטיטוט; ניו־יאָרק.

די יאָרן 1867—1884 דערשינען אין ניין בענד האָט געהאַט עטלעכע אויפלאַגעס. די טיילן וואָס זענען שייך יידישער געשיכטע האָט שולמאַן אַליין באַאַרבעט לויט די בעסטע קוועלן. אין זיין צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע איז ער געווען זייער קאָנסערוואַטיוו און געשטאַנען אויף די יסודות פון דער מסורה. דאָס האָט גרעצן נישט צופרידנגעשטעלט און ער האָט דעריבער אים פאַרוואָרט ווייטער איבערזעצן זיין יידישע געשיכטע.

ווי אַ פּרעכטיקער סטיליסט האָט שולמאַן נישט נאָר באַרייכערט שפּראַכלעך די העברעאישע ליטעראַטור, נאָר אויך טעמאַטיש. ער האָט

זי שטאַרק פאַרוועלטלעכט און אין דער זעלבער צייט פאַרטיפט איר נאַ־
ציאָנאַלן אינהאַלט. זיינע ווערק וועגן ארץ־ישראל, וועגן די „מלחמות
היהודים״, זיין איבערזעצונג פון דעם דייטשישן ראָמאַן וועגן בר־כוכבא
(הריסות ביתר, 1858), האָבן געוועקט דעם נאַציאָנאַלן געפיל פון דעם
העברעאישן לייענער אין ליטע. ער, וואָס האָט געזען דעם אויפקום פון
חיבת־ציון און די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, האָט גע־
האַלטן מיט רעכט, אַז מיט זיין לעבן און מיט זיין שרייבן האָט ער אַ
סך בייגעשטייערט פאַר דעם דאָזיקן רענעסאַנס. אחד־העם דערציילט
אין זיינע זכרונות, אַז די ערשטע ידיעות וועגן יידישער געשיכטע, האָט
ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דווקא שולמאַנס ווערק. אַ גאַנצער דור האָט זיך
געשפּייזט מיט די ווערק פון דעם דאָזיקן פּראָדוקטיוון העברעאישן ליטע־
ראַט. די „חברה מפיצי השכלה״ האָט אים געשטיצט און אַפילו באַ־
שטעלט ביי אים אייניקע ווערק. אַפילו דער פּאַריזער „אַליאַנס איזראַ־
עליט״ פלעגט ביי אים קויפן זיינע ווערק און זיי פונאַנדערשיקן צו די
העברעאישע לערערס פון אירע שולן אין אַזיע און אַפריקע. חוץ דעם
האָט די ראָם־דרוקעריי אין ווילנע געדרוקט אין איר אייגענעם פאַרלאַג
אַ סך ווערק זיינע.

ק ל מ ן  ש ו ל מ אַ ן איז געווען אַ הייסער העברעאיסט. פון
יידיש האָט ער נישט געוואָלט הערן. ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס
מענדעלע שרייבט יידיש, הגם ער גופא האָט אויך קיין אַנדער לשון ווי
יידיש נישט גערעדט. זיין שטוב אויף קליין סטעפאַן גאַס אין קיסינס
הויז איז געווען אַ מין בית־וועד לסופרים און ווי עס דערציילן אַ סך
בעלי־זכרונות, איז ער געווען זייער אַ טשיקאַווער און לעבעדיקער ייד.
געפירט האָט ער זיך ווי אַ תלמיד־חכם, וואָס שטרייכט אונטער ביי יע־
דער געלעגנהייט, אַז ער האָט פיינט עם־הארצים.

דער געדאַנק — פאַרבינדן די העברעאישע ליטעראַטור מיט דער וועלט
— איז אין דער ליטווישער השכלה־ליטעראַטור געווען זייער בולט. זייענ־
דיק אין דער זעלבער צייט ווייט פון מיליטאַנטישקייט, האָט זי אָבער נישט
געוואָלט זיין קיין פּראָווינציעלע, פאַרקלייזטע ליטעראַטור. אַזוי, למשל, האָט
י ו א ל  ב ע ר  ה כ ה ן פון וואָלאָזשין (1816־1871) איבערגעזעצט דאָס
קלאַסישע ווערק פון דעם פראַנצויז פענעלאָן „די אַוואַנטיורן פון טע־

לעמאק" (כבוד מלכים, 1851—1853), אין דער זעלבער צייט געשריבן א פירוש צום „ילקוט שמעוני" און האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג אייגענע משלים (חיי אסף 1858), צו וועלכער ער האָט צוגעגעבן אַ ביאָגראַפיע פון דעם גריכישן משלים־שרייבער עזאָפּ. דער סוחר י צ ח ק ב ן מ א י ר ג אָ ל ד מ אַ ן (1839—1905) באַזעצט זיך אין יאָר 1861 אין ווילנע און אין נוסח פון קלמן שולמאן שרייבט ער וועגן דער שפּאַ־נישער אינקוויזיציע, וועגן שיבת ציון און אנדערע ווערק. אַזעלכע ליט־ווישע מחברים, וואָס על פּי רוב זענען זיי געווען סוחרים, בוכהאַלטערן, לערערס, קאָרעקטאָרן אין די יידישע דרוקערייען איז אין ליטע געווען א סך. כמעט יעדע שטאָט און שטעטל האָט געהאַט אַזעלכע פּראָדוצענטן פון געדרוקטן וואָרט. דאָס וואָס נישט אַלע האָבן זוכה געווען אַריינצוגיין אין היכל פון ליטעראַטור, איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. געווען זענען צווישן זיי עפּיגאָנען פון פאַרשידענע שולן, לומדישע קאָמפּילאַטאָרס, וועלט־פאַרבעסערערס, אַפּאָלאָגעטישע ביאָגראַפן פון יידן־גבירים, פון יידישע שרים, ווי אַ מאָנטעפיאָרע, אַ ראָטשילד. די ערשטע מוסטערן פון סאָציאַלן רעפאָרטאַזש, אומבאַהאָלפן געשריבן, באַווייזן זיך גראָד אין ליטע. אויפן דאָזיקן ווילד־גראָז פון געדרוקטער פּראָדוקציע האָבן זיך אָבער אויך באַוויזן פרישע, שיינע בלומען. אַ געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל אויף דעם דאָזיקן נישט־קאָאָרדינירטן ליטעראַרישן יריד האָט שוין גע־פאָדערט דער שטורעמדיקער, טאַלאַנטפולער, הגם זייער איינזייטיקער, אורי־צבי קאָוונער (1842—1909) און טיילווייז אויך אברהם יעקב פּאַ־פּערנאַ (1840—1915).

פּאַראַלעל מיט דער ליטעראַטור בליט זיך פונאַנדער די לומדישע וויסנשאַפט. אַזעלכע ווערק פון ש מ ו א ל י ו ס ף פ י ן, פון ה ל ל נ ח ש ט יי נ ש נ יי ד ע ר (1829—1903), וואָס איז ווי א היסטאָריקער זייער פּרימיטיוו אָבער א גוואַלדיקער בקי אין הלכות יחסי משפחות, פון מתתיהו שטראַשון (1817—1886) פון י ש ע י ה ב ן י ה ו ד ה ל י ב ה ל ו י א ש כ נ ז י, (1772—1848) און צענ־דליקער אנדערע, זענען געווען דער פונדאַמענט אויף וועלכן נישט איין מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג האָט זיך שפּעטער געמוזט אָנשפּאַרן. דער ביבליאָגראַף בן־יעקב (1801—1862) האָט געמאַכט א פאַרזוך צו

שאפן א פארלאג כדי ארויסצוגעבן איבערגעדרוקטע ווערק פון די קלאַ־סיקער פון דער אלטער העברעאישער ליטעראטור. אין יאָר 1861 האָט ער ארויסגעגעבן אַ קול־קורא, וואָס איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן פון די ליטווישע משכילים. אין א קורצער צייט האָט ער שוין געהאט 1000 אבאָנענטן, על פי רוב טאקע אין ליטע.

אַרום דער ווילנער חברה קדישא איז געווען אַ באַזונדערער לומדישער קרייז. איר סעקרעטאר איז געווען יהודה בעה״ק (1820־1900), באקאנט ווי דער ווילנער בעל־הקברות. אַ געוויסע צייט איז ער געווען לערער פון תלמוד אין דער ראבינער־שול.

אַפילו די לומדים און פרומע יידן האָבן אין זייער קאַמף קעגן דער השכלה איבערגענומען נישט נאָר דעם לשון פון די משכילים, נאָר טייל־מאָל אויך זייערע מעטאָדן. די „חברת מזדקי הרבים", אָנגעפירט פון דעם ווילנער אברהם בער צייטלין, האָט געפירט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ מיט די גרעסטע רבנים. אין 1870 האָט זי אָרגאַניזירט אַן אסיפה פון רבנים אין קאָוונע. אין זייער קאַמף קעגן די משכילישע שרייבער האָבן זיי געשריבן, אז אַ דאנק מאפּוס ראָמאַנען בליען אין ליטע... שאנד־הייזער. דער דאָזיקער קולטור־קאַמף,אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט משה לייב ליליענבלום, יהודה־ליב גאָרדאָן און אַנדערע מיליטאַנטישע פאַרטרעטער פון דער השכלה, האָט סוף כל סוף ארויסגעבראַכט אַ סך קערנדיקע און פּאָזיטיווע געדאַנקען.

מיכל יוסף פּינעס (1842—1912) האָט דעמאָלט פּאָר־מולירט, אז עס איז בכלל נישט נויטיק אַ רעפאָרמע פון דער רעליגיע, נאָר אַ רעפאָרמע פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן. (לא תיקונים בדת, כי אים תיקונים באומה: „הכרמל", VIII 83). מען קען קינסטלעך נישט רעפאָרמירן דאָס רעליגיעזע לעבן, ווי די משכילים ווילן דאָס האָבן. ער האָט אָנגעוויזן אויף די נאַציאָנאַל־עמאַציאַנעלע ראָלע פון דער יידישער אמונה, אגב אַ געדאַנק זיכער אינספּירירט פון קלמן שולמאַנס חיבורים. יענער דור פון משכילישע שרייבער האָט געשעצט דאָס נאַציאָנאַלע אין דער רעליגיע, ממילא איז ער נישט געווען אזוי ראַציאָנאַליסטיש איינגע־שטעלט, ווי דער דור משכילים פון מרדכי אהרן גינצבורגס צייט.

אויך פאַר דער קולטור־ראָלע פון דעם יידישן לשון האָט יענער דור

געהאט מער פארשטענדעניש און ממילא ווייניקער ביטול. ק אַ ו נ ע ר וואָס טרעט אַרויס זייער שאַרף קעגן דער דעמאָלטדיקער העברעאישער ליטעראַטור, האָט געהאַלטן, אַז יידיש איז מער מסוגל צו ווערן אַ „קאַ־רידאָר, דורך וועלכן יידן וועלן דאַרפן אַריינגיין אין דעם היכל פון די הויכע שפּראַכן" („צרור פרחים", 95). די משכילים, וואָס האָבן געשריבן יידיש זענען געווען נאָך אַזוי שטאַרק אונטער דער העגעמאָניע פון דעם פּאַראורטייל קעגן דער דאָזיקער שפּראַך, אַז אָפטמאָל האָבן זיי זייערע שריפטן אַרויסגעגעבן אַנאָנים. אַזוי, למשל, איז אין יאָר 1864 דערשינען אַ יידיש ביכל מיט אַ העברעאישן טיטל א"נ דברי חכמים. ספורי חכמי יון או דברי חכמים (120 זייט). די הקדמה צו דעם דאָזיקן בוך האָט אַ באַדייטנדיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט. דער מחבר אָדער איבערזעצער פון דעם ווערק האָט אָבער זיין נאָמען נישט געוואָלט אָנגעבן. אַזעלכע משכילישע מחברים אויף יידיש זענען געווען אַ סך. דעם סוד פון מחבר־שאַפט האָבן משמעות געוווסט נאָר מדפיסים, וואָס האָבן ביי זיי די דאָזיקע חיבורים באַשטעלט.

מיכל גאָרדאָן (1823—1890), וואָס האָט אויך געשריבן העברעאיש, האָט זיינע יידישע שירים לכתחילה פאַרגעלייענט פאַר אַ קרייז פון משכילים. יהושע שטיינבערג, וואָס האָט הנאה געהאַט פון זיינע לידער, האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס גאָרדאָן איז אַזוי „געפאַלן", אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש. ער האָט אים געגעבן אַן עצה זיי נישט צו דרוקן. גראָד זיין שוואָגער, יהודה־ליב גאָרדאָן, האָט אים צוגעגעבן חשק צו שרייבן און דרוקן אויף יידיש. בכלל איז אין ליטע די אָפּאָזיציע קעגן יידיש געווען אַ סך שטאַרקער ווי אין וואָלין און אוקראַינע. די ליטווישע משכילים האָבן געהאַלטן, אַז אַלע יידן אין ליטע זענען תלמידי חכמים, בעת די וואָלינער און אוקראַינער יידן זענען פאַרגרעבט, על פי רוב עם־הארצים.

א יי ז י ק מ א י ר ד י ק (1814—1893), דער איינציקער יידישער מחבר צווישן די מיטגלידער פון דער משכילישער שול „טהרת הקודש" איז געווען אַזאַ למדן, אַז אין זכות פון זיין לומדות האָט מען פאַרקוקט זיין יידיש שרייבן. אַ דאַנק אים איז די יידישע ליטעראַטור געוואָרן אין ליטע אַזאַ פּאָפּולערער ענין, אַז נישט איין משכיל האָט

„קאַפּיטולירט״ פון זיינע העברעאישע פּאָזיציעס און געוואָרן אַ יידישער מחבר. דער ערשטער וואָס האָט אָפּגעשאַצט דיקס ווערק איז געווען קאָוונער. ער האָט אין זיי געזען דאָס „נוצלעכע״, דאָס וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבן. קאָוונער האָט אויך געהאַלטן מער פון „קול מבשר״ ווי פון „הכרמל״, דעם העברעאישן זשורנאַל, וואָס פין האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע (1860—1870). ער האָט געשריבן, אַז ליטווישע יידן דאַרפן האָבן אַ יידישן זשורנאַל. דאָס „וואָלט אויפגעוועקט אַ סך מענטשן פון זייער שלאָף און זיי וואָלטן דערזען אַ ניי ליכט״.



מיכל גאָרדאָן

דיק איז אין די יאָרן 1850-1863 געווען לערער אין אַ קרוינישער שול און באַקומען 225 רובל אַ יאָר. געשען איז דאָס אין זכות פון זיינע העברעאישע חיבורים, וואָס זענען געווען אין ליטע זייער פּאָפּולער. זיין „מסכת עניות״ (1848) אַ שאַרפע משכילישע פּאַראָדיע פון לעבן פון ליטווישע יידן איז געווען דער קרומער שפּיגל, אין וועלכן די מיליטאַנטישע משכילים האָבן זיך אַזוי געגנויטיקט. די יידישע ווערק פון דיקן זענען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז דרוקער און פאַרלעגער פון אַנדערע שטעט האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי. דערפאַר האָט ער געמוזט באַנוצן פאַרשידענע פּסעוודאָנימען, כדי מען זאָל אים נישט באַשולדיקן, אַז ער ברעכט זיין קאָנטראַקט מיט די מדפּיסים ראָם. לויטן קאָנטראַקט פון יאָר 1865 האָט דיק געזאָלט צושטעלן דריי בויגן אַ וואָך פאַר אַ האָנאָראַר פון 2 רובל אַ בויגן. חוץ צושטעלן דעם כתב־יד, האָט ער געדאַרפט לייענען די קאָרעקטורן און „פאַרריכטן אין געוויסע ערטער, ווי עס וועט מיר הייסן דער גביר (ד״ה ראָם) אָדער זיינע מענטשן, וואָס זענען מיט אים אין געשעפטן פון דער דרוקעריי״.

דער דורכשניטלעכער טיראַזש פון דיקס אַ מעשה איז געווען צווישן 3000 און 4000 עקזעמפּלאַרן. די צאָל אויפלאַגעס איז אָבער שוין אומ־מעגלעך פעסטצושטעלן. מען דערציילט, אַז ווען אַ ווילנער באַלעבאָסטע איז אַרויס פּרייטיק אין מאַרק, האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו ברענ־גען מיט זיך פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס עפּעס פון דיקס זאַכן.

און אַנדער מיטצייטלער שרייבט וועגן דיקס פּאָפּולערקייט אַזוי:

„אויב איר ווילט פאַרשטיין, וואָס דיק האָט אויפגעטון, גייט אַרויס אין אַ מאַרק־טאָג אין אַ ליטווישע שטאָט, וועט איר זען, ווי יידן און יידענעס, באַלעבאָסטעס און קרעמער רינגלען אַרום די פּאַקנטרעגערס, וואָס קומען פון ווילנע, און באַצאָלן וויפל מען וויל נאָר פאַר דיקס געשיכטעס".

דיק האָט געוואָלט, אַז וואָס מער משכּילים זאָלן שרייבן יידיש. בעת מ ר ד כ י ר י וו ע ס מ אַ ן האָט אונטער דער השפּעה פון לעוואַנדאַן באַשלאָסן צו שרייבן רוסיש, האָט דיק אים געזאָגט:

„שרייבט יידיש, כדי די יידישע פּרוי זאָל אויך קענען פאַרשטיין. יידיש איז דאָך דער לשון פון די ברייטע מאַסן".

מיט דיקס טיראַזשן האָט זיך געקענט נאָר פאַרגלייכן דאָס קלאַסי־שע העברעאישע מוסר־בוך „חיי אדם" פון אברהם דאַנציג (1820-1747), וואָס איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין ווילנע אין יאָר 1810 און האָט געהאַט אַלע צוויי־דריי יאָר אַ דורכשניטלעכן טיראַזש פון 3000 עקזעמפּלאַרן. דער ווילנער דרוקער האָט באַדאַרפט יעדן חודש צושטעלן דער ראַבינער־שול אַ דין־וחשבון פון די געדרוקטע ווערק און די צאָל געדרוקטע עקזעמפּליאַרן. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו אילוסטרירן דעם מצב פון יידישן בוך אין ליטע מיט אַ פּאָר ביישפּילן.

אַ יידישער לוח פלעגט זיך דרוקן אין 25.000 עקזעמפּלאַרן. דאָס יידישע ביכל „גדולת משה" אין 2.000, די פּראָזאַאישע באַאַרבעטונגען פון דער „בבא מעשה" אין 1500. פון די העברעאישע ווערק וואָס זענען על פּי רוב געווען גרעסערע ביכער, האָט זיך מאַפּוס „עיט צבוע" גע־דרוקט (1856) אין 2000 עקזעמפּלאַרן, פון זיי האָט זיך נאָר 30 פאַר־קויפט אין ווילנע. מרדכי אהרן גינצבורגס „קרית ספר", אַ בריוונשטעלער און אַ מדריך פאַר אַ גוטן העברעאישן מליצה סטיל איז אַרויס אין

1859 אין 3000 עקזעמפּלאַרן (דאָס איז אגב געווען שוין די פערטע אויפלאַגע). יהודה־ליב גאָרדאָנס „אהבת דוד ומיכל״ איז אין יאָר 1856 אַרויס נאָר אין 650 עקזעמפּלאַרן.

יידישע פאָלקסביכלעך פון אַנאָנימע מחברים אָדער פון ווייניק באַקאַנטע שרייבער האָבן זיך געדרוקט צווישן 1000 און 2000 עקזעמפּלאַרן.

רומל־ספרים האָבן זיך געדרוקט אַ סך מער. דאָס זעלבע איז חל אויף בלעטליי לערנביכלעך, ווי ליאַנדאָרס ביכל פאַר לערנען זיך פראַנצויזיש (3000 עקזעמפּלאַרן) אָדער בן־זאבס העברעאישער ווערטערבוך.

די צאָל פּראָפעסיאָנעלע שרייבער אין ליטע האָט אָנגעהויבן וואַקסן. אויף העברעאיש זענען דאָס על פּי רוב געווען מחברים פון לערנביכער און ווערטערביכער, ווייל אַזעלכע ווערק האָבן אַריינגעבראַכט אַביסל האָנאָראַר. אויף יידיש זענען דאָס געווען פאָלקס־שרייבער, וואָס האָבן חוץ דידאַקטישע מעשיות און פּרימיטיווע סאָציאַלע דערציילונגען אויך געשריבן אינפאָרמאַטיוו־פּאָפּולערע זאַכן. צו אַזעלכע שרייבער האָט געהערט יהושע מזה (1917-1834) וואָס האָט אָנגעשריבן קנאַפּע 600 ביכלעך, ברוך משה בראַז (1917-1858), צבי ניסן גאָלאָמב (1934-1853) א. א. וו. זייערע ווערק זענען שוין ווינציקער באַפאַרבט משכּיליש און ברענגען שוין אַרויס די נייע סאָציאַל־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען. אין תוך גענומען האָבן זיי אונטערגעטראָגן אין אַ קאָנסערוואַטיווער פאָרם אַ נייע געזעלשאַפטלעכע קריטיק. חוץ זיי האָבן זיך שוין באַוויזן פּאָפּולערע מחברים פון פרומען לאַגער, וואָס האָבן געשעפּט פון דער אגדתא און מדרשים און האָבן ביים פאָלקס־מענטש אין ליטע שטאַרק אויסגענומען.

דעם ערשטן סאָציאַלן ראָמאַן, באַאיינפלוסט פון טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט״, האָט אָנגעשריבן אַ ווילנער אקושערקע טויבע סעגאַל א. נ. „גאָלדיצקע די מלוהטע״ (געדרוקט אין וואַרשע אין 1883).

דער וווקס פון דער בוך־פּראָדוקציע האָט געמוזט משפּיע זיין אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן דרוקוועזן. נישט איין טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַ מחבר, ווייל ער האָט נישט געקענט געפינען קיין דרוקער פאַר זיינע ווערק. די ראָם דרוקעריי, הגם אַ מתנגדישע, האָט נישט געוואָלט איינרייסן מיט די חסידים. געגוג צו דערמאָנען אַקסענ־

פעלדס נישט־געלונגענע באַמיאונגען צו דרוקן זיינע ווערק. מאַפּו האָט אַ נישט־געלונגענער פּרווו צו דרוקן אַ ראָמאַן פאַרשאַפט אַ גרויסן פאַר־לוסט. זיין ראָמאַן („חוזי חזיונות") איז דעמאָלט פאַרפאַלן געגאַנגען. אַ סך מחברים האָבן געוואָלט דרוקן אין פּרייסן, אָבער דאָס האָט זיך נישט אַלעמאָל איינגעגעבן.

ערשט אין יאָר 1862 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער מאָנאָפּאָל אויף יידישע דרוקערייען. די פירמע ראָם איז געבליבן, עס זענען אָבער צוגע־קומען נייע יידישע דרוקערייען. ווען יוסף ראובן ראָם איז געשטאָרבן (אין יאָר 1858), האָבן זיינע דריי זין: דוד, חיים־יעקב און מנחם־גבריאל איבערגענומען די פירמע און זי געפירט צוזאַמען מיט דער אַלמנה. זינט דאַן ווערט די פירמע „אלמנה והאחים ראָם" באַרימט איבער דער גאַרער יידישער וועלט.

עס קומען צו די דרוקערייען פון אַ ב ר ה ם ר אָ ז ע נ ק ר אַ נ ץ (1815—1901) און שריפטגיסער. אַ געוויסע צייט איז פ י ן געווען זייערער אַ שותף. אין משך פון עטלעכע יאָר זענען אויפגעקומען אין ווילנע עטלעכע דרוקערייען. אויך אין סוואַלק האָט זיך אין יאָר 1862 געעפנט אַ דרוקעריי. די נייע דרוקערייען אין די פּרייסישע שטעטלעך ווי טילזיט, ליק, מעמל, איידקוני האָבן אויך אין אַ גרויסער מאָס געדרוקט פאַר ליטווישע מחברים. אין יאָר 1865 זענען כמעט אַלע ווילנער דרו־קערייען געווען אין באַזיץ פון יידן, וואָס האָבן געדרוקט אין פאַרשידענע שפּראַכן. אַזוי אַרום איז ווילנע באַרימט געוואָרן ווי אַ שטאָט וואָס דרוקט ביכער פאַר דער גאַרער וועלט.

אויך די צאָל יידישע פאַרלעגערס און בוכהענדלער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. קולטור ווערטן זענען געוואָרן עקאָנאָמישע ווערטן. צווישן די פּראָדוצענטן פון ביכער און די קאָנסומענטן האָט זיך שוין געפונען אַ פּלאַץ פאַר ביכער־אַגענטן, אַנאָנסן־זאַמלער און אַגענטן פון צייטונגען. די רוסיש־יידישע זשורנאַלן האָבן אין ליטע געהאַט אַ סך לייענער. מער ווי אַ דריטל פון די אַבאָנענטן פון „השחר", וואָס האָט סך־הכל גע־ציילט 700 אַבאָנענטן איז געווען פון ליטע. דער „הכרמל" האָט געהאַט ווייניק לייענער, ווייל ער איז געווען ווייט פון לעבן און האָט זיך אין זיין רוסישער ביילאַגע אָפּגעגעבן מיט קאַזיאָנער פּראָפּאַגאַנדע פון רוסי־

פיקאַציע, וואָס האָט שוין אין ליטע געהאַלטן ביי אַן אידעאָלאָגישן באַנקראָט.

די פאַרלעגעריי אין ליטע האָט אָנגעהויבן באַקומען אַן אייראָפּעאישן שוווּנג. דער משכיל מרדכי קאַצענעלבויגן (1858־1934) האָט אַרויסגעגעבן פּרץ סמאָלענסקים ווערק און באַצאָלט דער אַלמנה אַ האָנאָראַר פון 5000 רובל, אַ ריזיקע סומע פאַר יענע צייטן. יהודה־ליב גאָרדאָנען האָט דער זעלבער פאַרלעגער באַצאָלט 3000 רובל פאַר זיינע שירים. דער דאָזיקער משכיל־פאַרלעגער האָט אַרויסגעגעבן אַ סך יידישע פאָלקס־ביכלעך. מען איז משער, אַז ביי אים זענען דערשינען איבער 200 יידישע תחינות, חוץ אַנדערע רומ״ל אויסגאַבן.

די לומדישע סביבה אין ליטע האָט אויך משפּיע געווען אויף דער אַנטוויקלונג פון ביבליאָפיליזם. אַ דאַנק דעם למדן און ביבליאָפיל מתתיהו שטראַשון (1817־1886) איז אין ווילנע געשאַפן געוואָרן די באַרימטע ביבליאָטעק אויף זיין נאָמען, וואָס איז באַרייכערט געוואָרן מיט זאַמלונגען פון אַנדערע לומדים און ספרים־זאַמלער, ווי שמואל יוסף פין, יהודה בעהאַק (1820־1900), חיים ליב־מאַרקאָן (1848־1909), דוד סלאָנימסקי (1840—1907), דוב בער ראַטנער (1852—1917). די דאָזיקע „פּריוואַטע געלערנטע״ האָבן געהאַט זייער אייגענעם קרייז. קיין זאַך וואָס איז יידיש איז זיי נישט געווען פרעמד. זיי האָבן ליב געהאַט שיר ומליצה, נישט ווייניקער ווי אַ בלאַט גמרא אָדער אַן אַלטן פילאָזאָפישן ספר. דאָס איז געווען אַ נישט קאָאָרדינירטע אַקאַדעמיע, וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן מאָראַלישן פּרעסטיזש. מיט אַזאַ גרויסן למדן ווי דוב בער ראַטנער, למשל, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ מאָנומענטאַל ווערק „אהבת ציון וירושלים״ (פאָרשונגען איבערן ירושלמי אין 12 בענד) האָבן קאָרעספּאָנדירט די לומדים פון דער גאָרער וועלט. דער משומד דניאל כוואָלסאָן (1819־1910), אַליין אַ ווילנער, אַ גרויסער למדן און פריינט פון לומדים־משכילים, האָט תמיד זיך געגרויסט מיט זיין ליטווישקייט. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן געלעבט אין דעם קרייז פון די דאָזיקע גרויסוועלטיקע יידן פון דער קליינער ליטע.

אויך פּאָליאַקן אין ליטע האָבן געמוזט צוגעבן, אַז ווען נישט יידן וואָלט די פּוילישע קולטור זיך דאָרטן נישט אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט. אַזעלכע פּוילישע פאַרלעגער־יידן ווי ר אַ פּ אַ ל אָ וו י ט ש, א ס ס,

**דער בוכהענדלער** ש. ק י נ ק ו ל ק י ן

מ ו י ר י צ י אָ ר ג ע ל ב ר אַ נ ד (אַ ברודער פון וואַרשעווער פאַר־לעגער) ט ע אָ פּ י ל ג ל י ק ס ב ע ר ג, נ יי מ א ן און אַנדערע האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער פּוילישער קולטור. דאָס זענען געווען

אויפגעקלערטע יידן וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פאַרשפּרייטן בילדונג איז אַ געשעפט. צווישן די דאָזיקע פּוילישע אַנטיקוואַרן זענען געווען אַ סך פרומע יידן. קאָוונע האָט געהאַט עטלעכע אַזעלכע יידן, וואָס פלעגן אָפּקויפן אין פּריצישע הויפן אַלטע ביכער און שפּעטער פאַרקויפן איינצל־ווייז אין די באַרימטע פּוילישע ביבליאָטעקן.

אין ווילנע איז דער סאַמע באַרימטסטער פון זיי געווען ש ע ו ע ל ק י נ ק ו ל ק י ן, אַ פּוילישער פּאַטריאָט, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די געשעענישן פון 1863. ווען ער איז אין יאָר 1908 געשטאָרבן, האָט אַ פּוילישער דאָקטאָר (סטאַניעוויטש) געהאַלטן אַ הספד אויף זיין קבר. דער באַרימטער פּאָעט וו ל אַ ד י ס ל אַ וו ס י ר אָ ק אָ מ ל אַ, איינער פון די ליבעראַלסטע פּאָליאַקן אין ליטע, האָט אים פאַראייביקט אין אַ פּאָעמע א. נ. דער גאַסן־בוכהענדלער.

„גאַנץ ליטע לייענט היינט, דאָס ווייסט יעדער איינער; ווער האָט עס געבראַכט דערצו, ווייסט שוין היינט נישט קיינער. דאָס האָט אַן אַלטער ייד געמאַכט, פון בוכהענדלער דער נעסטאָר, וואָס האָט פאַר אַ גראָשענע מטבע, גאָלד מיט בילדונג מעסט ער".

קינקולקין איז געווען דער לעצטער ייד, וואָס איז געווען אַ פּוילישער קולטור־טרעגער אין ליטע. די צאַרישע מאַכט האָט שפּעטער פאַרווערט יידן פאַרשפּרייטן פּוילישע ביכער. פאַר רוסישע ביכער איז נאָך קיין מאַרק נישט געווען. די געבילדעטע יידן פון ליטע האָבן עמיגרירט פון ליטע קיין רוסלאַנד אָדער אין אויסלאַנד. די אַנדערע האָבן זיך אין רוסישע ביכער נישט געניטיקט. די קאָוונער ברידער מ י נ ק אָ וו ס ק י (הערמאַן און אָסקאַר) זענען אַוועק קיין דייטשלאַנד און דאָרטן באַרימט געוואָרן. דער ערשטער ווי אַ מאַטעמאַטיקער און דער צווייטער ווי אַ מעדיקער. י ו ל י אַ ן ב אַ ק (1860־1908) איז אַוועק קיין פּעטערבורג און שפּעטער געגרינדעט די צייטונג „ריעטש"; דער קאָוונער משכיל ד ו ד פ יי נ ב ע ר ג (1840־1916) איז געוואָרן אַ גרויסער כלל־טוער מיט אַ וועלט־נאָמען.

## קאַפּיטל 14

# דער סך־הכל פון דער ליטווישער השכלה

די ליטווישע טאַטע־מאַמע האָבן פון זייערע געראָטענע קינדער קיין סך נחת נישט געהאַט. די וועלט איז געווען גרויס און דאַנקבאַר און די אייגענע סביבה צו קליין און נאָך נישט רייף פאַר אַזוי פיל קולטור־כוחות. ליטווישע יידן זענען געוואָרן ראַבינער, שרייבער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אָפּערע זינגער און רעוואָלוציאָנערן — אָבער אַלץ ווייט פון דער אייגענער ליטווישער סביבה. מען האָט אָבער די אייגענע סביבה נישט פאַרגעסן. די בענקשאַפט האָט מען אויסגעדריקט אין לידער (יל״ג, מאַנע) זכרונות, ראָמאַנען און אויך אין דער פּלאַסטישער קונסט (אַנטאָקאָלסקי).

די וועלט איז אָבער נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. אויך אין ליטע האָבן זיך דערהערט נייע טענער. די אַלטע אידעאָלאָגיע האָט באַנקראָטירט. דאָס פאַרמאַכן פון ראַבינער־שול אין 1873 איז געווען אייגנטלעך דאָס פאַרהאַקן פון אַן ארון אין וועלכן עס איז באַגראָבן געוואָרן אַ נישט מקוים־געוואָרענע האָפענונג.

די אידעאָלאָגיע פון אסימילאַציע לעבט איבער אַ קריזיס. אנשטאָט קאַזיאָנער אַסימילאַציע מיט אַ פּאָליטישער פונקציע צו זיין דער יסוד פון קינסטלעכן רוסנטום אין ליטע — ווערט די אסימילאַציע איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון סאָציאַליזם.

„מיר אַלע — דעקלאַרירט די יידישע יוגנט אין ליטע — וואָס ווינען אין רוסלאַנד זענען רוסן: מיר האָבן די זעלבע אינטערעסן און

די זעלבע מנהגים (ווי די רוסן). מיר זענען רוסן! לאָמיר זשע זיך פאַר־אייניקן קעגן די שונאים אין נאָמען פון גלייכהייט״.

די „רוסן״ זענען דאָס אלע די באַעוולטע און געפּייניקטע. אַזוי אַרום קומט דער סאָציאַליזם שוין אין די 70ער יאָרן אין די ווענט פון ווילנער ראבינער־שול און זינט 1873 ווען אויף זיין אָרט איז געשאפן געוואָרן דער לערער־אינסטיטוט, אין די מויערן פון דעם נייעם לער־אַנשטאַלט פאר דער יידישער יוגנט.

ליטווישע יידישע בחורים ווערן „מורדים במלכות״. דעם גאונס קלויז אָדער דעם חסידים מנין ווערט אַן „אוניווערזיטעט פאר דער יוגנט״.

סאָציאַליזם ביי יידן אין ליטע איז דער אָנהייב פון רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג ביי יידן אין רוסלאַנד בכלל.

מען גייט אַוועק פון דער השכלה־ליטעראטור. מען לייענט די רו־סישע ראדיקאלע שרייבער. ווינטשעווסקי האָט אין יאָר 1876 געשריבן אַזוי (אסיפת חכמים, 56).

„לאָזט אָפּ דאָס יידישע פאָלק! ווארפט אייך אים נישט ארויף אייער פוסטע חכמה, אייער השכלה. לאָזט אויך די״ חסידים צו רו. זאָלן זיי גיין מיט זייער וועג. טעלעגראף און אייזנבאַן — קען לפי ערך מער ביישטייערן פאַר דער בילדונג ווי אייער גאַנצע משכילישע טעטיקייט״.

דער ליבעראלער משכיליזם אין ליטע איז געווען אויפן וועג צו אַ פאָלקיסטישן סאָציאַליזם. דער קאָנסערוואטיזם משכיליזם איז געווען אויפן וועג צו חיבת ציון. אַ געוויסע צייט זענען דאָס געווען צוויי פּאַ־ראַלעלע און טיילמאָל אפילו פיינטלעכע וועגן. די צייט האָט געבראַכט ראדיקאלע שינויים און אייניקע פון די וואָרטפירער דערפירט צו אַ סינ־טעזע פוןביידע. די גרויסע ירושה פון דער ליטווישער השכלה איז אַזוי אַרום נישט אַוועק לאיבוד.

# הוספות

# I

## טאַדעאוש טשאַצקי און די יידן

טאַדעאוש טשאַצקי (1765—1813) דער ערשטער היסטאָריקער פון יידן אין פּוילן און ליטע, וואָס זיין ווערק איז דערשינען אין 1807 (שפּעטער איבערגעדרוקט 4 מאָל), ווערט באַטראַכט פאַר אַ יידנפריינט. בעת ער איז געשטאָרבן (אין 1813) האָט דער פּאָריצקער רב אים מספּיד געווען. דער הספּד איז געווען געדרוקט אַזש דריי מאָל (אין די יאָרן 1912—1913). ווי אַ וויזיטאַטאָר פון די יידישע שולן אין ליטע האָט טשאַצקי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, טיילמאָל אויך ווי אַ מעצענאַט פון יונגע יידישע בחורים, וואָס האָבן זיך געריסן אין דער גרויסער וועלט פון בילדונג. אַ דאַנק זיין השפּעה האָבן אייניקע ליטווישע און וואָלינישע קהילות געשטיצט פּוילישע גימנאַזיעס און שולן, וואָס עס האָבן באַזוכט יידישע קינדער. אַ דאַנק אים האָט מען אָנגעהויבן אָננעמען יידישע תלמידים אין די פּוילישע, פּריצישע שולן. עס איז דעריבער אינטערעסאַנט צו ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון זיינע בריוו, וואָס האָבן אַ יידישן אינטערעס און וואָס זענען ביז איצט פון יידישע היסטאָריקער נישט אויסגענוצט געוואָרן.

די בריוו זענען געשריבן אין די יאָרן 1805—1806, בעת טשאַצקי האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר זיין בוך וועגן יידן. זיי זענען אַלע אַדרעסירט צו גאָטפריד ערנסט גראָדעק, אַ פּראָפעסאָר פון פילאָלאָגיע אין ווילנער אוניווערזיטעט.

a) דאַטירט: פּאַריצק, 24 דעצעמבער 1805.

(דעם קאַפּיטל וועגן די נייע פּראָיעקטן וועגן יידן) „וועל איך אפשר אָפּ־דרוקן ווי אַ דיסערטאַציע, ווייל אַלע מלוכות באַמיען זיך צו געבן יידן רעכט און איך דערלויב זיך צו באַהויפּטן, אַז די זעלבע מלוכות קענען נישט די יידן בכלל״.

b) פון אַ בריוו פון 16 פעברואַר 1806.

טשאַצקי בעט גראָדעקן פאַרריכטן אין כתב־יד אַלץ וואָס שייך יידן און וואָס ער האַלט פאַר נייטיק. טשאַצקי דריקט אויס זיין מורא פאַר דייטשע געלערנטע, אַז זיי וועלן קריטיקירן זיין בוך וועגן יידן.

c) פון אַ בריוו פון 8 מאַי 1806.

„איך דערלויב זיך באַנייען מיין בקשה מכוח רעווידירן מיין כתב־יד און אַריינשטעלן תיקונים אין מיין טראַקטאַט וועגן יידן. מען מוז אומבאַדינגט די אַרבעט אָפּדרוקן. מען שרייבט ביי אונדז אַזוי פיל בראָשורן וועגן דעם ענין, מען שרייבט געזעצן, און מען ווייסט נישט דאָס, וואָס מען דאַרף וויסן, איידער מען גיט אַרויס פאַרשונגען אָדער געזעצן, וואָס זאָלן קענען אַלעמען צופרידנשטעלן״.

Listy Czackiego do Grodka. Pamiętnik naukowy i literacki, Lwów, 1876, IV, 24-32.

וועגן דעם הספד פון פּאַריצקער רב:

**Kukulski,** Mowa rabina Poryckiego na śmierć T. Czackiego. Pamiętnik Literacki, XII, 335-340.

**דאָס זעלבע: דוד קאַנדעל אין** „פּוילישן קוואַרטאַלניק פאַר דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן״, **1912.**

**און מ. ווישניצער אין** „נאָווי וואָסכאָד״ **1913 (רוסיש).**

## II

# אַנטי־יידישע אומרוען אין ווילנער אוניווערזיטעט אין יאָר 1815

כדי צו געבן אַ בולט בילד מכוח דעם ליבעראַליזם פון דער פּויליִ־שער אינטעליגענץ אין ליטע, איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דער גע־שיכטע פון אַן אָנפאַל אויף יידן אין ווילנע, געמאַכט פון אַ גרופּע פּוילישע סטודענטן, און דער שטעלונג פון די פּראָפעסאָרן צו דעם דאָזיקן אַנטי־סעמיטישן אויסדרוק.

געווען איז דאָס סוכות, 1815. לעבן דעם ווילנער באָטאַנישן גאָרטן האָבן יידן אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר סוכות. אַ גרופּע סטודענטן וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען האָט געוואָרפן שטיינער און אפילו צעשלאָגן עטלעכע יידן. איינער פון די דאָזיקע יידן (ליב בן אברהם אַבעלסאָן) איז אַוועק צום גלח ס ט אַ נ י ס ל אַ וו י ו נ ד ז ש י ל, אַ פּראָפעסאָר פון באָטאַניק, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט ווי אַ פריינט פון יידן בכלל, און אַ פּערזענלעכער פריינט פון די חשובסטע משכילים פון זיין דור. די סטודענטן האָבן באַליידיקט דעם גלח־פּראָפעסאָר, דערפאַר וואָס יע־נער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון דעם ייד.

דעמאָלט האָט י ו נ ד ז ש י ל אַריינגעשיקט אַ בריוו צום דעקאַן פון פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט און האָט דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

דאָס זעלבע האָט אויך געטון דער ייד אַבעלסאָן.

דער אוניווערזיטעט האָט אויסגעקליבן אַ דיסציפּלינאַר־קאָמיסיע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג. באַשולדיקט זענען געווען ניין סטודענטן, צווישן זיי יוזעף בעקו, סלאָוואַצקיס אַ שטיפּ־ברודער.

נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעהערט דעם ייד און אויך די פּוילישע סטודענטן, האָט די דיסציפּלינאַר־קאָמיסיע אַריינגעשיקט (דעם 13 דע־צעמבער 1815) צו דער פאַרוואַלטונג פון אוניווערזיטעט אַן אויספירלעכן ראַפּאָרט, אין וועלכן עס ווערט באַוויזן, אַז די סטודענטן זענען שולדיק.

דער אוניווערזיטעט האָט אויסגעשלאָסן פיר סטודענטן אויף דריי חדשים און די אַנדערע געמאַכט שאַרפע פאָרווורפן.

דערביי האָט דער אוניווערזיטעט מאָטיווירט זיין פּסק־דין אַזוי:

„די האַנדלונג פון די סטודענטן שעדיקט דעם גוטן נאָמען פון דעם קייזערלעכן ווילנער אוניווערזיטעט, און די שענדלעכע הפקרות פון די סטודענטן פאַרשפּרייט דעמאָראַליזאַציע. דאָס באַנוצן זיך מיטן נאָמען פּאָטערלאַנד (אויטשיזנאַ) פאַר אַזעלכע נידעריקע צילן איז אַ באַליידיקונג. און דורך צעברעכן די שויבן אין דער סוכה זענען זיי באַגאַנגען אַ שענד־לעכן, עפנטלעכן אַקט".

דער דאָזיקער עפּיזאָד ווערט דערציילט לויט די אַקטן אין אַרכיוו פון קראָקעווער אוניווערזיטעט (נומ. 876), וואָס איז שוין אויסגענוצט געוואָרן פון:

**R. Brandstaetter.** Wybryki antyżydowskie studentów Uniwersytetu Wileńskiego w r. 1815, (Miesięcznik żydowski, Tom II, 1932, No. 6, 481-488).

וועגן דעם גלח סטאַניסלאַוו יונדזשיל (1761—1847) און זיין פריינטשאַפט מיט בצלאל שטערן (1798—1853), אַ באַרימטן משכיל אין אָדעס, זען מיין נאָטיץ אין: ייוואָ־בלעטער, IV, 1932, 189-190 און אויך זיינע Pamiętniki życia ks. Jundiziłła, wydał A. Kurpiel, Kraków, 1913.

III

# אַ העברעאישע קינה אויפן טויט פון טאַדעאוש קאָשטשושקאָ

דער דאָזיקער טעקסט איז געווען געדרוקט צוזאַמען מיט אַ פּוילישער איבערזעצונג אין „קוריער ליטעווסקי" פון 4טן יאַנואַר 1818 און איבערגעדרוקט פון פּ נ ח ס ק אָ ן ז"ל אין זיין אַרבעט
Z doby Berka na Litwie

אין דעם זאַמלבוך א"נ:
Księga Pamiątkowa ku czci Berka Joselewicza,
Warszawa, 1934, זייט 166

איש גבור חיל עלה על במתי מרום
בגבורה אזר חילו וקרנו עלינו ירום
ראש לבית אבותיו ויהי למשען לנו
חרבו לא שלף ידו בחרות אפם בנו
חנית וכידון לא נטה באופן גבול מדינתינו
אחר נשגבת בטחונו נגד ממשלת ארצינו

אמונתו עד שחקים וחסדיו בזרוע עוזו
תוקף עוזו וגבורה לחמו במדינת מחוזו
הדרת שם כבודו פני כל הארץ מלאה
בולם יתענגו בכבודו מאדם עד תולעה

**ד"ר יעקב שאַצקי**

**לא בחשכת אפלה גם עתה נחלתו**
כי אף אחרי בלותו לא שב אדמתו
שוב שוב אלינו והיה עוד אתנו
פרוש שלום כנפיך כאשר היית עמנו

כציפור בדד בכלובו וישבר בריחי דלתותיו
טאַדעוש קאָסצושקאָ למרום עלה ועזב בית־אבותיו
וישב על מדון כסאו בשחק מרומי קרת
ויהי לו לתהילה כבוד שם ותפארת

עורה נפשך והרים פעמיך
ואת מכסה העפר סור מעליך
עטוף אותך בענני כבוד וראה למחוזת אבותיך
הרם נאָ את עיניך וראה את רום כבודך

למזכרת אהבה ולמנחת זכרון
קח נא והראה לכל בני מרון
יתעלסו עמך יחדיו הנה ואנה
ועם מצער מנחתינו אנא שא נא
לעמי העברים הנותנים פאר תהולתם
קבל כבכורה בטרם קיץ את הוד מנחתם

## IV

# חאַצקל האָגעס מעמאָראַנדום צום פירשט טשאַרטאָריסקי

דעם 10טן אפּריל 1820 האָט האָגע איבערגעשיקט פירשט ט ש אַ ר־ ט אָ ר י ס ק י ן אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום אין פּויליש מכוח „די שעדלעכע ספרים וואָס יידן באַנוצן".

„עס איז נישט אַזוי לייכט — שרייבט האָגע — צו פאַרדאַמען אָדער באַרעכטיקן ווערק, געשאַפן פון אַ גרויסער צאָל יחידים, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס און כוחות פאַר דער זאַך".

„כדי אָבער אויסצומיידן די שלעכטע רעזולטאַטן וואָס די שעדלעכע יידישע ספרים האָבן אויף דעם גייסט און האַרץ פון דעם דאָזיקן פאָלק" — האַלט דער מחבר פאַר נויטיק מאַכן אַ פּאָר פּרינציפּיעלע באַמער־קונגען.

קודם כל וויל איך פעסטשטעלן די וויכטיקסטע פּונקטן: 1) וועגן וואָס רעדט זיך אין די דאָזיקע ספרים; 2) וועלכע פון די ביכער זענען אַלט און וועלכע ניי; 3) וואָס פאַר אַ ספרים זענען גוט פאַר דער יוגנט און וועלכע נאָר פאַר לומדים; 4) וואָס פאַר אַ ספרים זענען אַבסאָלוט גוט, טיילווייז שעדלעך אָדער אין אַלגעמיין שעדלעך; 5) די פראַגע אויב אַ פאַרבאָט אויף די ספרים וואָס זענען שעדלעך — וועט אָפּשוואַכן די אמונה ביי יידן; 6) די פראַגע, אויב יידן קענען זיך באַגיין אָן די ספרים, וואָס זענען נאָר טיילווייז שעדלעך; 7) קען מען, לויט די געזעצן פון די

פעלקער, אינגאַנצן אסרן שעדלעכע ספרים און אַז דער דאָזיקער אסור זאָל נישט זיין אין אַ סתירה מיט די פּרינציפּן פון פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק, וואָס איז דאָך די כוונה פון אַ סך מלוכות; 8) אויף וואָס פאַרא אופן זאָל מען דורכפירן דעם ספרים־פאַרבאָט; 9) וואָס פאַרא מיטלען זענען נייטיק, כדי זיין געזיכערט, אַז יידן וועלן זיך נישט קענען אַרויסדרייען פון די געזעצן, וואָס וועלן אין דעם ענין אָנגענומען ווערן.

האַגע אַנאַליזירט יעדן פּונקט באַזונדער און ענטפערט אויספירלעך אויף אַלע פראַגעס, וואָס ער גופא האָט פאָרמולירט.

ער פאַרטיילט די ליטעראַטור ביי יידן אויף 15 גרופּעס. ער הייבט אָן מיט ספרים וועגן אמונה און ענדיקט מיט ווערק וועגן וויסנשאַפטן, ווי לאָגיק, מאַטעמאַטיק, מעדיצין און מוזיק. וואָס שייך דער נוצלעכקייט פאַר דער יוגנט האַלט ה אָ ג ע, אַז נאָר דער תנ״ך מיט אַלע מפורשים איז נוצלעך; דאַקעגן די אַנדערע ספרים זענען לחלוטין נישט באַשטימט פאַר דער יוגנט. נאָר געציילטע יידן קענען זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע ספרים. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס נאָר אַ קליינער מיעוט קען לערנען גמרא, און נאָך אַ קלענערע צאָל — דעם זוהר.

וואָס שייך ספרים בפירוש נוצלעך, האַלט האַגע, אַז דאָס זענען ביכער וועגן לאָגיק, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און ווערק וועגן דיקדוק, מוזיק — הגם זייער צאָל איז דערוויילע נאָך קליין.

צו די נוצלעכע ווערק פאַררעכנט האַגע: ב ח י נ ת  ה ע ו ל ם [פון ידידיה הפניני], וואָס ער כאַראַקטעריזירט ווי אַ שיין, פּאָעטיש ווערק; ל י ש ר י ם  ת ה י ל ה [פון משה חיים לוצאַטו], ש י ר י  ת פ א ר ת [פון נפתלי הירץ וויזל] און מ ל ו כ ת  ש א ו ל [אַ דראַמע פון יוסף טראַפּלאָוויץ].

האַגע האַלט, אַז עס איז זייער נוצלעך צו לייענען פאַרשידענע מעשיות, דראַמען — בפרט פון די וואָס זענען לעצטנס געשאַפן געוואָרן. צו די דאָזיקע ווערטפולע ווערק אין העברעאיש רעכנט ער צו: ב ת־י פ ת ח [אַ דראַמע פון משה שמואל ניימאַן], פ ל ג ש  ב ג ב ע ה [פון דוד זאַמושטש], ג מ ו ל  ע ת ל י ה [פון אברהם פראַנקאָ־מינ־דים], און אויך אידילישע שירים.

„מען קען נישט זאָגן — באַמערקט האָגע — אַז די דאָזיקע ווערק זאָלן זיין שלעכט. פאַרקערט. אייניקע פון זיי זענען גאָר גוט און אפילו אויסגעצייכנט."

צו די בפירוש שלעכטע ספרים פאַררעכנט דער מחבר פון דעם מע־מאָראַנדום די גאַנצע קבלה־ליטעראַטור.

„עס איז נישט מיין אויפגאַבע — שרייבט ער — צו טאַדלען די חכמת הקבלה און איך קען זיך נישט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן די יידישע סעקטעס, וואָס האָבן אַריינגענומען דעם סיסטעם פון קבלה".

ער האַלט אָבער פאַר נייטיק צו אינפאָרמירן דעם פירשט, אַז קבלה האָט אָנגעטון „אַ גרויסן שאָדן דעם יידישן פאָלק", ווייל זי האָט פאַר־שטאַרקט אין דעם יידן דעם אתה בחרתנו־געפיל.

ער כאַראַקטעריזירט דעם זוהר און דערביי ווייזט ער אַרויס אַ מערקווירדיקן דואַליזם ביים אָפּשאַצן דעם דאָזיקן ספר. ווי אַ געוועזענער חסיד האָט האָגע, אַליין אַ גרויסער קענער פון קבלה, נישט געקענט סתם אָוועקמאַכן דעם דאָזיקן ספר און מאַכן נאָר נעגאַטיווע הערות. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט דער משכיל אין אים געפאָדערט אַ מער ראַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו דעם דאָזיקן ספר. דערפון נעמט זיך, וואָס זיין כאַראַקטעריסטיק, געשריבן פאַרן פירשט, דעם שול־קוראַטאָר פון ליטע, איז אַ געמיש פון באַוווּנדערונג פאַר דער קאָנסטרוקציע פון ספר הזוהר און גלייכצייטיק אַ שאַרפע פאַרדאַמונג און אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל פאַרווערן לערנען דעם זוהר.

וועגן דער ווירקונג פון דעם זוהר אויף דעם געמיט פון אַ ייד, וואָס ווערט באַאיינפלוסט פון דעם דאָזיקן ספר, שרייבט האָגע אַזוי:

„אַ ייד, וואָס איז אָנגעשטעקט מיטן גייסט (פון זוהר) פילט זיך זייער גליקלעך. וואָס מער פאַראַכטונג און שנאה די וועלט ווייזט אַרויס צו אים, אַלץ מער איז ער איבערצייגט אין זיין מיינונג [אַז ער איז באמת גליקלעך]. קיין מענטש איז נישט אַזוי צופרידן מיט זיין גורל, ווי אַ [קבלה]־ייד."

דערפאַר — טענהט האָגע — איז דער זוהר שעדלעך. ער מיינט, אַז די נאַציאָנאַלע גאווה ביי יידן נעמט זיך דערפון, וואָס די קבלה אַנט־

וויקלט אין יידן דעם קולט פון קידוש השם און די ליבע צו ענויים. האָגע האַלט דעריבער, אַז דער זוהר דאַרף אינגאַנצן פאַרווערט ווערן.

אויך דער תלמוד דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ שעדלעך ספר, ווייל אַ ייד וואָס לעבט לויט די דיני התלמוד „קען נישט אנערקענען די דיני המדינה אין וועלכער ער לעבט״.

וואָס שייך ביכער אויף יי ד י ש, אויף „דער שפּראַך פון די פּוילישע יידן״ — האַלט ער זיי אַלע פאַר שעדלעך.

„זיי זענען באַזונדער שעדלעך — שרייבט האָגע — מחמת זייער לשון און ערטערווייז אויך מחמת זייער אינהאַלט. עס איז דערפאַר גע־ווונטשן, אַז מען זאָל זיי אינגאַנצן באַזייטיקן און אויף זייער אָרט אריינ־פירן ביכער אין דער פּוילישער שפּראַך. די צאָל פון די דאָזיקע ביכער איז נישט קיין גרויסע, און חוץ דעם חומש — זענען דאָס נאַרישע און אומגעלומפּערטע ווערק, על פי רוב געלייענט פון ווייבער״.

וואָס שייך דעם פאַרבאָט אויף די „שעדלעכע״ ספרים, רעקאָמענ־דירט האָגע טאַקט און סיסטעם ביים דורכפירן די גזירה. היות ווי אַ ייד האַלט יעדן יידישן ספר פאַר הייליק און ווי אַ טייל פון זיין אמונה — מיינט פאַר אים אַזאַ פאַרבאָט אַ בפירושדיקער אַטענטאַט אויף די עיקרים פון זיין גלויבן. דעריבער רעקאָמענדירט האָגע בעסער „אויסצורייניקן די שעדלעכע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין די דאָזיקע ספרים און נישט דורכפירן אַן אַלגעמיינעם פאַרבאָט.

וואָס שייך ספרים וואָס זענען אינגאַנצן שעדלעך, האַלט האָגע, אַז עס איז אַ חוב פון דער מלוכה אַזעלכע ווערק תיכף צו באַזייטיקן.

„כידוע — שרייבט ער — געהערט די יוגנט מער צו דער מלוכה, ווי צו די עלטערן. אויב די מלוכה האָט דעם כוח צו צווינגען די יוגנט דינען דעם לאַנד, ווען אפילו די עלטערן זאָלן זיין קעגן דעם, אַ פּשיטאָ ווען עס האַנדלט זיך וועגן אויסבילדן איר פאַרשטאַנד און האַרץ און ראַ־טעווען זי פון שלעכטע רעזולטאַטן״.

ווי אַזוי קען מען אָבער באַרעכטיקן דעם פאַרבאָט אויף ביכער און דאָס זאָל שטימען מיט די פּרינציפּן פון דרוק־פרייהייט? — פרעגט זיך דער משכילישער עקס־חסיד.

אויף דעם ענטפערט ער אַזוי: פרייהייט פון וואָרט באַציט זיך אויף די רעכט אַרויסצוזאָגן אייגענע געדאַנקען, בשום אופן אָבער נישט אויף פּרעדיקן... אוממאָראַלישקייט. דערפאַר קען מען טאַקע בהסכם מיט די רעכט פון וואָרט־פרייהייט פאַרווערן אַזעלכע ביכער, וואָס זענען שעדלעך און ממילא אוממאָראַליש.

חוץ דעם דאַרף אויך פאַרווערט ווערן אַראָפּברענגען שעדלעכע ספרים פון אויסלאַנד. די טיילווייז שעדלעכע ביכער דאַרף מען אונטערזוכן און „אויסרייניקן פון פּסולת".

ער שלאָגט דעריבער פאָר, אַז מען זאָל תיכף סטעמפּלען אַלע ספרים וואָס געפינען זיך ביי יידן, און די, וואָס ווערן באַטראַכט ווי שעדלעך, טאַקע באַלד קאָנפיסקירן.

צום שלוס פון זיין אויספירלעכן מעמאָראַנדום צום פירשט ט ש א ר־ ט אָ ר י ס ק י שרייבט האָגע אַזוי:

די פּוילישע יידן האָבן דריי „חסרונות": זיי רעדן אַן אייגענע שפּראַך, זענען פאַנאַטיש און איגנאָרירן לחלוטין די דיני המדינה. אויב עס וועט געלינגען די דאָזיקע דריי „חסרונות צו באַזייטיקן, וועלן דעמאָלט — אַזוי דוכט זיך מיר — די פּוילישע יידן זיך מער נישט רופן פּוילישע יידן, נאָר פּאָליאַקן פון משה רבינוס גלויבן".

(לויטן פּוילישן אָריגינאַל פון טשאַרטאָריסקיס אַרכיוו אין קראָקע כתב־יד נומער 5271, זייטן 85־96).
(אַ קאָפּיע פון אָריגינאַל אין מיין באַזיץ)

## V

## א בריוו פון יאַן גליקסבערג צום פירשט טשאַרטאַריסקי
## אין ווילנע

24 marca 1822.

Jaśnie Oświecony Mości Książe!

Rozkaz Jaśnie Oświeconego Księcia pierwszy raz mnie zaszczycający ośmielił mnie do napisania uwag które mam honor złożyć. Nie mogę sobie pochlebiać abym tu widokom Waszej X-cey Mości zupełnie zadosyć uczynił — spodziewam się jednak że przynaymniey dobre moie chęci łaskawie przyięte zostaną.

Nieprzewidziane zatrudnienia którem iuż po wyieździe W. X. M. obarczony zostałem nie pozwoliły mi tak myśli moich uporządkować iakbym to był uczynić pragnął. Prosząc więc o wybaczenie temu nieładowi szczęśliwym się nazwę ieżeli W. X. M. choć dziesiątą część z tego labiryntu ze zgodną ze światłem przekonaniem swoiem uznasz.

Wyrzuceniem szkodliwych wykładów i baiecznych powieści z Tałmudu trudni się tu Deputacya umyślnie do tego przeznaczona — łatwo będzie potem zakazać teraż-

nieyszych a nowe poprawione księgi tałmudowe pozaprowadzać. Żydzi w Rosyi prędzej przyimą odmianę w Polszcze iuż zaprowadzoną niż w Niemczech — gdyż nie różnią się ze sobą ani sposobem myślenia, ani stopniem światła. Sądzę więc iż lepiey zaczekać póki deputacya tuteysza nie uprzątnie wszystkich trudności, chyba że nazbyt powolny postęp iey pracy (czego się iednak niespodziewamy) zmusi nas do przzodkowania o ney.

Warszawa, 24 marca 1822.

Jan Glücksberg

(Archiwum Czartoryskich, Kraków, Nr 5271).

וועגן דעם מעמאָראַנדום גופא אין טעקסט פון בוך.

## VI

# די ווילנער פילאַרעטן און די יידן

פילאַרעטן אָדער ליבהאָבער פון אמת — אַזוי האָט געהייסן אַ קרייז פוילישע סטודענטן אין ווילנע — וואָס צו אים האָט אויך געהערט מיצקעוויטש, דער פאָלקלאָריסט טאָמאַש זאַן (Zan) און אַ סך אַנדערע. אין 1823 האָט מען זיי כמעט אַלע אַרעסטירט און אַ סך פאַרשיקט.

די דאָזיקע יוגנטלעכע האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן יידישן פּראָבלעם. אין 1820 האָבן צוויי פוילישע פילאַרעטן געהאַלטן רעפעראַטן וועגן דעם ענין: דעם 18טן יאַנואַר 1820 זיגמונט סטאַנעוויטש, און דעם 19טן אַפּריל 1820 קאַזשמיעזש פּיאַסעצקי (פסעוודאָנים לאַנגינוס).

פּיאַסעצקיס רעפעראַט איז געדרוקט און דעריבער איז מעגלעך איבערצוגעבן זיין אינהאַלט. ער האָט געהאַלטן, אַז יידן האָבן נישט געקענט זיין קיין בירגער פון פוילן, ווייל די געזעצן פון לאַנד האָט געשאַפן נאָר די שליאַכטע, ממילא האָט קיין גרופּע, חוץ די פּריצים נישט געקענט האָבן קיין רעכט. פּיאַסעצקי איז לטובת פולע רעכט פאַר יידן. אָבער כל זמן די פויערים־פראַגע איז נישט געלייזט — האָט ער געזאָגט — ווי אַזוי קען מען לייזן די יידישע פראַגע? ער איז געווען אַן אָנהענגער פון פוילישע שולן פאַר יידישע קינדער אין ליטע.


ליטעראַטור:

Korespondencja Filaretów III, IV.

נ. מ. געלבער אין „בלעטער פאר געשיכטע", ווארשע, 1948, 76—75.

די פילארעטן פלעגן דרוקן זייערע ווערק ביים דרוקער מאנעס אין ווילנע.

אז נישט אלע מיטגלידער פון דעם קרייז האבן געהאט א ווארעמע באציאונג צו די יידן באווייזט דער בריוו, וואס ווערט ווייטער געדרוקט. געשריבן פון יאן טשעטשאט (1847—1897), אן אנגעזעענעם שרייבער און פריינט פון מיצקעוויטש, וועלכער איז אין 1823 פארשיקט געווארן קיין סיביר. דער בריוו איז געשריבן צו פעטראשקעוויטשן, ווייט נישט קיין פראגרעסיוון מענטשן. פון זיינע בריוו צו טשעטשאטן איז צו זען, אז ער האט בכלל געוואלט פטור ווערן פון יידן אין פוילן.

## א בריוו געשריבן פון יאן טשעטשאט צו זיין פריינט פעטראשקעוויטש

ווילנע, 15 דעצעמבער 1821.

די גווארדיע־אפיצירן און פירשט ניקאלאי [דער שפעטערדיקער צאר] באזוכן אפט די רעדוטן. עס איז זייער אמוזאנט צו זען, ווי פירשט ניקאלאי שעפט גרוים נחת פון מושטרירן יידן־סאלדאטן. אפט מאל הייסט ער זיי אפילו שיסן פון ביקסן מיט א כיוון שטארק אנגעלאדענע. און ווען א ייד גיט זיך א צאפל און פאלט פון שרעק, דערהערט זיך א ווילדער געלעכטער.

נאך אן אויסטערלישע אוואנטורע (אין ווילנע). דאס יידישע מיידל, וואס האט אמאל געוווינט אנטקעגן פאצס הויז, ווו עס איז דיר אויסגעקומען אמאל צו זיין און טרינקען וויין, אט דאס דאזיקע מיידל, וואס רעדט גוט פויליש, האט זיך פארטשעפעט מיט א געוויסן אפטייקער. ער האט איר געטון וואס מען דארף און זיי האבן זיך פארליבט און באשלאסן חתונה האבן. איז זי אנטלאפן אין א קלאשטאר. די עלטערן, היות ווי דאס איז פאר זיי א גרויסער פלעק (אין דער משפחה), זענען אוועק צו שליקאוו [דעם ווילנער פאליציימייסטער] און צו דער גאנצער פאליציי און אלעמען אונטערגעקויפט. שליקאוו האט צוגענומען דאס מיי־

דל פון די „שוועסטער״ פון דעם קלאָשטאָר פון היילקן מיכאל [ווו זי איז געווען]. דערווייל איז דער אַפּטייקער אַוועק צום ביסקופּ און דער ביסקופּ איז אַוועק צום גובערנאַטאָר קאָרסאַקאָוו. מען האָט אָנגעהויבן בודק זיין דעם ענין: דאָס יידישע מיידל, נישט געקוקט אויף אַלע בקשות, דאָס פאַלן צו די פיס, דאָס בעטן זיך, די קללות פון די עלטערן — וויל נישט אָפּטרעטן פון איר באַשלוס [זיך צו שמדן] האָט קאָרסאַקאָוו באַפוילן, אַז מען זאָל דאָס יידיש מיידל צוריק אָפּגעבן דעם קלאָשטאָר. ווי אַזוי אָבער טוט מען דאָס? די גאַס איז פול מיט יידן, וואָס ווילן מיט גוואַלד צונעמען די איינגעשפּאַרטע יידישקע; עס שטייען אָבער אויך טויזנטער קאַטאָליקן און לאָזן נישט. דאָ איז אונדזער פריינט געקומען אין קאָפּ אַריין אַן אויסגעצייכנטער עכט־פּאָליציייאישער איינפאַל. עס פאָרט זיך צו אַ קאָטש כלומרשט נעמען די יידישקע און אַוועקפירן אין קלאָשטאָר אַריין, עס זעצט זיך אַריין אַ פּאָליציאַנט מיט עפּעס אַ פרוי באַפּוצט מיט בלומען. מען פאָרט הינטער דער שטאָט, „דאָס פאָלק שפּאַרט נאָך אים. די יידן זענען אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן באַוואָרפן די קאַרעטע מיט בלאָטע. דערווייל ווען דער המון איז שוין פאַרביי, נעמט שליקאָוו דאָס יידישע מיידל און פירט זי אַליין אָפּ אין קלאָשטאָר אַריין. דער פּאָליציאַנט איז אָפּגעפאָרן אַ געוויסע שטרעקע, איז אַרויס פון דער קאַרעטע און מיט אים עפּעס אַ גויע. די יידן האָבן מסתמא געקריצט מיט די ציין, און די קריסטן — שטאַרק געלאַכט. באמת אַן אויסגעצייכנטע קאָמעדיע. אָבער חוץ יידן האָט דער שליקאָוו גופא, דער מחבר פון אָט דער קאָמעדיע, געגנוג אַנדערע ווייט נישט קיין לעבערלעכע חטאים. די מאַמע פון דעם יידישן מיידל האָט מיט גרוים געוויין און געשריי געפאָדערט צוריק דאָס געלט, וואָס די פּאָליציי האָט פון איר אויסגעמעלקט״.

(Archiwum Filomatów. Część I. Wydal J. Czubek, Tom IV, Kraków, 1913, 93-95).

## VII

# אַ פּראָיעקט צו באַזעצן ייִדן אויף אַ באַזונדערער טעריטאָריע אין רוסלאַנד פאַר די דעקאַבריסטן

דער גלח מיארטשינסקי דערציילט אין זיין „סטאַטיס־טישער באשרייבונג פון דער פּאָדאָלער גובערניע", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1822, ד"ה דריי יאָר פאַר דעם דעקאבריסטישן אויפשטאַנד, אַז מען האָט אין די קרייזן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ אין ליטע, גע־טראַכט וועגן באַזעצן ייִדן אויף אַ באַזונדערער טעריטאָריע ערגעץ אין רוסלאַנד, וואָס דאָס איז געווען א פּונקט אין דעם פּראָגראַם פון די דע־קאַבריסטן אין 1825.

„עס זענען געווען אַזעלכע — שרייבט ער — וואָס האָבן געגעבן אַן עצה צונויפצונעמען אלע ייִדן אין רוסלאַנד און אוועקפירן אין די סטעפּעס און דאָרטן שאַפן פאַר זיי א באַזונדערע פּראָווינץ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק, ד"ה פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַן אייגענעם לשון, אן אייגענע אמונה און מנהגים. דאָרטן זאָל מען געבן לאַנד אויף צו באַאַרבעטן נאָר די, וואָס וועלן וועלן זיך מיט דעם באַשעפטיקן און פאַר די אַנדערע געפינען א מעגלעכקייט פון פאַרדינען דורך אַזעלכע מלאכות, וואָס מען וועט זיך נויטיקן אין זיי און וואָס וועלן זיין נוצלעך פאַר דעם דאָזיקן לאַנד"

**Ks. Miarczyński.** Statystyczne opisania gub. Podolskiej, 1822, II, 100-101.

**וועגן דעקאַבריסטן און ייִדן זען מיין אַרבעט אין בוך: „אין שאָטן פון עבר", בוענאָס איירעס, 1947, 46—63, ווו דער דאָזיקער פּרט איז נישט דערמאָנט געוואָרן.**

## VIII

## זימל בן נחומס בקשה צום פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי

## PODANIE ZYMELA NOCHIMOWICZA DO KS. ADAMA CZARTORYSKIEGO.

Jaśnie Oświecony Xiąże, Najłaskawszy Muz Polskich Opiekunie!

Na pierwszą odezwę człowieka obcey i cale zaniedbanej w tym Kraju postaci, zdziwi Cię zapewne śmiałość i nadzieja moja. Może się nie spodziewałeś, Jaśnie Oświecony Xiąże! widzieć garnącego się do siebie tak oddalonego od Jego Wspaniałey Osoby religiją, kondycyą i rodowitością Izraelitę. — Zarzuceni i wzgardzeni od Synów własney swey oyczyzny, nie zdaiemy się należeć do całości społeczney; zaięcia nasze, a bardziey iszcze potrzeby nie ściągaią na siebie łaskawey uwagi kraiowcow, przez co mniey na nas swóy wzgląd okazuią. — I ta właśnie niezaprzeczona prawda, tyle mi dodaie odwagi, i tyle rodzi we mnie nadziei, w uciekaniu pod Twą opatrzną pieczę, Jaśnie Oświecony Xiąże! ile namienione wyobrażenia sprawiały we mnie obawy, umartwienia

i rozpaczy. — Ale mię jeszcze więcej nierównie to pociesza, że zasługa moja, sprawiedliwiej o Twoją, Jaśnie Oświecony Xiąże, niż inną jakąkolwiek pomoc dopraszać się może. — Wiem ja, że jesteś jeden z mniey liczney jako raczey wspaniałey listy tych dobroczyńców, którymi się zaszczycały wieki panowania geniuszów i talentów, z których nauki świetność swoią uczeni i artyści przyiazną zachętę i oczewiste wsparcie czerpali, a bez których, można mówić, że w wiecznym zostałyby zagrzebaniu szczęśliwe płody umysłu ludzkiego. — Wierzyć mi raczysz, łaskawy Panie, że daleki jestem od zwykłego proszącym pochlebstwa; lecz któżby tego samego nie mówił, kto wie, w jakim widoku u tegorocznych artystów i uczonych jest świetny rodowitością Dom Czartoryskich; kto wie, ile Mu winna swey doskonałości Polska Literatura. — Nie może więc mi nikt zarzucić pochlebstwa; bo mówię o rzeczy wiadomey całemu światu; mówię dla tego, abym pokazał, że należę do liczby tych, któremi się opiekować zwykli podobni Tobie Jaśnie Oświecony Xiąże; a szukam wsparcia nie dla czego innego, jak tylko, ieżeli jestem teraz korzystnym dla Narodu, mimowolnie takim bydź nie przestał. — Owszem coraz silniey mógł przekonywać, że chcę i staram się bydź czynnym, i zasługuiącym się członkiem społeczności, w którey zostaię, czego jednakże dokazać nie może ten, którego nagłe ubóstwo i nędza goni. — Od lat kilkadziesięciu pobytu moiego w Grodnie, całą mą usilność, zdrowie, a nawet maiątek poświęcałem na to tylko, do czego mię wrodzona skłonność, a bardziey ieszcze żądanie zapraszających do Polski miłośnikow sztuk pięknych nagliło. — Nie dobrowolnie, nie zysku szukaiąc, przybyła do tego Kraiu

rodzina moja, lecz owszem na prozbę usilną. — Długo zamieszkały ś. p. móy Oyciec Nochim w Galicyi, znany był dosyć tamecznym obywatelom z wyborney i gładkiej giserki, czyli sztuki odlewania liter drukarskich. — Talent ten przysparzał mu coraz wziętości i majątku, stało się, że za przyiaznego Muzom tuteyszym panowania Stanisława Augusta, gorliwy miłośnik i Opiekun sztuk pięknych Podskarbi Litewski Tyzenhauz zapraszaiąc, i z naywiększym swym kosztem przywołuiąc tego rodzaiu artystow z różnych Kraiow, dowiedział się o biegłości Oyca moiego w giserce na tenczas rzadkiey nader sztuce w tym kraiu; dokładał wszelkich środkow zwabienia go do Grodna, iakoż z niemałą trudnością wymógł to na Oycu moim, że wyprzedawszy się ze wszystkiego, co było iego nieruchomą własnością, w Roku 1785 Februaryi 22 przeniosł się z całą rodziną do Grodna. — Nie czuliśmy wielkiey straty za Jego urzędowania, lecz gdy urzędu i życia pozbawiony, my straciliśmy całą nadzieię dalszych powodzeń. — Po śmierci Oyca moiego, talent iego przelany we mnie, był iedynym źrzódłem wyżywienia siebie i całej rodziny, lecz ten w zamieszkach ówczesnych mało ceniony, a zatem mało-korzystny, zagrażał mi niechybną nędzą. — Za szczęśliwym jednakże następstwem Panowania Nayłaskawszego Monarchy ALEXANDRA I. ożywiona oświata, dała pochop artystom popisywania się ze swym talentem przy rządowey opiece. — Na prozbę wielu narodowych drukarni odlewając litery, zasłużyłem na chlubne dla mnie zdanie, iż się równałem zagranicznym tego rodzaiu artystom (o czym poświadczaią wydane od tychże drukarniow świadectwa). — Dozwolił mi Rząd Guberński Grodzieński za zezwoleniem Wileńskiego Uni-

wersytetu założyć drukarnię w Grodnie. Ilekolwiek dochody te były szczupłemi, żywiłem niemi rodzeństwo moie, zawsze poświęcając część maiętności na udoskonalenie własnego talentu. — Teraz kiedy mi uiętą została wszelka Skarbowa robota, a nadto kiedy mi zakazano drukować wszelkich ustronnych pisemek, jakiemi są: Afisze, doniesienia, i tym podobne, zmusiwszy mnie, abym podpisał, iż cokolwiek się oznaczy ręką Policmaystra nie przyjmę do swey Drukarni; nie widzę prawie żadnego źrzódła nie tylko doskonalenia tey sztuki, ale też wyżywienia siebie. — Gdzież więc w tym nieszczęśliwym stanie odważę się szukać zasiłku naglących mię potrzeb, jeżeli nie w wspaniałomyślności tego, który i szacunku talentom, i wsparcia ich miłośnikom niezliczone okazał dowody? — Jednakże nie jestem ja, J a ś n i e O ś w i e c o n y X i ą ż e! z tego rodzaju proszących, którzy niedołężnie w tym czasie, wspominaiąc tylko dawne swoje zasługi, domagaią się, aby ich obcą utrzymywano gotowizną; mogę ieszcze pracować, i nie żądam, iak tylko odkrycia mi pola korzystney dla siebie i innych pracy. — Kształcę dotąd ieszcze sztukę giserki, ale mi zbywa na sposobności okazania staranności moiey w obliczu całego narodu. — Ieżeli doznana Twa Opieka, J a ś n i e O ś w i e c o n y X i ą ż e! zechce i mnie nieszczęśliwego umieścić w rzędzie zasługuiących na Twe dobroczynne względy, dozwolisz mi następnie wyjawić pokorne prośby moie. — Niechcę powstawać przeciwko woli Rządu Guberńskiego, chociaż namieniony zakaz niesprawiedliwie, a wielce mię ukrzywdził; prosiłbym iednak, aby Rządowa drukarnia przestała na własnych robotach, zaniedbuiąc ubocznych, a ieżeliby być nie mogło; przynaymniey, aby mi niezaprze-

czano drukować ustronnych pism, któreby się podobało komu do moiey raczey, niż Rządowej oddawać drukarni. — Także Uniwersytet Wileński układane przez się Gospodarskie Kalendarze, wypuszcza w arendę, biorąc od niego na rok po 300 rubli sr. — Uważałbym to podobnież za łaskawą dla mnie pomoc, Jaśnie Oświeconego Xięcia! a jeślibyś raczył zalecić Uniwersytetowi Wileńskiemu, ażeby namienione Kalendarze za tąż samą cenę mnie zechciał powierzyć przynaymniey na lat dziesięć; ja zaś starałbym się je nierównie kształtniey, niż są teraz, wydawać. Ośmielam się jeszcze podać, Waszej Xięciey Mości, następny także proiekt: Są na Wołyniu nader liczne prassy, a szczególnie w Sławuci, Sedylkowie, z kąd rozmaite dzieła w wielkim mnóztwie rozwożą się po wszystkich Guberniach z niemałą moją krzywdą, którzy nie będąc w stanie drukować jak tylko kilka dzieł w języku Hebrayskim, i tych nie mogę żadnym sposobem rozprzedać. — Prosiłbym zatem Waszey Xięciey Mości, o taki dla mnie ratunek w tym razie, aby zabronić wszelkim innym drukarniom, iżby się nie ważyły w żadney formie z jakimkolwiek tłumaczeniem rozprzedawać w Guberniach Wileńskiey, Grodzieńskiej i Obwodzie Białostockim przynaymniey następne dzieła: Pierwsze pod tytułem: **Sydur Tefiles Mikoł Haszona** z Psalmow Dawidowych, lub bez Psalmow, czyli codzienne nabożeństwo. — Drugie, **Machzur Mikoł Haszona,** czyli modlitwy świąteczne. — Trzecie, **Biblia Starego Testamentu.** — Warunek ten dla nich małoznaczny, którzy mnóztwo innych dzieł i po wszystkich innych Guberniach rozprzedawać mogą. — Kiedy ja ani więcey dzieł drukować w Hebrayskim języku, ani daley na wzmiankowane Gubernie rozwozić nie

jestem w stanie. — Nie szukam ja w tem żadnego monopolium, i owszem daleko taniey drukować podeymuię się od onych Drukarniow, bo Arkusz każdy na białym kleiowym papierze po kopiejek 2, na ordynaryynym także z drukiem po kopieyce 1½, kontentuiąc się tak małą opłatą, bylem tylko miał choć mały fundusz do wyżywienia się z moją familią. — Nakoniec jeszcze jedną rzecz dozwoli mi, Wasza Xięcia Mość, podać na stronę mojego ratunku. — Należę ja do liczby artystów, a zatem mógłbym się słusznie dopraszać o wspólny dla wszystkich artystów przywiley uwolnienia od ciężarów Krajowych powinności, nie żądam jednakże wyłączenia się z kolei innych obywateli, chcę opłacać Monarsze należność równą z innymi; lecz znosić obce, a to jeszcze nierównie liczniejsze długi, w tych nieszczęśliwych czasach, jest nad siły każdego, a tem bardziey moje, który obarczony dość liczną czeladką, nie znajduię prawie środka jey wyżywienia, i opłacenia za nią czystey należności Monarszey. — Lecz do tego jeszcze od Kahałow nieskończonymi narzucony jestem ubocznymi nakładami, to jest: za tych, którzy nie są w stanie opłacić, na nich zaległego podatku. — Ja dziś naynieszczęśliwszy! nie widząc przy sobie jednego grosza, musiałem w tym roku za same obce narzuty do 200stu rubli nad zwykły podatek z nieutulonym żalem opłacić. — Jeżeli móy talent i szczere poświęcenie się dla dobra ogułu przyłącza mię do rzędu obywateli, prosiłbym, Waszey Xięciey Mości, wyiednać dla mnie tę przynaymniey powolność Rządu, abym wnosił sam należny ode mnie podatek do Kaznaczeystwa, i był wolny od cudzych tak niesprawiedliwych długów; a jeślibym musiał podatek wnosić do Kahału, ażeby mu zabro-

nić, by się nie ważył narzucać na mnie ubocznych nakładow, ani za to mnie prześladować. — Naostatek, gdybym na wymienione moie w górze przełożenia, z przyczyn jakich, ku przeszkodzie temu wypadaiących, nie mógł w tey moiey proźbie pożądanego od Waszey Xięciey Mości, skutku uzyskać; to przynaymniey przyłożeniem się swoim uczyń do tyle, aby mnie (nie żądaiąc z Kassy Skarbowey) obmyślany był przy Jego Opiece i pomocy w Grodnie i w Wilnie środek, talent móy wspieraiący, z któregobym mógł się przyzwoicie z moią familią wyżywić, z dozgonną wdzięcznością. — Te są proźby moje, Jaśnie Oświecony Xiążę, Nayłaskawszy Czcicielu i Opiekunie talentow. — Nie czynią one wielkiey krzywdy żadney ze stron przeciwnych: bo każda w szczegulności może się łatwo utrzymać, czyniąc zadosyć podanym warunkom; lecz dla mnie nieszczęśliwego staną się jedynym środkiem podźwignienia nędzy, i razem obowiązuiącą pobudką do prowadzenia sztuki giserskiey do zadziwiaiącey u zagranicznych doskonałości. — Na co ze wszelką ufnością oczekuiąc pomyślney dla mnie odpowiedzi, zostaię z naygłębszym szacunkiem.

JAŚNIE OŚWIECONEGO XIĘCIA PANA
I DOBRODZIEIA —

Grodno, dnia 1-o Maia 1823 roku.

Nayniższym Sługą
**Zymel Nochimowicz**
Typograff y Szryft Gisser
Grodzieński.

איבערגעדרוקט פון דעם בוך:
**Ludwik Abramowicz,** Cztery wieki drukarstwa w Wilnie, 1525—1925, Wilno, 1925; pp. 135—139.

IX

# די פּוילישע שרייבער אין ליטע און די וואָלאָזשינער י ש י ב ה

די פּוילישע שרייבער אין ליטע האָבן אין זייערע רייזע־רעפּאָרטאַזשן וועגן ליטע געשריבן זייער אָפט און אפילו אויספירלעך וועגן דעם יידישן לעבן. אויב בנוגע דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען די דאָזיקע שרייבער אָפטמאָל געווען איינזייטיק און שטאַרק נעגאַטיוו, איז אָבער וואָס שייך דעם יידישן קולטור־ און שטייגער־לעבן ניט איינמאָל אַרויסגעוויזן געוואָרן אַ סך פאַרשטענדעניש און אפילו סימפּאַטיע. געווען איז די דאָזיקע שטעלונג דיקטירט על פּי רוב פון ריין פּאָליטישע מאָטיוון. ניט צופרידן פון דער משכילישער איינשטעלונג צו דער רוסישער שול־פּאָליטיק לגבי יידן, האָבן פּוילישע שרייבער נישט געקענט אָפּן טאַדלען און קריטיקירן די דאָזיקע שטעלונג. דערפאַר האָבן זיי תמיד געלויבט די אַלט־יידישע חינוך אינסטיטוציעס, ווי חדרים, תלמוד תורהס און ישיבות.

ק ר אַ ש ע ו ו ס ק י טוט עס, למשל, אין זיין רייזע־באַשרייבונג איבער ליטע, וואָלין און אוקראַינע, וואָס איז אַרויס אין 1840. דאָס זעלבע טוט ס י ר אָ ק אָ מ ל א אין זיינע „אויספלוגן אין ליטע" (1853).

אין דעם פּרט פאַרדינט אַ ברייטערע באַשרייבונג דאָס בוך „ליטווישע בילדער" פון דעם פּוילישן שרייבער א י ג נ אַ צ י כ אָ ד ז ש ק אָ (1794־1861), וואָס די ערשטע אויסגאַבע איז דערשינען אין די

יאָרן 1840־1850 (אין פינף טיילן) און איז שפּעטער אָפּט איבערגעדרוקט געוואָרן.

אין די „ליטווישע בילדער״ געפינט זיך אַ שלל מאַטעריאַלן בנוגע דעם יידישן שטייגער־לעבן אין ליטע. הגם דאָ און דאָרטן זענען די ביל־דער באַפאַרבט מיט אַ פּריצישער גרינגשעצונג פון דעם ייד, דאָך זענען דווקא די באַשרייבונגען פון דעם רעליגיעזן לעבן פול מיט סימפּאַטיע און אנערקענונג.

כ אָ ד ז ש ק אָ באַשרייבט, למשל, אַ ייד, אַ פּוילישן קולטור־טרעגער. פון ווילנע קומט צופאָרן קיין נעסוויזש דער מוכר־ספרים ר ו ב י ן, אַ ייד, אָנגעטון שוין אייראָפּעאיש, אָן באָרד און פּיאות. ער רעדט שוין אַ גוטן פּויליש און שלעפּט ארוים די נייעסטע ביכער.

„אַ נייע זאַך — רעדן די פּוילישע פּריצים צווישן זיך — ביכער איבערן לאַנד פאַרשפּרייטן איצט יידן״.

די ביכער ווערן שנעל פאַרקויפט. רובין ציטירט אפילו פּרייזן פון ווארשע און איבערצייגט זיינע קונים, אַז ער פאַרקויפט אַ סך ביליקער.

אין איין אָרט זאָגט דער מחבר, אַז ער גלויבט נישט, אַז יידן קענען זיך אַסימילירן מיט די פּאָליאַקן.

„זיי, די יידן — שרייבט ער — היטן אָפּ זייער שטרענג זייער נאַ־ציאָנאַליטעט, וואָס איז געבויט אויף צוויי עיקרים: אמונה און מסחר. ביי אונדז זענען זיי נאָך נישט אַ טייל פון אונדזער פּראָגרעסיווער באַ־וועגונג. זיי קוקן אויף איר מן הצד. די מער מיושבדיקע אָבער פאַרשטייען אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי (די יידן) מוזן זיך אריינפּאַסן אין אונדזער לעבן, אויב נישט גייסטיק, איז עקאָנאָמיש״.

די סאַמע אינטערעסאַנטסטע באַשרייבונג איז אָבער וועגן וואָלאָ־זשין. כ אָ ד ז ש ק אָ באַשרייבט אַ סצענע אין מיטן גאַס פון דעם דאָזיקן שטעטל, וואָס איז צו יענער צייט געווען דאָס אייגנטום פון דער ט י ש ק ע ו ו י ט ש משפּחה. אַ המון האָט זיך געיאָגט נאָך אַ ייד, וואָס האָט אויסגעגאָסן זייער אויסטערליש, און געשריגן אויף אים ארור! ארור! אא״וו. אַזוי ווי די גויים האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס מיינט דאָס נאָכ־יאָגן זיך נאָך אַ פרעמדן ייד, וועלכער איז פון זיי געלאָפן, האָט דער גלח־היטער (ksiądz-gwardian) פון דעם דאָרטיקן קלאַשטאָר איינ־

געלאָדן דעם רב פון שטעטל, וועמען ער רופט שלמה — כדי יענער זאָל אויפקלערן דעם זין פון דער מערקווירדיקער געשעעניש.

כאַדזשקאַ באַשרייבט דעם רבס באַזוך ביים גלח, ביי וועלכן ער איז אויך געווען אַנוועזנד.

„דאָס איז זייער אַ קלוגער ייד — אַטעסטירט דער גלח דעם רב — ער איז זייער אַ געשייטער און ערלעך, אפילו לויט אונדזערע באַגריפן. מיט אים לעבן מיר אין דער בעסטער פריינטשאַפט. ער וועט אונדז דערציילן וואָס עס האָט אייגנטלעך פּאַסירט".

און דער וואָלאָזשינער רב איז טאַקע תיכף געקומען צום גלח אין קלאַשטאָר.

„ווען ער איז געגאַנגען — שרייבט כאַדזשקאַ — דורכן שטעטל צום קלאַשטאָר, זענען מיר געזעסן אויפן גאַנעק. מיר האָבן געזען ווי יידן פאַרשטעלן אים דעם וועג, קושן די ברעגעס פון זיינע קליידער און אייניקע פאַרבעטן אים אַריינגיין אויף אַ ווייל צו זיי אין שטוב אַריין".

דערווייל האָט דער גלח דערציילט דעם מחבר וועגן וואָלאָזשין גופא.

„וואָלאָזשין, דאָס איז ר ו י ם פון די ליטווישע יידן. פון קדמונים געפינט זיך די רבנישע חשיבות אין דער זעלבער משפחה און די חכמה גייט איבער בירושה פון טאַטן אויפן זון, אַזוי אַז וויכטיקע שינויים קומען נישט פאָר. מיין פריינט ר' שלמה — אַזוי דערציילט דער גלח — האָט שוין אַ חתונה־געהאַט זון און אַן אייניקל, אַזוי אַז עס וועט סטאַיען לאַנג פאַר דער דינאַסטיע. פון אַלע עקן וועלט שיקט מען אַהער אין דער ישיבה בחורים אויף לערנען. די רייכסטע מ ו ר נ ו ס [אין אָריגינאַל morejni] האַלטן, אַז ס'איז אַ גרויסער כבוד פאַר זיי, בעת זיי קענען זאָגן, אַז זייערעס אַ זון איז אַ תלמיד פון וואָלאָזשין.

פאַר די אָרעמע יידן, די נעבעכס, איז פאַראַן אויף די הוצאות פון תמיכה, ווייל אין יעדער יידישער שטוב בכלל און אין די קליינע שטעטלעך בפרט שטייט לעבן דער ירושלימער פושקע [מאיר בעל־נס] אויך אַ פושקע פאַר די וואָלאָזשינער ישיבה־בחורים.

אויך עלטערע יידן — דערציילט דער גלח דעם מחבר — פאָרן זיך דאָ צונויף אין גרויסע צאָלן, אָפטמאָל אפילו פון ווייטע מקומות. זיי זיצן דאָ יאָרן־לאַנג איבער ספרים, וואָס מען געפינט דאָ לרוב. יעדן טאָג

שיקט מען אַהער ספרים. הגם ש ל מ ה נעמט פאַר זיך פון קיינעם גאַרנישט (און ער וואָלט געקענט האָבן אַ סך, ווען ער וואָלט מקבל געווען געלט און סתם מתנות, וואָס מען באַט אים אָן יעדן טאָג), חוץ ספרים. מען ברענגט צו אים גאַנצענע וועגענער מיט ספרים.

ווייטער דערציילט דער גלח, אַז דער דאָזיקער רב ר׳ שלמה קען גוט לאַטיין און משמעות אַז אויך גריכיש.

אינטערעסאַנט איז די א ו י ס ע ר ל ע כ ע באַשרייבונג פון דעם רב שלמה.

„דאָס איז געווען — שרייבט כאָדזשקאָ — גאָר אַן אַנדער טיפּ ייד. אין דער וואָכנס האָט ער געטראָגן אַ קאַפּאָטע געמאַכט פון ווייסן לייוונט, וואָס געווענלעך טראָגן יידישן שבת, ווען זיי גייען אין שול אַריין... אפילו זיין הוט איז געווען אַ ווייסער אונטערן הוט האָט ער געטראָגן אַ יאַר־מולקע... זיין גאַרטל איז אויך געווען אַ ווייסער... אַ געשטאַלט אַ טרוקענע, משמעות אויסגעדאַרט פון זיצן צופיל איבער ספרים. עס איז נישטאָ גאַרנישט אויסטערלישעס אין זיין אויסזען. אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, ביסטו געווען גרייט אים הערן אַ גאַנצן טאָג. מען האָט ממש פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט אַ ייד. אַזוי גוט האָט ער גערעדט פויליש. ער האָט גערעדט לאָגיש און גוט אַרויסגעבראַכט זיינע אַרגומענטן.״

ווייטער קומט דער שמועס וועגן דעם מערקווירדיקן פאַל מיטן געדרודפטן ייד אויף די גאַסן פון וואָלאָזשין, וואָס האָט שוין אַ קנאַפּן היסטאָרישן אינטערעס.

כאָדזשקאָ האָט דאָס געשריבן אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. אַז דער רב איז אייגנטלעך דער ראש הישיבה פון וואָלאָזשין — איז נישטאָ קיין ספק. וואָס שייך זיין נאָמען שלמה, איז דאָס זיכער אַ טעות. אורטיילנדיק אָבער פון איין פּרט, אַז ער איז געווען אַ זון וואָס האָט געירשנט דעם טאַטנס שטעלע, קען מען זיך משער זיין, אַז דאָס איז געווען ר׳ י צ ח ק, דער זון פון ר׳ ה ל ל פון גראָדנע, וואָס איז נאָכן פאָטערס טויט געוואָרן ראש ישיבה. דאָס איז געווען אין יאָר 1821. אמת, אין 1824 האָט זיך די ישיבה צייטווייליק פאַרמאַכט. אָבער די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געקענט פאָרקומען פאַר 1824.

מיטן גאַנצן ענין דאַרפן זיך קודם כל פאַראינטערעסירן די היסטאָ־ריקער גופא פון ישיבות אין ליטע און פוילן.

דער אויסצוג ווערט דאָ געבראַכט אין אַ פרייער און נישט פול־שטענדיקער איבערזעצונג פון פויליש, ווי אַן אומבאַקאַנטער מקור צו דער געשיכטע פון דער וואָלאָזשינער ישיבה און אויך ווי אַן אילוסטראַ־ציע צו דער שטעלונג פון די פוילישע שרייבער אין ליטע צום אָרטאָ־דאָקסישן יידנטום.

**מקורים:**

**Ignacy Chodźko,** Obrazy litewskie, Wilno, 1903, 689-698.

**איבערגעזעצט אויף רוסיש אין:**

Историческій Вѣстникъ 1880, 2, 309—318.

וועגן דער וואָלאָזשינער ישיבה שרייבט אויך דער פוילישער שרייבער:

**Czesław Jankowski,** Powiat Oszmiański, 1910, צווייטער באַנד

אַ משכילישע באַשרייבונג פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, זייער אַן אינטערעסאַנטע געפינט זיך אין רוסיש־יידישן זשורנאַל День 1869, נומער 24, א״נ Ешиботная Бурса

# X

## לעאָן לעוואַנדאַ און די יידישע קולטור־פּאָליטיק אין ליטע

אין איינעם פון די קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך ווערט דערציילט וועגן דער ראָלע וואָס ל ע וו א נ ד א (1835—1888) האָט געשפּילט אין דעם רוסיפיקאַטאָרישן קורס פון דער השכלה אין ליטע.

לעוואַנדאַ איז געווען אַ תלמיד פון דער ווילנער ראַבינער־שול. ווי אַ סך תלמידים, האָט אויך לעוואנדא באַטראַכט די שול, ווי דער איינציקער לעת עתה מעגלעכער וועג אויף צו באַקומען וועלטלעכע בילדונג. ער האָט נישט געהאַט בדעה ווען עס איז ווערן אַ ראַבינער. פון נאַטור אַמביציעז און פּעאיק, האָט ער געוואָלט אַריינשפּרינגען פון געטאָ אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון רוסישן קולטור־לעבן. פאַר יענער צייט האָט מען דאָס געקענט דערגרייכן דורך שמד, און אַפילו דאָס נישט אַלע מאָל. לעוואנדא איז געווען גרייט זיך צו שמדן, אויב דאָס וועט אים העלפן אין דער קאַריערע, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן.

נ אַ ז י מ אָ וו, דער דעמאָלטדיקער ווילנער גובערנאַטאָר, האָט אין אַ בריוו צו נ אָ ר אָ וו, דעם רוסישן בילדונג־מיניסטער, געשריבן, אַז דער 19 יאָריקער לעוואנדא וויל נישט זיין קיין ראַבינער, ווייל יידן זענען אַזוי פאַנאַטיש, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט איינגיין אויף רבנים, וואָס זענען אויסגעשולט אונטער דער השגחה פון נישט־יידן. דעריבער איז לעוואנדא גרייט זיך צו שמדן, כדי צו קענען אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט און „לויטן מוסטער פון אייניקע זיינע אמונה־ברידער, וואָס

האָבן אָנגענומען דעם טויף, דורכאַקערן זיך אַ וועג צו מלוכה־דינסט!״ (בריוו פון 5טן יוני 1854).

דער גובערנאַטאָר האַלט אָבער, אַז מען דאַרף אַ תּלמיד צום שמד ניט אָנרעדן, ווייל דאָס קען אָפּשוואַכן דעם ניט איבעריק שטאַרקן צוטרוי מצד יידן צו דער ראַבינער־שול בכלל.

נאָראָוו האָט איינגעשטימט מיטן גובערנאַטאָר און געגעבן אַן אינסטרוקציע ניט צו באַשווערן לעוואַנדאַן דאָס איבערגיין אויף דעם פּעדאַגאָגישן טייל פון דער ראַבינער־שול. וואָס שייך זיין גרייטקייט זיך צו שמדן, מיינט דער בילדונגס־מיניסטער, אַז אויף דעם איז תּמיד דאָ צייט. זאָל ער קודם כּל ענדיקן פֿאַר אַ לערער און ערשט ביים באַקומען אַ שטעלע וועט ער קענען דערפילן זיין... באַגער.



ל ע ו ו אַ נ ד אַ

לעוואַנדאַ איז אָבער אָבער קיין אַלגעמיינער (רוסישער) לערער ניט געווען. אין 1861 ווערט ער לערער אין מינסקער יידישער קרוין־שול. מיט אַ יאָר פֿריער האָט ער דעבוטירט מיט אַן אַרטיקל וועגן יידן אין ליטע אין דעם רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „ראַזסוויעט״. נאַזימאָוון איז דער אַרטיקל שטאַרק געפֿעלן געוואָרן און ער האָט אים באַשטימט פֿאַר זיין יידישן יועץ (אוטשאָני יעווריי). ווי אַ זשורנאַליסט און מלוכה־באַאַמטער האָט לעוואַנדאַ פֿאָרמולירט אין אַ ריי אַרבעטן זיין קוק אויף דער יידישער בילדונג־פּאָליטיק אין ליטע. ער האָט פֿאַרטיידיקט דעם אָפּיציעלן קורס אין ליטע, אַז יידן דאַרפֿן זיין די הויפּט־טרעגער פֿון רוסיפֿיקאַציע, ווייל אויף אַנדערע נאַציאָנאַלע אָדער עטנישע גרופּעס (פּאָליאַקן און אַפֿילו דייטשן) קען מען זיך ניט פֿאַרלאָזן, אָדער עס פֿעלט זיי יענער קלאַס, וואָס נויטיקט זיך אין בילדונג (ליטווינער, ווייסרוסן).

לעוואנדא האָט געהאלטן, אז דווקא די יידן אין ליטע קענען שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע אין צעמענטירן דאָס לאנד מיט דער „מוטער״ רוסלאנד.

„נאָר אין מערב־קאַנט — האָט לעוואנדא געשריבן אין 1868 — קען מען מאָביליזירן יידישע רעקרוטן פאַר דעם קאַמפּוס פון ערלעכע, טיכטיקע געלערנטע מ ע נ ט ש ן, וואָס רוסלאנד האָט אזוי ווייניק. ווייל דאָ איז דער צענטער פון דער יידישער אינטעליגענץ, און נישט אין נ יי ־ ר ו ס ל אַ נ ד, וווּ עס איז אפילו נישטאָ קיין רמז פון אזא אינטעליגענץ״.

פאַר לעוואנדאן האָט דער ייד אין ליטע ממש געהאַט אַ היסטאָרישע מיסיע. ער וועט ווערן דער עכט־רוסישער קולטור־טרעגער אין אַ לאנד, וווּ קיין רוסן זענען כמעט ווי נישט בנמצא.

ער שרייבט, אז אַ רוסישע אוניווערזיטעט אין ווילנע וועט אויפטון אַ סך מער אויף דעם געביט פון רוסיפיקאַציע, ווי דיוויזיעס רוסישע זעלנער.

לעוואנדא האָט נישט פארשטאנען דעם קולטור־קאמף, וואָס האָט זיך צו יענער צייט אָפּגעשפּילט אין ליטע. עס איז דער אָנהויב פון דער באַנייטער ליטווישער און ווייסרוסישער ליטעראַטורן און שפּראַכן. די יידישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך. די פּוילישע ליטעראַטור אין ליטע פאַרמאָגט שטאַרקערע דעמאָקראַטיש־הומאַניסטישע טענער, ווי אין אנדערע טיילן פון אמאָליקן פּוילן.

פון יידיש האָט לעוואנדא נישט געהאַלטן. העברעאיש האָט ער געהאַלטן פאַר אַ טויטע שפּראַך.

„די יידן — האָט ער געשריבן — איז לייכטער זיך בירגערלעך צו אַסימילירן מיט די אַרומיקע נאַציאָנאַליטעטן, ווייל זיי גופא פאַרמאָגן נישט קיין אייגענע נאַציאָנאַליטעט; אַ נאַציאָנאַליטעט אָן אַ שפּראַך און אָן אַ באַשטימטער טעריטאָריע — איז אָן אומזין״.

אָבער לעוואנדא האָט געוואָלט די יידן אַסימילירן מיט אַ שפּראַך פון אַ מלוכה און נישט מיט דער קולטור פון די „נאַציאָנאַליטעטן״ אין ליטע.

די ביז איצטיקע פּאָליטיש־נייטראַלע פּאָזיציע פון דער השכלה אין ליטע, האָט לעוואַנדאַ אַראָפּגעפירט אויף די געפערלעכע וועגן פון גרויס־רוסישן מלוכה־אימפּעריאַליזם. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס זיין „פּי־לאָזאָפיע" פון דער יידישער געשיכטע אין פּוילן און ליטע האָבן די סאָוועטיש־יידישע היסטאָריקער איבערגענומען און זי נאָך מער אַנט־וויקלט.

די דריי חלוקות פון פּוילן אין 18טן י"ה זענען געווען „פּראָגרע־סיווע" פאַקטן, ווייל זיי זענען געוואָרן דער אָנהייב פון דעם סוף פון דער יידישער נאַציאָנאַלער איזאָלאַציע. רוסלאַנד האָט אַזוי אַרום געשפּילט אַ „באַפרייענדיקע" ראָלע לגבי יידן, בעת זי האָט פאַרנומען אין 1772 די גרויסע שטחים פון פּוילן.

אין דער צייט פון די פּאָגראָמען פון 1880־1881 איז לעוואַנדאַ געוואָרן אַנטוישט אין די רוסישע חלומות זיינע. ער איז געוואָרן אַ היי־סער חובב־ציון. ליידער האָט זיין נשמה נישט אויסגעהאַלטן די אַנטוישונג און ער איז געשטאָרבן אַ גייסטיק־קראַנקער.

אין די יאָרן 1924־1936 האָבן די סאָוועטיש־יידישע היסטאָריקער (ס אָ ס י ס, י ו ד י צ ק י, מ אַ ר ג אָ ל י ן, ה יי ל י ק מ אַ ן) אויפגעלעבט לעוואַנדאַס טעאָריעס וועגן דער רוסלענדישער „מיסיע" לגבי יידן אין שייכות מיט דער חלוקה פון פּוילן.

## ל י ט ע ר אַ ט ו ר

בריוו פון לעוואַנדאַ „**יעווריייסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ, באַנד 9 און 10**.

נ. בוכבינדער, **לעוואַנדאַ אין ליכט פון אַרכיוו מאַטעריאַלן. פּעטראָגראַד, 1918. (אויף רוסיש)**.

דער זעלבער **לעוואַנדאַס בריוו צו דע פּולע. „יעווריייסקי וויעסטניק", לעני־גראַד, 1928, זייטן 52—68 (רוסיש)**.

## XI

# יואל דוד בן צבי הירש הלוי לעווענשטיין סטראַשונסקי

(דער ווילנער באַלעבעסל)

(1850 — 1816)

פון דעם טעקסט אין בוך גופא ווערט קלאָר, אז דער דאָזיקער באַרימטער ווילנער חזן (מער באקאנט ווי דער „ווילנער באַלעבעסל"), איז געווען אַ משכילישער בּאָהעמער, אגב דער ערשטער חזן אין די משכילישע קרייזן, וואָס האָט זוכה געווען צו פארברענגען מיט די חשובסטע יידישע שרייבער אין ליטע. וועגן זיין לעבן ווערן דערציילט מער מעשיות ווי אויטענטישע פאקטן. אזוי, למשל, ווערט הערציילט וועגן א קאָנצערט, וואָס ער האָט געזאָלט געבן פאר די פּאָליאקן אין ווארשע (אין יאָר 1841), דאָרטן האָט ער זיך געזאָלט פארליבן אין א טאָכטער פון א פּוילישן גראף און איז מיט יאָרן שפּעטער געשטאָרבן פון מעלאנכאָליע, צוליב דער דאָזיקער אומגליקלעכער ליבע.

אין דער אמתן איז דער קאָנצערט פארגעקומען אין ווארשע, זומער 1842. די ווארשעווער גמינע האָט באקומען א בריוו פון די ווילנער משכילים מיט דער בקשה צו העלפן מאכן אַ קאָנצערט פאר דעם חזן לעווענשטיין־סטראַשונסקי. דער פּאָרזיצער פון דער גמינע איז דעמאָלט געווען מאַטיאַס ראָזען. צווישן די דאָזיקע זענען געווען א שפּאָר ביסל גאנצע און האלבע משכילים.

דער ווילנער חזן האָט מסכים געווען, אַז די הכנסה פון דעם דאָזיקן קאָנצערט זאָל גיין אויף שטיצן די משפחות יידישע נשרפים, קרבנות פון אַ שריפה וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אויף אָגראָדאָווע גאַס.

די קהילה איז אויף דעם איינגעגאַנגען. אָנהייב יוני 1842 איז שוין געווען פאַרטיק די דערלויבעניש. דעם ווילנער חזן האָט מען געשיקט 300 פוילישע גילדן אויף הוצאות־הדרך פאַר אים און פאַרן כאָר.

„ווילנער באַלעבעסל"

אין וואַרשע איז געוואָרן אַ טומל. דער קאָנצערט האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס אין אַלע יידישע קרייזן. דער פּראָגראַם האָט געזאָלט באַשטיין פון פרייטיק־צונאַכטיקע תפילות. אַ חוץ דעם כאָר, האָט אָבער אויך זיך געדאַרפט אין דעם קאָנצערט באַטייליקן אַן אָרקעסטער. די חסידים זענען אַרוים מיט אַ פּראָטעסט קעגן אַזאַ חלול־השם. די משכילים האָבן זיך אָבער איינגעעקשנט, אַז עס מוז זיין דווקא מיט מוזיק, ווייל אויך גויים וועלן קומען אים הערן.

דער „ווילנער באַלעבעסל" האָט זיך געפונען צווישן צוויי פייערן: צווישן דעם פייער פון אמונה און דעם פייערווערק פון ווערן תיכף באַרימט צווישן גויים. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, מאַטיאַס ראָזען, אַנב אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק און פון נגינה, האָט עס געוואָלט.

אפשר האָט דער דאָזיקער קאָנצערט אים צוזאַמענגעבראָכן און מען האָט אויסגענוצט די מעשה מיטן קאָנצערט, נישט כדי צו דערקלערן דעם איבערברוך אין דער נשמה פון דעם ווילנער חזן — נאָר צוגעטשעפּעט אַ ראָמאַנטישע מעשה מיט אַ פּוילישער פּאַננע, אין וועלכער ער האָט זיך כלומרשט פאַרליבט.

משמעות, אַז דער אינצידענט האָט פֿאַרקירצט זיינע יאָרן. .
דאָס, וואָס ער האָט באַשיינט מיט זיין זינגען די באָהעמישע „ווע־טשערינקעס״ פֿון די ווילנער משכּילים, איז אויך אַ וויכטיקער פּרט אין זיין ווייניק אויסגעפֿאָרשטער ביאָגראַפֿיע.

[לויט ד״ר יצחק שיפּער. **אומבאַקאַנטע אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן דעם אויפֿהאַלט פֿון ווילנער „באַלעבעסל״ אין וואַרשע אין יאָר 1842. „היינט״, נומער 217, פֿון 23טן סעפּטעמבער 1934**.]

XII

## פויליש־יידישע קולטור באַציאונגען אין מינסק אין 1856

1.

„די יידן האָט מען נישט דערלויבט צו טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס, פּאַנטאָפל, פּיאות און שטריימלעך. דער פּאָליציימייסטער ב ו ד ז ק אָ, אַז ער האָט דערזען אַ ייד אין אַזאַ הולך, פלעגט ער תיכף אָפּשטעלן זיינע „רוסיפיצירטע" סוסים, צורופן צו זיך דעם קאָנסערוואַטיוון ייד מיט אַ ווונק פון אַ פינגער, גוט אויספּאַטשן אין מיטן גאַס און אָפּשיקן אין דער פּאָליציי־קאַנצעלאַריע. דאָרטן האָבן ספּעציעלע משרתים געבראַכט, מיט דער הילף פון אַ שער, דעם יידישן בגד צו דעם מעמד און דער מאָס, וואָס דאָס געזעץ האָט געפאָדערט".

2.

## אין דעם פּריצישן שול־אינטערנאַט אין מינסק אין 1856

אין דעם דאָזיקן פּריצישן פּאַנסיאָן (אויף רוסיש: בלאַגאָראָדני פּאַנסיאָן) האָט מען יידן זעלטן געזען. דאָך זענען זיי שוין געווען צו יענער צייט.

„איך האָב זיך באַגעגנט אין קלאַס 5 אָדער 6 מיט צוויי יידישע תלמידים, איינער האָט געהייסן ג אָ ל ד ב ע ר ג און געשטאַמט פון פּינסק; דער צווייטער האָט געהייסן א ו ר אַ ש ע וו און איז געווען

אַ בעקערס אַ זון פון ראָמאַנאָווסקע גאַס. עס האָט אונדז געוווּנדערט זייער רוסיש רעדן, און הגם זיי זענען געזעסן נאָר מיט פּאָליאַקן, האָבן זיי זיך פּויליש נישט אויסגעלערנט. זיי האָבן געמוזט האָבן אין קאָפּ אַן אומקלאָרע פּאָליטיש־אוטיליטאַרע טעאָריע (מכוח די שפּראַכן). אוראַשעוון פלעג איך פון צייט צו צייט באַזוכן טאַקע אין שול־ענינים. ער האָט געוווינט מיט זיינע עלטערן אין אַ קליין הויז, נישט ווייט פון אונדז. די עלטערן האָבן צווישן זיך גערעדט יידיש און מיט מיר נאָר פּויליש. די יידן אין מינסק האָבן קיין רוסיש נישט געקענט. די שילדן אויף די קראָמען זענען אַלע געווען אויף פּויליש. מיין אוראַשעוו איז געזעסן אין ווינקל פון דעם אָרימען חדר איבער רוסישע לערנביכער. עס האָט געברענט אַ דין „שבתדיק״ ליכטל און ער האָט געחלומט וועגן אַ קאַריערע, וואָס ער האָט געבויט אין זיינע חלומות מיט געדולד, עקשנות און סודות־פולקייט. אונדז, פּאָליאַקן, איז ער קיין שונא נישט געווען, אָבער אַ פריינט אויך נישט. ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער געבליבן אַ נישט־היגער, אַ פרעמדער, אַן אויסלענדער. נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם, איז ער אַוועק משמעות קיין כאַרקאָוו, כדי זיך לערנען אויף דעם אוניווערזיטעט. וועגן זיין ווייטערדיקן גורל ווייס איך נישט״.

**(פון די זכרונות פון דעם באַרימטן פּוילישן היסטאָריקער:**
**Tadeusz Korzon,** Mój pamiętnik przedhistoryczny, Kraków, 1912,13-14;29-30.

עס איז אויך כדאי אָנצוווייזן, אַז ביזן יאָר 1861 זענען יידן געווען טעטיק ווי פּ ו י ל י ש ע פאַרלעגער נישט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין מינסק, קרעמענעץ און אַנדערע שטעט.

אין מינסק, ווו **Korzon** האָט זיך געלערנט, זענען אין 1859 געווען טעטיק ווי פאַרלעגער פון פּוילישע ביכער, די ב ר י ד ע ר ב יי ל י ן.

XIII

# אַ מוסטער פון אַן הקדמה צו אַ יידיש השכלה־ביכל

ש מ ו א ל  ב ן  א ל י ה ו  ר ע ס ס ע ר, געבוירן אין ווילנע ארום 1820, איז געווען אַ לערער אין די קרוינישע יידישע שולן אין דרום רוסלאַנד. ער האָט מיטגעאַרבעט אין „קול מבשר", וווּ ער האָט געשריבן פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. ער איז געווען איינער פון די ערשטע פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון אַלגעמיינער געשיכטע אין דער יידישער שפּראַך. אין 1863 איז דערשינען זיינע „איינע קורצע אַללגעמיינע וועלט געשיכטע, פאָם רוססישען אין דייטש בלשון צח וקל, אין ערצעהלונגען איבערזעטצט פיר קינדער".

אין יאָר 1870 איז אין ווילנע דערשינען זיינע אַ פּאָפּולערע גע־שיכטע פון יידן א. נ. „קורות ישראל, די אַלטע געשיכטע פון פאָלק ישראל".

אין 1876 איז דערשינען זיין:

רבה איינע וואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם גרויסען יודישען לעהרער רבה בר נחמני, אין דער צייט פון ריש גלותא מר עוקבא איבערזעצט פאָן שמואל ב"ר אליהו רעססער מווילנא אין טאגאנראָג, וואַרשע, 1876, 66 זייטן.

פון דער דאָזיקער אויסגאַבע שטאַמט טאַקע די כאַראַקטעריסטישע הקדמה וואָס ווערט דאָ איבערגעדרוקט, ווי אַ מוסטער פון דער השכלה־צייט אין ליטע.

ד״ר יעקב שאַצקי

## ליבע פריינדע

„געוויס האָט איהר שוין געלעזין מיינע צווייא ביכלאַך, וועלכע איך האָב אין זשאַרגאָן איבערגעזעצט, אָט למשל: „די קורצע אַללגעמיינע וועלט געשיכטע״ (דברי הימים הכללים ווינא 1863) אונד „דיא אַלטע געשיכטע פון פאָלק ישראל (קורות ישראל, ווילנא 1869 חלק א). פיעל גילעהרטע (אונד אויך פראָסטע מענטשן) האָבען מיר געדאַנק פיר מיינע נוטצליכע אַרבייט, ווייל זייא האָבען דארינען פיעל נוטצען גיפונען פיר דעם געמיינעם עולם וועלכע זענין ניכט אים שטאַנד דורך פרעמדע שפראַכן מיט געשיכטען זיך צובעקענען אונד דאצו האָב איך אין זעהר אָ לייכטע פערשטענדיקע שפראַכע איבער־געזעצט. יעצט ליבע ברידער אונדז שוועסטער, בעט איך אייך, קופט מיין דיע־זען איבערזעץ..... גלויבט מיר, על אמונתי, דאָס איהר וועט פון דעם ספר״ל צופרידען בלייבען, וויא איך לעב, דאָס איהר וועט פון אים גרויס הנאה האָבען, מער וויא פון די אַללע פוסטע מעשיות וואָס איהר לייענט: פון אָ בעל־שם, פון וואָסער מענשן, האַלב־מענטש, האַלב־אָכס א. ד. ג. אין דיעזע מעשה, אָדער ראָמאַן, רופט עס אָן וויא איהר ווילט, וועט איהר געפינען פיל מוסר אונד וואָס הייסט גאוה, כעס אונד אַללערלייא כאַראַקטערין פון מענשן. דער כלל איהר וועט אין דעם ביכל אַללעס געפינען. דאריבער בעט איך אייך, שפּאַרעט נישט קיין געלד, נעהמט מיין דיעזען ספרל צו הויז (טאַקי פיר מזומן) אונד לייענט איהן מיט אויפמערקזאַמקייט (וואניעמאניע) וועט איהר זעהן וויא איהר וועט מיר איה״ש דאַנקען, דערפאר וועל איך אייך אין גיכען אַרויס געבען גאָר נייע שיינע צווייא ביכלאַך: „דיא אַחאַטניקי אונד דיא אינדיבאַנדיטען אין אַמעריקאַ״ — אונד: „די פּאַר־צייטיקע רציחות״ *) אונד אויך דעם צווייטען אונד דריטען טהייל „קורות ישראל״ — העלפט מיר ברידער, איהר וועט קיין חרטה ניט האָבען.

דער איבערזעצער

*) זיעהע קול מבשר 1871 נומר 36—40 (זען ערסטען קאַפּיטעל).

## XIV

# דער ווילנער מוכר־ספרים

די פּאָעמע וואָס ווערט דאָ איבערגעדרוקט האָט אָנגעשריבן דער פּוי־לישער פּאָעט לודוויק קאָנדראַטאָוויטש (1823־1862), מער באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים װלאַדיסלאַװ סיראָ־קאָמלאָ.

דער פּראָטאָטיפּ פאַר דער פּאָעמע איז אייגנטלעך אַ סינטעטישע געשטאַלט צונויפגעשטעלט פון צוויי פּאָפּולערע ווילנער יידן( וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אַלטע פּוילישע ביכער און געווען שטאַרק פּראָ־פּויליש אין זייערע פּאָליטישע סימפּאַטיעס און סענטימענטן.

איינער פון זיי איז געווען זרח שעפּסלס (1800־1886), ממש אַ לעגענדאַרישע געשטאַלט צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ אין ליטע (ער האָט געקענט פּערזענלעך דעם יונגן מיצקעוויטש), און דער צווייטער איז געווען שאול קינקולקין (1830־1908). די צוויי יידן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פּאַטריאָטישע געשעענישן וואָס האָבן דערפירט צום אויפשטאַנד פון 1863.

זרח שעפּסלס האָט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע פּאַטריאָטי־שע ליטעראַטור, געהאָלפן די אַרעסטירטע פּוילישע פּאַטריאָטן. אַ מיט־צייטלער—פּאָליאַק (גיישטאָר) דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז דאָס איז געווען „זייער אַ סימפּאַטישער ייד, זייער ענלעך אויף הרב בעריש מייזלס. ער איז געווען אַ גוטער פּאָליאַק און אַ הייסער ייד".

שאול קינקולקין איז געווען אַרעסטירט אין 1861 און געזעסן אַ יאָר אין ווילנער טורמע, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרשפּרייט

פּוילישע רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס. זיין לוויה אין ווילנע (30 יאַנואַר 1908) האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּ ו י ל י ש ע פּאַטראַ־טישע דעמאָנסטראַציע. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יי ד י ש ע ר ווילנע האָט מען געהערט פּ ו י ל י ש ע הספדים און דערצו נאָך געהאַלטן פון פּאָליאַקן. די פּוילישע פּרעסע האָט פּאַרעפנט־לעכט אויספירלעכע און זייער סימפּאַטישע נעקראָלאָגן, ווי, למשל, „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני״ (נומער 11, 1908).

חוץ דעם קינסטלערישן ווערט איז די דאָזיקע פּאָעמע אויך פון אַ וואָגיקן קולטור־היסטאָרישן באַטייט.

די פּאָטאָגראַפּיע, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין בוך (זייט 151), איז אַ קינסטלערישע אויפפאַסונג פון דעם „יידישן בוקיניסט״ — הגם עס זענען פאַראַן אויטענטישע בילדער פון ביידע יידישע בוכהענדלער (געווען אין וואַרשעווער נאַציאָנאַל מוזיי.)

קינקולקינס פּאָטער האָט אפילו געהאַט אַ געווויסן שייכות מיט דער יידישער ליטעראַטור.

אין 1823 האָט ער אָפּגעדרוקט אין ווילנע אַ וויצן־ביכל, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן דאָס ערשטע פון דעם מין אין יידיש.

דאָס ביכל הייסט:

הונדערט אונד אייני אַנעגדאָטין אודר קורצי בשרייבונג: וועלכי קאָנין דען באַזאָרגטין מענטשין פיל פאַר גיניגין מאַכין אין דער צייט ווען זייא פון זייער לערנונג אודר אַרבייט פראַיי זיינן. איר וועט לעזין דרינן אוך מאָראַל (מוסר), פילאָזאָפיע; צום מערשטין אבר פינד זיך זעלכי (מעשיות) פון וועלכי איר וועט פיר גיוויש גרויש (הנאה) האָבן; דיזי אַלע אַנעגדאָטין זיין וואַרין איבער גיזעצט פון פראַנצייזישע, פּוילישי און אויך טייטש־ביכער, מיט איין גרינגין (לשון) זוא וויא מיר איין וואָניר דיזיש לאַנד שפּרעכין. ווילנע, תקפ״ד, 1823.

ס י ר אָ ק אָ מ ל אַ איז געווען זייער באַפריינדעט מיט ווילנער משכילים און האָט אַ סך געשריבן וועגן יידן און קאַראַאימען אין ליטע אין זייער אַ סימפּאַטישן ליכט.

**וועגן קינקולקין און שעפּסלס זען: שאַצקי אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 1915, זייטן 30—31.**

## KSIĘGARZ ULICZNY.

---

Aksamitem i złotem świetnieją księgarnie,
Aksamitna publiczność po książki się garnie.
A księgarz ceniąc towar jako mu się zdawa,
Złocistemi wyrazy sypie jak z rękawa;
I nam, którzy do druku gotujemy skrypta,
Do spartańskiej polewki dana soli szczypta
Dzięki Bogu i za to; a czy pamiętacie,
Kiedy w pańskim pałacu i w szlacheckiej chacie,
Starczył za wszystkie książki wileński kalendarz,
A za wszystkie gazety wioskowy arendarz?
Dziś cała Litwa czyta, dziś wszystko jej znane,
Więc pytasz sam u siebie: kto sprawił tę zmianę?

Patrzcie! ja go wam wskażę. Przyparty do ściany
Stoi Żyd siwobrody, okryty w łachmany,
Oczy krwawe, zamglone, zgrzybiałość na twarzy,
Pod pachą kilka książek. To Nestor księgarzy!
Nie szydźcie z tej postaci! Lat sześćdziesiąt blizko,
Jak zajął przy tej ścianie swoje stanowisko
I przechodniom zalecał bibułę i szmaty,
Za miedzianą monetę dał złoto oświaty.
Gdy wielka pieśń i mądrość Hellady i Romy,
Górowała nad naszej mądrości atomy,
Kiedy w słowie Platona, w Horacego nucie,
Znajdowano Wielkości i Piękna poczucie;
On sprzedawał łacińską książeczkę in quarto,
Zabrudzoną z początku, a z końca odartą,
Sprzedał za kilka groszy i w dodatku powie:
— Niech pan czyta szczęśliwie, niech służy na zdrowie!

Zdrowież było w tych książkach! Słowo wrzące czynem,
Naczytawszy się Rzymian, byłeś Rzymianinem,
Duch olbrzymiał w potęgę, opływał w rozkoszy,
Za ubogą zapłatę kilkunastu groszy.
A nędzarz co to sprzedał, patrz, jak błogo leci,
Kupić czarnego chleba dla żony i dzieci;
Jak za ten czarny chlebek, plon swojego żniwa,
Panu Bogu dziękczynne psalmy wyśpiewywa!

Pogadajmy z nim sami. Wspomniał czasy młode,
Westchnął, oparł na kiju osiwiałą brodę,
Otarł czerwone oczy:

— Panicze! panicze!
Tyle dobrego zdrowia i setnych lat życzę,
Ile przez moje ręce przeszło za lat dawnych
Prawdziwych Elzewirów w pergamin oprawnych!
Czy to raz profesorka figura zgarbiona,
Płaciła po dukacie listy Cycerona?
Za Plautusa, choć prawda inkunabuł stary,
Pan Groddeck mi zapłacił aż cztery talary.
A ja tylko sprzedając ściskam ramionami,
Bo na co im te książki, kiedy piszą sami?

Rarytne były czasy, a książek ogromy,
Groddeck, Czacki, Śniadeccy, popisali tomy,
Dzieła choć naukowe szły jak asygnata,
Dużo ich sprzedawałem w staroświeckie lata!
Czy żyją, czy pomarli, daj Boże im zdrowie!
Kupowali je churmem akademikowie.
Nie jeden z nich dostąpił sławy literata,
Lub wielkiego lekarza przed obliczem świata.

Niejeden tego doszedł przez mego Homera,
Że dziś jeździ karetą i ubogich wspiera,
Toż wszystko moje dzieci! mogę mówić śmiało,
W moich to oczach rosło, w moich rozumniało.
A był to lud ubogi, obciążony pracą,
Niejeden chciałby kupić... a tu niema za co!
Niejeden — tych paniczów dobrze mam w pamięci —
Targuje, zwraca książkę, a łza mu się kręci.
To ja tak myślę sobie: — No, szkoda mi dzieci,
Dam na kredyt lub wzamian literackich śmieci,
Od Baki do Newtona wszystko mi się przyda,
A poczciwi panicze pokochali Żyda,
Grosz powoli, lecz ciągle, do worka się sączy,
Aż przyszedłem nakoniec do nowej opończy.

W zamianę dostawałem grube foliały:
Rejów, Wujków, Paprockich, Stryjkowskich zbiór cały,
Łazarzów, Piotrkowczyków wydania bogate,
I pamiętam tytuły, pamiętam ich datę.
Nie chwaląc się, znam druki krakowskie najrzadsze,
Że czasem i w Bentkowskim omyłkę dopatrzę.
Niepopłatny był towar, mało znany komu,
To ja... z piętra na piętro... od domu do domu...
Obnoszę, pokazuję, rarytność dowodzę,
Wypchną mnie przez drzwi jedne, ja drugiemi wchodzę;
Bo z biedy cóż mam począć? Dla kawałka chleba
Jasnym panom oświatę narzucać potrzeba.
I trochę rozbudziłem do książek ochotę:
Kolońskiego Kromera sprzedam za dwa złote;
Jeszcze wyższej w mym handlu dochodziły ceny,
Stuletnie kalendarze i Nowe Ateny.

Najwyżej stał Paprocki — bo tam było ryte,
Jaki herb dla lokaja, jaki na karetę.
A choć mi czasem szkoda gotyckich rupieci,
Cóż robić? myślę sobie — to na chleb dla dzieci.

No!... pana Mickiewicza zabłysnęła chwała;
Ale już postarzałem... broda posiwiała,
Ręce znużone dziełmi Tacyta, Plutarcha,
Wsparłem ot, na tym kiju, stary patryarcha;
I nieraz gdy książeczkę roznosiłem małą,
Samemu na ten towar patrzyć się nie chciało,
Bo do czego to warto? tom taki niespory!
Jam przywykł do in folio lub quarto majori.

Co w tem to pobłądziłem, bo to dobre dzieła!
Wallenrodom i Dziadom, Litwa przyklasnęła.
Czy pan wiesz? były cuda, co i sen nie marzy:
W pół godziny sprzedałem... dziesięć egzemplarzy!
A wziąwszy dziesięć złotych raduje się dusza:
Ha! to musi być większy od Horacyusza!
Pamiętam, jakby dzisiaj, gdy w rzewnej podzięce
Autorowi Grażyny całowałem ręce...
Lecz począłem ubożeć: czas płaci, czas traci...
Nowe kramnice książek otwarli bogaci,
A w każdej pełno ludu, ciekawość ich zdjęła,
Każdy się dopytuje o najnowsze dzieła;
A ja najstarszy księgarz, com sprawił tę zmianę.
Stoję, zgarbiwszy plecy i podpieram ścianę.

Co staremu do tego, czy wilgoć czy słota?
Zalecam przechodzącym romans Walter-Skota.

Egzemplarz niekompletny... cóż ja biedny zrobię?
Pan Joachim wyjechał, pan Mickiewicz w grobie...
Pamiętam ich, pamiętam... ja żyłem z ich darów,
Teraz już nie sprzedaję tak dobrych towarów...
Skarlał czas, pokarleli nasi literaci,
Ale, jak mówią ludzie: czas płaci, czas traci.
Bóg mi czterdziestoletnią wynagrodzi pracę,
Odzyskam na Kraszewskim, co na innych stracę.
Kupujcie go panowie! sprzedaję niedrogo,
Bo biedne moje wnuki z głodu pomrzeć mogą.

***

Wtem kareta księgarza po bruku się toczy,
I błotem zabryzgała ślepe starca oczy.
Otarł zbolałe oczy i podniósł je w górę:
— Och! na co ja stworzyłem tę literaturę!?

**Władysław Syrokomla**

# ביבליאָגראַפיע

אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן טשאַרטאָריסקיס בילדונגס־טעטיקייט אין ליטע. (אַקטן אין טשאַרטאָריסקיס אַרכיוו, קראָקע, נומער 5271 — בריוו פון האָגע, גליקסבערג און אַנדערע).

אַרכיוו־אַקטן פון צענזור־אַמט (וואַרשע, אוניווערזיטעט־אַרכיוו). קאָפּיעס פון אינסטרוקציעס און בריוו פון ווילנער צענזור־אַמט.

די דאָזיקע דאָקומענטן זענען כמעט אַלע פאַרברענט געוואָרן אין יאָר 1939. קאָפּיעס געפינען זיך אין מיין באַזיץ.

אַלעקסאַנדראָוו ה., רעקרוטשינע און די קאַזיאָנע יידישע שולן. צייטשריפט (מינסק, IV, 1930, 125־132.

אסף שמחה, מקורות לתולדות החנוך בישראל, כרך רביעי, ירושלים, 1943.

בריינין ראובן, פון מיין לעבנס־בוך, ניו־יאָרק, "איקוף", 1946.

גינצבורג מרדכי אהרן, דביר, ווילנע, 1844.

גינצבורג מרדכי אהרן אביעזר, וואַרשע, תרכ"ד.

גינזבורג שאול, היסטאָרישע ווערק, ניו־יאָרק, 1937, דריי בענד.

גינזבורג שאול, משומדים אין צאַרישן רוסלאַנד, ניו־יאָרק, 1946.

גינצבורג שמעון, ר' משה חיים לוצאטו ובני־דורו. (אסף אגרות ותעודות), תל־אביב, תרצ"ד, 2 בענד.

דערעוויאַנסקי יוסף־דוד, די באַציאונג פון דער געזעלשאַפט און די רעגירונגס־קרייזן צו דער ראַבינער־שול. ייוואָ־בלעטער, X, 14־19.

דנציג אברהם, חיי אדם, ווילנע 1819, [וויכטיק פאַר דער קולטור־געשיכטע פון יידן אין ליטע און דעם מחברס איבערלעבעניש בעת דער מלחמה פון 1812].

היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד III, רעדאַקטירט פון ע. טשעריקאָווער.

ווייסבערג יצחק־יעקב, אגרות יהודה ליב גאָרדאָן, וואַרשע, 1894, צוויי בענד.

ווײַנריב דוד, לתולדות ריב״ל. „תרביץ״ כרך ה׳, 199־207.
יאפע דינה, י. ל. גאָרדאָן ווי אַ קעמפער פאַר דער השכלה. „פון נאָענטן עבר״, 1938, העפט III—IV.
יודיצקי א., יידישע בורזשואזיע און יידישער פּראָלעטאַריאַט אין ערשטער העלפט XIX י״ה. קיעוו, 1930.
ליליענבלום מ. ל. אבות ההשכלה בליטא ובגליצא. „אחיאסף״, באַנד X.
מאַרגאָליס אַ, געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד. ערשטער באַנד, 1772—1861, מאָסקווע, 1930.
מגיד דוד, ווילנער משכילים מיט 60 יאָר צוריק. „פון נאָענטן עבר״, 1937.
מגיד דוד, פון מיין לעבן. „פון נאָענטן עבר״, 1938, I—IV.
מיימאָן שלמה, לעבנס־געשיכטע. איבערגעזעצט פון י. י. גאָלדשמידט, ווילנע, 1925.
עריק און ראָזענצווייג, די יידישע ליטעראַטור אין 19טן י״ה., קיעוו, 1935.
נאַטאַנזאָן נחמיה, שפת אמת, וואַרשע, 1887, 132 זייטן.
(פאַר דער קולטור־געשיכטע פון ווילנע).
פּאַזנער ש. ווילנער יידן אונטער דער נאַפּאָלעאָנישער אָקופּאַציע, ייוואָ־בלעטער, VII, 278—286.
פינעס מיכל יוסף, ילדי רוחי, ווילנע, 1872.
פרידקין א., אברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, ווילנע, 1925.
צינבערג ישראל, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, ווילנע, באַנד 5, 6, 7 און 8.
צינבערג ישראל, קולטור־היסטאָרישע שטודיעס, איבערגעזעצט און רעדאַקטירט פון יעקב שאַצקי, ניו־יאָרק, 1949.
קאָן פנחס, איינער פון די ערשטע דאָקטוירים אין ווילנע (אהרן גאָרדאָן), ייוואָ־בלעטער, I, 53—61, 477—478.
קאָן פנחס, אַ יידישע שטים צום אויפשטאַנד 1794 אין ווילנע, ייוואָ־בלעטער, 4, 134—148.
קאָן פנחס, יוליאַן קלאַטשקאָ און זיין פאָטער הירש. היסטאָרישע שריפטן. I, 772—778.
קאָן פנחס, יידישע פרויען אין דער אָקושעריע־שול ביים ווילנער אוניווערזיטעט (1811—1824), היסטאָרישע שריפטן, I' 767—772.
קאָן פנחס, דאָס ערשטע העברעאיש־יידישע לייען־בוך פון דער פוילישער שפראַך און זיין מחבר.
פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד III.
קאָן פנחס, די התחלה פון יידישן דרוקוועזן און די ערשטע יידישע זעצער אין גראָדנע און ווילנע, ווילנע, 1936.

קאָן **פנחס**, בריוו פון אַ ווילנער תלמיד פון 1822, **יונגער היסטאָריקער**, II, 1929, 143—148.

קאָן **פנחס**, דאָס ערשטע פויליש־יידישע ווערטער־בוך און זיין מחבר. **פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד I**, 1926.

קאָן **פנחס**, וועגן עפּנען שולן אין מאָהילאָווער און וויטעבסקער גו־בערניעס אין יאָר 1808. צייטשריפט, (**מינסק**), I, 157—164.

קאָן **פ.** האכסמפלר היחידי של „ספר הקונדס", קרית ספר, ח, 129—133.

קאָן **פנחס**, מילדות כמחברות ספרים לפני מאה שנה בווילנא. קרית ספר, XIV, 118—121.

קלויזנער **יוסף**, היסטוריה של הספרות העברית החדשה, **ירושלים**, כרך שלישי, **תרצ"ט**.

קלויזנער **ישראל**, וילנא בתקופת הגאון, **ירושלים**, **תש"ב**.

**רייזען זלמן**, נייע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער השכלה־ליטע־ראַטור, ייוואָ־בלעטער, 2, I, 193—207; 2, 367—389.

**רייזען זלמן**, צו דער געשיכטע פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור, ייוואָ־בלעטער 3, 240—259.

**רייזען זלמן**, אייניקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידי־שער דערציאונג אין אָנהייב פון 19טן י"ה. שריפטן פאַר פסיכאָלאָגיע און פּע־דאַגאָגיק **פון ייוואָ**, **באַנד I** (1933), 401—422.

**שאַצקי יעקב**, יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן פון 1806 ביז 1866. **ניו־יאָרק**, 1943.

**שאַצקי יעקב**, ליטווישע יידן און די מלחמה פון יאָר 1812 (**כתב־יד**).

## פּעריאָדישע שריפטן און זאַמלביכער

העבר (**פּעטראָגראַד**), 1918, 2 **בענד**.

רשומות (**אָדעס—תל־אביב**), 6 **בענד**.

כוכבי יצחק, 1861.

וואָסכאָד, 1881—1904 (**רוסיש**).

פּערעזשיטאָיע, 4 **בענד**, (**רוסיש**).

יעווריייסקאַיאַ ליעטאָפּיס, 10 **צענד** (**רוסיש**).

יעווריייסקאַיאַ סטארינא, (1909—1930), 13 **בענד**, (**רוסיש**).

פון נאָענטן עבר (**ווילנע**), 2 **יאָר**.

ייוואָ־בלעטער (**ווילנע**), 1931—1939.

**Abramowicz, Ludwik.** — Cztery wieki drukarstwa w Wilnie (1525-1925). Wilno, 1925.

